STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03165

IDEALE HEYRAT

Yisrael Iser Katsovitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידעאַלע הייראַט

א גליקליכער פאַמיליען לעבען
פון אַ אידעאַלע פאָר פאָלק

פון

ישראל איסר קאצאוויטש

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
ניו יארק
1929

Copyright, 1929,
Hebrew Publishing Company
New York

Printed in United States of America

צום אנדענקען פון מיין פרוי
פיינה רבקה ע"ה

אינהאַלט

פאָררעדע — — — — — — — — — — — — — — —

ערשטער טייל

יוסף'ס קינדהייט און יוגענד

1. יוסף'ס קינדהייט — — — — — — — — — — — — 11
2. זיין יוגענד — — — — — — — — — — — — — — 21
3. אומצופרידענקייט — — — — — — — — — — — — 29
4. זיין שיידען זיך מיט די עלטערען — — — — — — — 33
5. דער יונגער וואנדערער — — — — — — — — — — 38
6. די גוטע מענשען — — — — — — — — — — — — 45

צווייטער טייל

זייער פאַרהייראַטער לעבען

7. א שיינע ליבע און א גליקליכע הייראַט — — — — — 52
8. יוסף'ס פרומקייט — — — — — — — — — — — — 56
9. גייסטיגער צוזאמענבונד צווישען מאַן און ווייב — — — 58
10. אידישקייט און וועלטליכקייט — — — — — — — — 72
11. יוסף לערענט מיט אנדערע — — — — — — — — — 83
12. מען מוז מאַכען קאָמפּראָמיסען — — — — — — — — 85
13. דאָס ערשטע קינד — — — — — — — — — — — — 89
14. א שיינער לעבען אין אַרימע אומשטענדען — — — — — 92
15. פון א סוחר געוואָרען א לעהרער — — — 96
16. די קאַלטע נאַכט — — — — — — — — — — — — 99
17. א פרוי'ס מיטגעפיל — — — — — — — — — — — 103
18. ער זוכט און געפינט — — — — — — — — — — — 107
19. יוסף פירט גרויסע געשעפטען — — — — — — — — 111
20. א לעבען אין גוטע אומשטענדען — — — — — — — — 116
21. זייערע גוטע פריינד — — — — — — — — — — — 119
22. זייער קינדער ערציאונג — — — — — — — — — — 122
23. זיי פאַרלאָזען רוסלאנד — — — — — — — — — — 126

דריטער טייל

דער גרינער אידעאליסט אין אמעריקע

24. ווער איז אט דער גרינער — — — — — — — — — — — 134
25. די ערשטע איינדרוקען אין אמעריקע — — — — — 138
26. די קינדער זיינען שוין באשעפטיגט — — — — — 141
27. פריינד זוכען א געשעפט פאר דעם גרינעם — — — — 143
28. יוסף א מאנופעקטשורער — — — — — — — — — 149
29. ווי אזוי לעבען די גרינע — — — — — — — — — 152
30. פרנסה פון אידישקייט — — — — — — — — — — 155
31. פארמערייי אלס אן אידעאל — — — — — — — — 159
32. פון א פארמער א לעהרער און א שרייבער — — — — 170
33. באציאונגען צווישען עלטערען און קינדער — — — — 178
34. די פרוי, ליבע, הייראט און גט ביי אידען — — — — 182
35. יוסף מיט דינה'ן אין פארק — — — — — — — — 195
36. דינה טויט — — — — — — — — — — — — — 203

פאָררעדע

איך בין ניט קיין דיכטער, ביי ווענען דאָס שרייבען איז אַ צוועק אַן און פאַר זיך, אַלס אַן אויסגוס פון זיין פּאָעטישער נשמה, אָבוואָהל דער לעזער וועט גאָרניט לערנען דערפון. איך גלויב, אַז אויסער דעם עסטעטישען פאַרגעניגען, וואָס מיר געניסען פון דאָס געשריבענע וואָרט, דאַרפען מיר קענען עפּעס לערנען דערפון. דעריבער האָב איך באַשלאָסען שרייבען דעם בוך, האָפענדיג, אַז אייניגע לעזער וועלען עטוואָס לערנען דערפון.

איך בין א מאַן פון זיבעציג יאָר. פון אייגענע איבערלעבונגען, פון באָאָבאַכטען דעם לעבען פון אַנדערע מענטשען, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז צווישען דאָס ביסעלע גליק, וואָס מיר געניסען אין לעבען, איז דער גרעסטער גליק אַ גליקליכע הייראַט; און צווישען די פיל אומגליקען אין אונזער לעבען, איז דער גרעסטער אומגליק, אַן אומגליקליכע הייראַט.

הייראַט איז אימער געווען איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען אין אונזער לעבען; און איצטער איז דאָס געוואָרען אַ שווערע, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמע, ווייל די פרוי האָט רעוואָלטירט. זי פאָדערט און זי נעמט די פולע רעכט און פרייהייט גלייך מיט די מענער. די אַלטע פאָרמען פון דעם פאַמיליען־לעבען ווערען צושטערט, און קיין נייע זיינען נאָך ניט געשאַפען געוואָרען.

און ניט נאָר ביי די פרויען, נאָר אויך ביי די מענער איז געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם באַגריף פון פאַמיליען־לעבען. איבערהויפּט ווילען די מענער און די פרויען צורייסען די אייזערנע קייטען, וועלכע שמידען צונויף דעם מאַן און די פרוי און זיי קענען ניט באַפרייען זיך, ווען אפילו זיי ביידע זיינען וויליג צו באַפרייען איינער דעם צווייטען.

געווים איז זעהר וויכטיג, אז דער מאַן און די פרוי זאָלען זיך פיהלען פריי, און ווען זיי ווילען, זאָלען זיי קענען זיך שיידען. אבער נאָך וויכטיגער איז, אז דער מאַן און די פרוי זאָלען פאַר־שטעהן ווי אזוי צו מאכען, אז מען זאָל ניט ווערען זיך שיידען.

דעריבער האָב איך באשלאָסען צו שרייבען אָט די ערצעהלונג, וועלכע איז ניט קיין אויסגעטראכטע געשיכטע, נאָר דאָס איז א לעבענס־באשרייבונג פון א מאַן און א ווייב, וועלכע האבעןביידע גוט פארשטאנען, ווי אזוי צו מאכען, אז זייער פאמיליען־לעבען זאָל זיין פאר זיי א קוואַל פון ערמוטיגונג, פון באגייסטערונג און פון פאָלקאָמען גליק, סיי אין גוטע צייטען און סיי אין שלעכטע צייטען.

און פון דער ערצעהלונג זעהען מיר, ערשטענס, אז די פרוי שפּילט די הויפּט־ראָליע, צו מאכען, אז דער פאמיליען־לעבען זאָל זיין א גליקליכער. און צווייטענס, זעהען מיר אין דער ערצעה־לונג, אז פאָלקאָמע גליקזעליגקייט אין פאמיליען־לעבען קענען גע־פינען נאָר אזעלכע מענטשען, וועלכע האבען געמיינזאמע אינטע־רעסען און אידעען אין לעבען. א גליקליכע הייראט און דויער־האפטע ליבע קען זיין נאָר דאָרט, וואו עס איז אויסער דער קער־פערליכער צוציאונגס־קראפט אויך פאראן א נשמה'דיגער צוזא־מענבונד.

י. א. קאצאָוויטש.

ערשטער טייל

יוספ׳ס קינדהייט און יוגענד

ערשטער טייל

יוספ׳ם קינדהייט און יוגענט

קאפיטעל 1.

יוספ׳ס קינדהייט.

דער טייך נ. איז איינער פון די פילע קליינע טייכלאך אין ליטע. ער איז ניט לאנג, אָבער גאנץ טיף, און ערטערווייז גאנץ ברייט. ער האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ וועג צווישען אַלטע גרויסע געדיכטע וועלדער, און דאָרט, אין דעם שאָטען פון די הויכע בוימער, ציט ער זיך אין אַ שמאָלען פּאַס. קומט ער אָבער אַרויס פון וואלד צושפּרייט ער זיך. ערטערווייז שלענגעלט ער זיך אין אַ זיג־זאַג, און ערטערווייז ציט ער זיך גלייך צווישען ברייטע פעלדער; און ווען ער קומט צו אַ בארג טוט ער זיך אַ דרעה רעכטס אָדער לינקס, און זעצט פאָר זיין וועג, שטראָמענדיג גאנץ האסטיג. ער איילט זיך גיכער צו קומען צום גרעסערען טייך, אין וועלכען ער וועט אריינפאלען, און העלפען שלעפען קיין דייטשלאַנד די געהילץ פון **די רוסישע גרויסע וועלדער.**

פון ביידע זייטען טייך זיינען צעוואָרפען דערפער פון קליינע הייזער, געדעקט מיט שטרוי, וואו עס וואוינען די אָרימע רוסישע פויערים. און ביינאַהע אין יעדען דאָרף וואָהנט אַ איד. און די אידען מיט די פויערים האָבען געלעבט גאנץ פריינדליך, זייענדיג ניצליך איינע די אַנדערע אין זייער אַלגעמיינעם אונטערדריקטען אָרימען לעבען.

צווישען איין דאָרף און דעם צווייטען האָט מען געזעהן שעהנע פּאַלאצען מיט גרויסע פרוכט־געֶרטנער. דאָ האָבען געוואוינט די רייכע גוטסבאַזיצער, די פּוילישע פּריצים, אויף וועלכע די פויערים האָבען דעם גאנצען לעבען געאַרבייט פאַר אַ שטיקעל שוואַרצען ברויט.

אויף די ברעגען פון טייך האָבען זיך אויך געפונען וואסער־מילען, וואוהין די פויערים האָבען געבראַכט זייער ביסעל תבואה

צו מאַלען. די אַלע מילען זיינען געווען אין אידישע הענט. די מערסטע אַרענדירט פון די פּריצים און איניגע מילען האָבען באַלאַנגט צו אידען.

איינער פון די מילען איז געשטאַנען אין אַ פּלאַץ, וואו דער טייך גייט גלייך, און אויף אַ גרויסער שטרעקע פון אַלע זייטען האָבען זיך געצויגען פעלדער מיט תבואה און היי. איבער'ן טייך, צווישען צוויי הויכע ברעגען, איז געלעגען אַ לאַנגער בריק. נעבען בריק, אויפ'ן ברעג טייך, איז געשטאַנען דער וואסער־מיל מיט איינינע רעדער און שטיינער, וואו מען האָט געמאַלען אַ פּאָר די פּויערים זייערע גראָבע שווארצע מעל, אַ פּאָר די רייכע די גוטע דינע מעל. ווען מען איז געשטאַנען אויפ'ן בריק האָט מען פאַר זיך געהאַט אַ שיינע בילד: אונטען דער טייך איז דורכזיכטיג, דאָס וואסער איז קלאָר, מען זעהט דעם געלען זאַמדיגען גרונד, און מען זעהט די שווימענדיגע פיש, קליינע פישעלאך גאַנצע מחנות צוזאַמען, און די גרויסע פיש שווימענדיג באַזונדער. צו צפון זייט (נאָרד), ציט זיך אויפ'ן ברעג טייך אַ הויכער לאַנגער באַרג, איינגאַנצען פון אויבען ביז אַראָפּ באַוואַקסען מיט ניסען־בוימער. צו דרום־זייט (זיד) וואַקסט אין טייך הויכער טראַסניק (שילפראָר), וואו עס האַלטען זיך אויף ווילדע גענז און ענטליך. צו מערב זייט (וועסט), ניט ווייט, איז אַ גרויסער וואַלד פון הויכע פיכטען־בוימער, וועלכע פאַרשפּרייטען זומער אַ געזונטען אַראָמאַט. צו מזרח זייט (איסט) פון בריק, אַביסעל ווייטער פון טייך, שטעהט אַ שיינע גרויסע הויז מיט פיל אַנדערע געביידען. דאָ וואָהנט דער אייגענטימער פון מיל, אַ גאַנץ רייכער איד. געגען דעם מיל פון צווייטען זייט טייך שטעהט אַ קליין שטיבעלע פון צוויי צימערען מיט אַ פאָרהויז; און אין אָט דעם שטיבעלע איז געבאָרען גע־וואָרען יוסף, דער העלד פון אונזער דערציילונג. און אָט־דאָ האָט ער פאַרבראַכט זיינע קינדערשע יאָהרען.

יוסף'ס פאָטער, אברהם סיגעל, האָט געקענט לערנען, איז געווען פרום, ווי אַלע אידען אין יענער צייט, אָבער ער איז ניט געווען קיין פאַנאַטיק. דערצו איז ער געווען אַ פרייליכער מענש, אימער

מיט א וויץ, מיט א גלייכוווערטעל, אויף אַלע שמחות פריילאך געמאַכט מיט זיינע נגונים, און איז געווען א קינסטלער צו דער־ציילען געשיכטעס.

נאָך זיין חתונה האָט אברהם געהאַט א שטעלע ביי א אידען, וועלכער האָט געהאַנדעלט מיט וועלדער, און די געהילץ געשיקט מיט'ן וואַסער קיין זיד־רוסלאַנד. ווינטער, ווען מען האָט געהאַקט דעם וואַלד, איז אברהם געווען אין וואַלד אכטונג צו געבען אויף דער ארבייט, און אין פרילינג איז ער אַלס פאַרוואַלטער פון געשעפט געפאָרען מיט די געהילץ אויפ'ן וואַסער קיין זיד־רוסלאַנד. איין יאָהר איז דער האָלץ־געשעפט געווען זעהר שלעכט, און דער וואַלד־הענדלער איז רואינירט געוואָרען, געבליבען א קבצן; און אברהם איז געבליבען אָהן א שטעלע. ער האָט געקענט גענוג לערנען צו ווערען א מלמד; אָדער ער האָט געקענט עפענען א קרעמעל אין שטעטעל. האָט ער אָבער פיינט געהאַט מלמדות און קרעמעריי; און נאָך מעהר האָט ער פיינט געהאַט דאָס לעבען אין די שטעטלאך. ער האָט זעהר ליב געהאַט די נאַטור און געוואָלט לעבען נאָר פון זיין יגיע כפּים, פון דאָס וואָס ער פאַרדינט מיט זיינע הענט. האָט ער זיך אָפּגעזוכט א שטעלע אָט דאָ אין מיל, געוואָרען אַן איינפאַכער אַרבייטער. ער האָט געאַרבייט שווער, לאַנגע שטונדען און באַקומען גאַנץ ווייניג באַצאָהלט. דאָך איז ער געווען צופרידען.

יוספ'ס מוטער, רבקה, איז געווען א הויכע שלאַנקע פרוי, מיט אַן איידעלען פּנים. א גאַנץ שיינע, נאָר פאַרעלטערט געוואָרען פאַר דער צייט. פון דער נאַטור איז זי געווען א שטילע, גוטמוטיגע פרוי. אַלס אידישע גאַטספאַרכטיגע טאָכטער האָט זי איר אָרימען לעבען געטראָגען מיט געדולד, זעלטען באַקלאָגט זיך. זי איז צופרידען, וואָס גאָט האָט איר געגעבען א מאַן אַן איידעלען אידען מיט תורה, און איר איינציגער וואונש אין לעבען איז צו האָבען זיהן, וועלכע זאָלען קענען לערנען די תורה. זי אַליין האָט ניט געקענט ניט לעזען און ניט שרייבען. אָבער זי האָט גוט געקענט די אַלע ברכות און תפלות, וועלכע יעדע אידישע טאָכטער האָט געדאַרפט קענען. און זי, די איינפאַכע מוטער, איז געווען יוספ'ס

ערשטער לעהרער. ווען ער איז אַלט געוואָרען דריי יאָר, האָט די מוטער מיט אים ברכה געזאָגט אין דער פרי, אַ ברכה געמאַכט אויף אַלעס, וואָס ער עסט אָדער טרינקט; נאָכ'ן עסען געבענטשט, און פאר'ן שלאָפען קריאת־שמע געלייענט. אָט די איינפאַכע מוטער האָט אוועקגעלעגט דעם פונדאַמענט פון יוסף'ס רעליגיעזער ער־ציאונג. געווירקט האָט אויף אים איר טיפע ערנסטקייט, ווען זי האָט מיט אים געזאָגט די תפלות; און נאָך שטאַרקער האָט אויף אים געווירקט שפּעטער, ווען ער איז אַביסעל עלטער געוואָרען, און ער פלעגט זיך צוקוקען ווען די מוטער האָט פאר זיך תפלה געטאָן. צו יעדער תפלה האָט זי געהאַט אַן אַנדער מעלאָדיע, וועלכע האָט אריינגעדרונגען אין זיין הערצעלע. יעדעס וואָרט האָט ביי איר ארויסגעפליסט פון דער טיפעניש פון איר נשמה און אריינגע־פליסט אין זיין קינדערשער נשמה; און ווען ער האָט געזעהן, אַז זי טוט תפלה מיט טרערען אין אירע אויגען, זיינען זיינע אויגען אויך אָנגעפילט געוואָרען מיט טרערען.

ווען יוסף איז אַלט געוואָרען פיר יאָר, האָט מען אים ניט גע־קענט איינהאַלטען אין הויז. ער פלעגט שלעפען זיין עלטערע שוועסטערל אין דרויסען צו שפּילען זיך דאָרט. זי האָט אָבער בעסער ליב געהאַט צו זיצען אין הויז און שפּילען זיך מיט אירע קוקלעס (דאָלס), און קיין אַנדערע קינדער, מיט וועמען צו שפּילען זיך, זיינען דאָ ניט געווען, האָט ער גענומען באַפריינדען זיך מיט די אַנדערע באַשעפענישען, וואָס זיינע עלטערען האָבען פארמאָגט. ווען זיין טאַטע האָט געקויפט אַ ציג, צו האָבען פון איר אַביסעל מילך פאַר די קינדער, איז יוסף שטאַרק אַנטציקט געוואָרען, און גע־נומען אויפמערקזאַם באַטראַכטען די ציג מיט די לאַנגע הערנער. ער פּרובירט אַ גלעט טאָן זי, אַ טאַפּ טאָן אירע האָר, און זי טוט אויף אים אַ קוק מיט אירע גרויסע אויגען, און וויל אים אַ קלאַפּ טאָן מיט די הערנער. לויפט ער אין שטוב, קלייבט צונויף שטיקלאַך ברויט און שאָלאַכץ פון בולבע, און ברענגט עס צו דער ציג. איז זי אַביסעל פריינדליכער געוואָרען; און ביסלאַכווייז איז ער געוואָרען אַ גאַנצער מחותן מיט איר. און, ווען די ציג האָט גע־באָרען צוויי ציגעלאַך, איז זיין שמחה געווען אומבאַשרייבליך.

כאַפּט ער אַ ציגעלע אויף זיינע הענט און טאַנצט מיט איר. נאָך אַ גרויסע פרייד איז פאַר אים, ווען אַ הון האָט אויסגעבריט הינ־דעלאַך. איינמאָל האָט ער געכאַפּט אַ גוטן פּיק פון דער אַלטער הון, ווען ער איז געקראָכן צו די הינדעלאַך, אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרום דער הון מיט די הינדעלאַך. ער ברענגט זיי זייער עסן, וואָס די מאַמע גיט אים, און ער פאַרזאָרגט זיי מיט ריינע פרישע וואַסער צום טרינקען. די הינדעלאַך אָבער האָבן אים פאַרשאַפט אויך פיל צער. פיל פון זיי קרענקען און פאַלן טויט. ער זעט ווי ביי איינער רינט פון נאָז און זי הוסט, פּונקט ווי מיט אים טרעפט, ווען ער פאַרקילט זיך. די הינדעלע איז ווי שלעפערדיג, די פליגעלאַך אַראָפּגעלאָזן, עסט ניט, און מיט אַמאָל — געפאַלן, אַ גלאָז געטאָן מיט די אויגעלאַך, אַ צי געטאָן דאָס העלדזעלע, אַ צאַפּל געטאָן מיט די פיסעלאַך און געבליבן ליגן אומבאַוועגט. ער ווייס, אַז זי איז שוין טויט. שטעלן זיך ביי אים טרערן אין די אויגן. און איינמאָל האָט נאָך אַ גרעסערער אומגליק געטראָפן. אַ הון, אַ מאַמע פון צוועלף הינדעלאַך, איז קראַנק געוואָרן און איז גע־פאַלן טויט. יוסף זעהט ווי די צוועלף קליינע יתומים'לאַך לויפן אַרום דער טויטער און פּישטשען. דאָס וויינען זיי, טראַכט ער זיך, וואָס זיי וועלן מער ניט האָבן קיין מאַמען, וועלכע פלעגט זיי אַלעמען אַרונטערנעמען אונטער אירע פליגלען און וואַרימען זיי מיט איר קערפּער. פאַרקוועטש יוסף'ס קינדערשע הערצעלע און ער וויינט מיט אַ ביטערן געוויין.

ווען יוסף איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט דער פאָטער אָנגעפאַנגען מיט אים צו לערנען. שנעל אויסגעלערענט זיך לייענען, און גענומען לערנען חומש. אביסעל שפּעטער גענומען לערנען נביאים ראשונים. צו יעדער פּאַסירונג, וואָס ווערט דערציילט אין תנ"ך, האָט דער פאָטער צוגעלעגט שיינע ערציילונגען פון אַנדערע ספרים וועגן דער זעלבער פּאַסירונג. און דערציילט האָט ער קורץ און דייטליך, און אין אַ שפּראַך, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אַ קינד. יוסף האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, און אַנטוויקלעט האָט זיך ביי אים אַ שטאַרקע פאָרשטעלונגס־קראַפט. וואָס ער האָט געלערענט

האָט ער פאַר זיך געזעהען ווי אַ לעבעדיגע בילד. ווען ער לערענט דעם תנ״ך, טראָגט ער זיך איבער אינגאַנצען קיין ארץ־ישראל. ער זעהט פאַר זיך די ארץ־ישראל׳דיגע בערג און טאָלען, דעם ירדן, רחל׳ס קבר, און דאָס גלייכען. און די אַלע מענטשען, וואָס ווערען דערמאָנט אין תנ״ך זיינען אים אַזוי נאָענט, אַז ער נעמט אַנטייל אין זייערע איבערלעבונגען. ער וויינט ווען די ברידער פאַרקויפען יוסף׳ן, און טאַנצען ווילט זיך אים ווען מרים, משה׳ס שוועסטער, גייט אַרום מיט די פּויקען און טענץ.

וואָס ער לערענט חזר׳ט ער גוט איבער, און געהאַט האָט ער אַן אויסגעצייכענטען זכרון. ער געדענקט אויסווייניג גאַנצע פּסוקים פון תנ״ך, איבערהויפּט געדענקט ער די ערציילונגען. מיט אַ זעלטענער פּינקטליכקייט און באַגייסטערונג דערציילט ער אַלעס איבער פאַר דער מוטער, ווייל ער ווייס, אַז זי אַליין קען דאָס ניט לערנען.

יעדען טאָג נאָכ׳ן לערנען האָט ער פאַרבראַכט די צייט אין דרויסען. מיט אַלעס האָט ער זיך אינטערעסירט; און ביי אים האָט זיך אַנטוויקעלט די פעיאיגקייט צו באַאָבאַכטען, צוקוקען זיך צו יעדער זאַך. יעדע נייע ערשיינונג האָט אויף אים אַ טיפען איינדרוק געמאַכט. איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט דעם פריי־לינג. ער קוקט נאָך ווי יעדער זאַך שפּראָצט פון דער ערד, מיט יעדען טאָג ווערט עס גרעסער, און פילע זאַכען בליהען מיט שיינע בליאונגען פון פאַרשיידענע קאָלירען. ער באַטראַכט די מוראַש־קעס (ענטס), וועלכע אַרבייטען אַזוי פלייסיג; מען שלעפּט צונויף ווער וואָס עס כאַפּט, מען גרייט זיך שפּייז אויף ווינטער; און דערביי טאַקע זעט ער די היישעריגען מיט די לאַנגע פיס שפּרינגען און טאַנצען אין די גרינע גראָז, און טוען גאָר ניט; און אָט גייען זיך אַרום פאַמעליך גאָט׳ס בהמה׳לאַך, רויטינקע מיט שווארצע פּינטעלאַך, שפּאַצירען מיט גדלות און באַרימען זיך מיט זייער שיינקייט; און ניט ווייט זשומען די בינען, זויגענדיג די זאַפט פון די בלומען. דאָס גרייטען זיי האָניג; און מיט אַמאָל דערזעט ער ווי פון אַ בערגעל פּערדישע מיסט קריכען אַרויס גרינינקע זשוקעלאַך (ביטלס). און אונטער די שטראַלען פון דער זון שיינען

זיי פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען מיט גאָלד באַפּוצט. און יוסף באַטראַכט גאָט'ס וואונדער, וואָס פון אַ שמוץ קענען אַרויסקומען אַזעלכע שיינע באַשעפענישען.

ווען יוסף איז אַלט געוואָרען אַכט יאָר, האָט דער פאָטער אָנגעפאַנגען צו לערנען מיט אים גמרא, און שבת האָט מען גע־לערנט פּרקי אבות — די עטיקס פון אידענטום, און אויך מדרש, אָדער די אגדה פון תלמוד. דער פאָטער האָט שטאַרק ליב געהאַט מדרש און אגדה, וועלכע זיינען זעהר רייך מיט זייער עטיש־פּאָעטישען אינהאַלט, מיט די שיינע פאָלקס ערציילונגען, מיט משלים (פאַבלען) און לעגענדען, וועלכע דריקען אויס דעם אידענ'ס באַגריף וועגען לעבען. דאָס איז דער פּאָעטישער טייל פון דער אידישער רעליגיאָן, וואו עס ווערט געמאָלען מיט די שאַרפסטע שטריכען דעם פאָלק'ס נשמה. די אגדה בינדט צוזאַמען די פאַר־גאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט פון דעם אידישען פאָלק. דער פאָטער לערענט עס מיט באַגייסטערונג. און יוסף ווערט אויך באַגייסטערט. ניט נאָר זייערע שטימען גיסען זיך צוזאַמען, נאָר אויך זייערע הערצער און זייערע נשמות ווערען צוזאַמענ־געגאָסען. און די מוטער זיצט פון דער זייט, הערט זיך צו צו יעדען וואָרט, און איר האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט אַ נאָבעלען שטאָלץ און מיט אַ נשמה'דיגער פרייד, וואָס זי האָט אַזאַ מאַן און אַזאַ זוהן ווי איר יוספ'קע.

אויסער, וואָס דער פאָטער האָט מיט יוספ'ן געלערענט, האָט יוסף אַליין געלייענט פיל ספרים אין עברי־טייטש, דאָס מיינט — אין דער אידישער שפּראַך. דער אייגענטימער פון מיל האָט ניט געקענט לערנען, און ניט פאַרשטאַנען די העברעאישע שפּראַך, האָט ער געהאַט פיל ספרים אויף עברי־טייטש, ווי דעם מנורת המאור, קב הישר, מסילת ישרים, און דאָס גלייכען. האָט יוסף געליען פון אים אַט־די מוסר־ספרים. זומער פלעגט ער זיך פאַרקלייבען אין די גראָז אונטער אַ בוים און לייענען מיט קאָפּ, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף זיך אויפפירען אין זיין לעבען, אַז ער זאָל חלילה ניט פאַר־זונקען ווערען אין זינד, אַז ער זאָל לעבען אָרענטליך מיט גע־

רעכטפֿערטיגקייט צו אַלע מענטשען, און מיט רחמנות צו אַלע באַשעפֿעניש. און אַט אין די ספרים ווערען אויך דערציילט מעשיות וועגען דער גליקזעליגקייט פון צדיקים, און וועגען די שטראָף פאר די רשעים. די אַלע זאַכען האָבען זיך טיף אריינגעקריצט אין יוסף'ס הארץ און מח; און מיט גרוים באַגייסטערונג פלעגט ער דאָס אַלעס איבערלייענען פאר זיין מאַמען, און גאַנץ אָפט האָט ער דערפאר באַקומען פון איר א ווארימען מוטערליכען קוש מיט א ברכה פון איר טיפען הארצען.

צו עלף יאָר האָט יוסף אויף זיך געטראָגען אַלע פליכטען פון אידישקייט. און ער טוט אַלעס מיט צופרידענהייט און באַוואוסטזיניג. ער לערענט תורה מיט חשק, ווייל ער וויים, אַז די תורה מאַכט דעם מענטשען קלוג. ער טוט יעדער מצוה מיט פרייד, ווייל די תורה זאָגט, אַז די מצוות מאַכען ליכטיג דעם מענטשענס אויגען. ער דאַוונט מיט הארץ און מיט כונה, ווייל ער האָט געזעהן אין די מוסר־ספרים, אַז א תפלה אָהן כונה איז גלייך צו א גוף אָהן א נשמה. און מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט שבת און די ימים טובים. מיט אומגעדולד וואַרט ער די גאַנצע וואָך אויף שבת. פרייטאג־פאַר־נאַכט ווערט זייער קליין שטיבעלע אָנגעפילט מיט ליכט און פרייד. מען טוט אָן די שבת'דיגע קליידער. דער טיש איז געדעקט מיט א ווייסער טישטוך. עס ליגען צוויי צוגעדעקטע חלות אויף קידוש; פינף ליכט זיינען אריינגעשטעקט אין פינף שיינענדיגע לייכטער. די מאַמע בענטשט ליכט, און ער הערט ווי זי בעט גאָט, אַז ביי איר זוהן זאָל די תורה באַלייכטען די נשמה זיינע ווי די ליכט באַלייכטען איר שטוב. דער פאָטער שטעהט מיט'ן פנים צום וואַנט און דאַוונט הארציג מיט א שיינעם נגון, ווערט יוסף אויך באַגייסטערט און דאַוונט מיט'ן גאַנצען הארצען. די מערסטע צייט פון שבת פארברייננגט מען אין דאַוונען און לערנען, און דערצו נאָך עסט מען די געשמאַקע שבת'דיגע מאכלים. נאָר שבת עסט מען א שטיקעל פלייש, און נאָר אויף שבת קאָכט די מאַמע אַזעלכע געשמאַקע פיש און מאַכט אַזא מערען־צימעס און אַזא קוגעל.

פון די ימים טובים איז ער גאָר ענטציקט. ער ווייס גוט די באַדייטונג פון יעדען יום־טוב. די שיינע איינדרוקספולע יום־טובדיגע טראַדיציעס ווערען דורכגעפיהרט ביי זיינע גאָטספאָרכטיגע עלטערען אין אַ הייליגער שטימונג, און זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו אַנטוויקלען אין יוספּ'ן אַ פּאַטעטיש־רעליגיעז־נאַציאָנאַלען געפיל, וועלכער איז אין אים פאַרבליבען אויף זיין גאַנצען לעבען.

יאָ, צו עלף יאָר האָט ער זיך געפילט, אַז ער איז אַ איד גלייך מיט אַלע אידען; און ער זעט, אַז אַנדערע באַציען זיך צו אים אויך אַזוי. ביי דעם אייגענטימער פון מיל אין הויז איז שבת און יום־טוב אַ מנין. די אידען, וואָס וואוינען אין די אַרומיגע דערפער, אַזוי וויט אַז מען מעג גיין שבת און יום־טוב, קומען זיך צונויף צו דאַוונען מיט אַ מנין. יוספּ'ס פאָטער איז דער חזן; און ווען עס פעלט אַ צעהענטער צום מנין, רעכענט מען צו יוספּ'ן פאַר דעם צעהנטען, אַבוואָהל ער איז נאָך פאַר בר־מצוה. איינציגע מאָל האָט מען אים מפטיר געגעבען, און אַלע האָבען אים געלויבט. לעצטען ראש־השנה און יום־כפּור איז ער געווען אַ זינגער ביי זיין טאַטען, דעם חזן. אין אַלעם נעמט ער אַנטייל גלייך מיט די גרויסע. תשעה באב זיצט ער גלייך מיט אַלעמען אויף דער ערד, זאָגט קינות און קלאָגט אויף חורבן בית־המקדש. יום־כפּור זאָגט ער דעם על־חטא ווי אַן אַלטער, און בעט, אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין זיינע זינד, און שמחת־תורה טאַנצט ער מיט אַלעמען און פרייט זיך מיט דער תורה, וועלכע ער קען לערנען.

מיט איין וואָרט — ער איז שוין ניט מער קיין אינגעלע, נאָר אַ קליין אידעלע, באַלאָדען מיט תורה און מצוות; און דאָך האָט דער פאָטער אים ניט געשטערט הנאה צו האָבען פון גאָט'ס וועלט, וועלכע דער פאָטער אַליין האָט שטאַרק ליב געהאַט.

זומער באָדט זיך יוסף איינציגע מאָל אין טאָג, כאַפּט פיש מיט אַן אודקע און גייט אין וואַלד קלייבען יאַגעדעס און שוועמלאָך. און שפּעטער, אין הערבסט, קלעטערט ער אויפ'ן הויכען באַרג און קלייבט דאָרט ניס. ווינטער איז ער שוין ניט אַזוי פריי. ער האָט ניט קיין וואַרימע קליידער, מוז ער זיצען אין הויז. דאָך

כאַפּט ער זיך אַרויס, גליצט זיך אויפ'ן טייך, וועלכער איז אינגאַנצען ווי איין שטיק גלאָז. דערנאָך מאַכט ער פון שנעע אַ מענטשען מיט אַלע איברים; און ווען קיינער זעט ניט, שפּילט ער זיך אפילו מיט די ציגעלאך.

אַט אַזוי האָט אונזער העלד געלעבט ביז עלף יאָר.

קאפיטעל 2.

זיין יוגענט.

דער ערשטער טאָג פּסח פאַרנאַכט. ביי די סיגעלם אין שטי־בעלע איז יום־טוב'דיג. אויפ'ן טיש שטייט דער קאָכיגער סאַמאָ־וואַר. רבקה גיסט אָן טיי און אברהם מיט יוספ'ן זעצען זיך לערנען שיר־השירים — דאָס ליד פון אַלע לידער, וועלכע איז אַ טייל פון דער ביבעל; דאָס וואונדערבאַרע ליד, אין וועלכען עס ווערט באַזונגען די ליבע צווישען דעם קעניג און דער שיינער שולמית. אברהם ערקלערט יוספ'ן, אַז דער קעניג, דער חתן, דאָס איז גאָט, און שולמית, די כלה, איז דאָס פאָלק ישראל. לערנען דער פאָטער מיט זיין זוהן די באַגייסטערטע געשפּרעכען צווישען דעם חתן מיט דער כלה, און זיי אַליין ווערען אויך באַגייסטערט; און די מוטער הערט און האָט פיל נחת. נאָכ'ן לערנען זאָגט אברהם צו זיין פרוי:

— איך דענק נאָך פּסח, אם ירצה השם, אוועקפירען יוספ'ן קיין מינסק, און לאָזען אים דאָרט לערנען אין אַ ישיבה.

— דו ווייסט דאָך — זאָגט רבקה — אַז איך בין געוואַקסען אין אַ דאָרף, און מיינע ברידער האָט מען ניט געשיקט לערנען אין אַ ישיבה, ווייס איך ניט אייגענטליך וואָס דאָס מיינט.

— ווייסטו, אַז דער איד איז שוין באַלד צוויי טויזענט יאָר אין גלות — זאָגט אברהם, — צוזעעט און צושפּרייט איז דער איד איבער דער גאַנצער וועלט און אומעטום איז ער פאַרפאָלגט געוואָ־רען און ווערט פאַרפאָלגט, און דאָך לעבט דער איד איבער אַלע זיינע פיינט, ווייל ער איז גוט באוואַפענט און באַפעסטיגט. זיין וואַפען איז זיין אמונה, זיין רעליגיע, און זיין פעסטונג איז זיין תורה. דער פיינט איז באוואַפענט מיט שווערדען און ביקסען, און דער איד איז באוואַפענט נאָר מיט ציצית און תפילין, מיט אַ לולב און אתרוג, און דאָך קען ער גיט באַקעמפט ווערען, ווייל זיין פעס־

טונג, די תורה, איז שטאַרקער פון אַלע פעסטונגען. לערנענדיג די תורה, שעפּט דער איד פרישע קרעפטען, קרעפטען אויסערגע־וויינליכע, אומבאַזיגבאַרע, דעריבער האָט אונז גאָט אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען לערנען די תורה, ווייל גאָט וויל, אַז מיר זאָלען זיין אַן אייביגע פאָלק; און דערפאַר זאָרגט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אַז אידישע קינדער, אפילו די אָרימע, זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט צו לערנען תורה. אין די שטעט זיינען פאַראַן שולען, וואו מען זיצט און מען לערנט. פאַר קלענערע קינדער רופט מען די שולען „תלמוד תורה'ס", און פאַר די גרעסערע רופט מען די שולען „ישיבות". און ניט נאָר די רייכע האַלטען אויף ישיבות אין זייערע שולען, נאָר אויך די אָרימע קלאַסען האָבען זייערע שולען מיט ישיבות. אין מינסק, צום ביישפּיל, איז פאַראַן אַ קצב'ישע שול, אַ שניידערשע שול, אַ שול פון וואַסער־טרעגער, און דאָס גלייכען און יעדערע פון די שולען האָט אַ ישיבה, וואוהין עס קומען זיך צונויף בחורים פון אַנדערע שטעט און שטעטלאַך, און זיי האָבען דאָ ניט נאָר אַ שולע צו לערנען, נאָר מען גיט זיי אויך עסען. יעדער איד, אפילו אַן אָרעמאַן, פילט אויף זיך אַ פליכט צו געבען איין טאָג אין וואָך עסען אַ ישיבה־בחור.

— הייסט עס, אַז יוספ'קע וועט דאַרפען אַרומגיין איבער די הייזער, יעדען טאָג עסען אין אַן אַנדער הויז? — האָט רבקה גע־פרעגט — און אָנגעפאַנגען צו וויינען.

— אויף אַ ישיבה־בחור קוקט מען ניט ווי אויף אַן אָרעמאַן, וואָס גייט איבער די הייזער — ענטפערט אברהם מיט אַ זיכער־הייט. — פיל פון אונזערע רבנים און גבירים־לומדים האָבען אויך געגעסען טעג.

— אָבער ווי אַזוי לאָזט מען איבער אין דער פרעמד אַ קינד פון עלף יאָר? — זאָגט רבקה וויינענדיג.

— ער איז ניט דער איינציגער — ענטפערט אברהם — טויזענטער אַזעלכע קינדער לערנען אין דער פרעמד. די ישיבה גיט אויף זיי אַכטונג, און גאָט איז אַ פאָטער.

אין רבקה'ן קומט פאַר אַ שטאַרקער קאַמף. אַלס אַ אידישע טאָכטער וויל זי, אַז איר זוהן זאָל קענען לערנען, און אַלס מוטער

ווערט איר הארץ צובראָכען, וואָס ער דאַרף דאָרט זיין אַזוי עלענד. דער ערשטער געפיל האָט באַקעמפט דעם צווייטען. זי וויל, אַז איר יוסף׳קע זאָל זיין אַ למדן, אַ געלערענטער.

באַלד נאָך יום־טוב האָט מען גענומען צוגרייטען זיך אין וועג. אויפגעגנייט צוויי העמדער, און יעדער שטאָך מיט׳ן נאָדעל באַנעצט מיט אַ הייסער מוטערליכער טרער. אויסגעאַרבייט נאָך צוויי פּאָר זאָקען און אויסגעפּאַרריכט זיין קאַפּאָטע. אין אַ פּעקעל צונויפ־געלעגט די העמדער מיט די זאָקען, און אַ שטיקעל ברויט מיט אַ קעזעל פון ציגענע מילך, און אַ פּאָר געקאָכטע אייער מיט אַביסעל זאַלץ, און גאָר פון אויבען אַרויפגעלעגט דעם סידור. און דער פאָטער מיט דעם עלף־יאָריגען זוהן האָבען זיך געלאָזט גיין צופוס דעם לאַנגען וועג. די מוטער גייט באַגלייטען זיי. אַ שיינער פרימאָרגען, די זון שיינט, וואַרימט און פאַרשפּרייט ליכטיגקייט אויף אַלעם און אויף אַלעמען. נאָר דער מוטער׳ס הארץ איז וויסט און פינסטער. זי דערהערט אַ געזאַנג פון פויגעלאַך, הויבט אויף די אויגען, און דערזעט אויף אַ בוים אַ נעסט, און זאָגט וויינענדיג: „גליקליכע פויגעלע, דו זיצט מיט דיינע קינדערלאַך צוזאַמען אין נעסט, און איך דאַרף זיך שיידען מיט מיין קינד“.

— זינדיג ניט — זאָגט אַברהם. — מיר דאַרפען דאַנקען גאָט, וואָס מיר האָבען אַזאַ קינד, וועלכער וויל, און וועט מיט גאָט׳ס הילף קענען לערנען תורה. זעגען זיך בעסער און גיי צוריק אַהיים.

די מוטער האָט צוגעדריקט יוספ׳ן צו איר ברוסט, און יוסף האָט זי אַרומגענומען מיט זיינע קליינע הענטעלאַך. זייערע ליפּען האָבען זיך ווי צונויפגעגאָסען, און עס האָבען זיך צוזאַמענגע־מישט דער מאַמעס און דעם קינד׳ס טרערען. דער פאָטער האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט און ווישט די אויגען. די מוטער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און דער פאָטער מיט׳ן זוהן זיינען אַוועק־געגאַנגען. יוסף קוקט אַהינטער. ער זעגענט זיך פון וויטען מיט דער מוטער; ער זעגענט זיך מיט דעם טייך, מיט דעם שיינעם וואַלד און מיט דעם הויכען באַרג, און טייכען טרערען פליסען פון זיינע קינדערשע אויגעלאַך.

דריי טעג זײַנען זיי צוזאַמען געגאַנגען. ווען יוסף פאַנגט אָן באַקלאָגען זיך, אַז די פיס טוען וועה, זעצען זיי זיך אָפּרוהען, און דער פאָטער דערציילט שיינע מעשיות וועגען אינגעלאך, וועלכע זיינען אויך צוזאַמען געגאַנגען, און זיינען אויסגעוואַקסען גרויסע, באַוואוסטע מענטשען.

אין מינסק האָט דער פאָטער אַריינגעגעבען יוסף'ן אין אַ ישיבה. געגעבען אים אַ פּאָר גילדען און צוזעגענט זיך. יוסף האָט ביטער געוויינט. ביים פאָטער האָבען זיך אויך געשטעלט טרערען אין די אויגען. דער פאָטער איז אַוועק אהיים, און דער עלף יאָריגער ישיבה־בחור איז איבערגעבליבען אַן עלענטער, דער קלענסטער צווישען אַכציג ישיבה־בחורים.

די ישיבה איז געווען אין דער שול פון וואַסער־טרעגער. אַן אָרימע שול. די ווענט שוין לאַנג ניט געוויסט, און דער דיל ווערט זעלטען געוואַשען; נעבען טיר אַ גרויסע הרובע. אין מזרח־וואַנט אַן איינפאַכער אָרון־קודש, אין מיטען אַ בימה, און אַרום די ווענט און אין מיטען שטייען שמאָלע, לאַנגע טישען מיט בענק פון ביידע זייטען פון יעדען טיש. די בענק זיינען ביי טאָג צום לערנען, און ביי דער נאַכט צום שלאָפען. יעדער בחור פאַרכאַפּט זיך אַ שטיקעל באַנק צום שלאָפען, און קיינער קען דאָס ניט אָפּנעמען ביי אים דעם גאַנצען זמן. די, וואָס פאַרשפּעטיגען, מוזען שלאָפען אויף דער ערד. יוסף איז געקומען אין צייט און האָט פאַרכאַפּט אַ גוטען פּלאַץ, אין אַ ווינקעל נעבען הרובע. ער האָט געקויפט אַביסעל היי מיט אַן אַלטען זאַק, אָנגעשטאָפּט די היי אין זאַק, און דאָס איז געווען זיין בעטגעוואַנט. מיט זיין שלאָפען איז ער צופרידען, אָבער פון דעם עסען האָט ער גאָר קיין הנאה ניט. קומט ער אויפ'ן טאָג עסען, שעמט ער זיך, ער ווערגט זיך מיט יעדען ביסען. ער איז גערען גיכער אָפּ'פּטר'ן דעם עסען, און אַנטלויפען פון די פרעמדע אויגען. איין טאָג אין וואָך האָט אים געפעלט, איז ער אויסגעקומען מיט אַ שטיקעל שוואַרצען ברויט, וואָס די ישיבה גיט; און אָפט איז אים אויסגעקומען צו הונגערען אַביסעל.

אַ גאַנצען טאָג זיצען די בחורים איינע געגען די אַנדערע אַרום די שמאָלע טישען און מען לערענט הויך אויפ'ן קול, יעד־

דערער מיט דעם געוועהנליכען גמרא־ניגון. דעם טומעל קען יוסף ניט איבערטראָגען; און מען מוז זיצען פון אין־דער־פרי ביז פאַר־נאַכט אין די לאַנגע זומער־טעג און לערנען תלמוד. אין דער ישיבה לערענט מען נאָר תלמוד. דאָס איז דער אידישער קולטור־אוצר. די ענציקלאָפּעדיע פון אידענטום, וועלכע איז געוואָרען דעם אידענ'ס דערציער און וועג־ווייזער אין דער אַלטעגליכער אויפפירונג. און געלערענט האָט מען דעם תלמוד ניט נאָר צוליב וויסען, ווי אַזוי אויפצופירען זיך אַלס מענטש און אַלס איד, נאָר דאָס לערנען אַליין, אַן און פאַר זיך, האָט געשפּילט אַ וויכ־טיגע ראָליע אין דעם אידענ'ס לעבען. אין אַ וועלט פון פינסטער־ניש, אומוויסענהייט און פאַרפאָלגונגען האָט דער איד אין דעם תלמוד געשעפּט פרישע גייסטיגע קרעפטען. די טיפזיניגע לעהרע פונ'ם תלמוד האָט אין דעם אידען אַנטוויקעלט זיינע גייסטיגע און אינטעלעקטועלע פעאיגקייטען; דעריבער האָט מען אין די ישיבות אינגאַנצען אָפּגעגעבען זיך מיט לערנען תלמוד.

זיצט יוסף אַ גאַנצען טאָג און שטרענגט אָן זיין קינדערשע קעפּעלע צו פאַרשטיין די יוריספּרודענץ פון תלמוד, וועלכע צייכ־בענט זיך אויס מיט טיפקייט און שאַרפזיניגקייט. ער לערענט די פילאָסאָפיע פון תלמוד, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו דעם דורכשניט־לאַכען מענטשען. שווער איז אים צו באַגרייפען די דיסקוסיעס און די אַרגומענטען פון די חכמים. דאָך שרעקט עס אים ניט אָפּ. ער ווייס, אַז דער תלמוד איז פאַרגליכען צו אַ ים, און יעדעס וואָרט פון די חכמים איז אַ פּערל. לערענט ער זיך אַראָפּצולאָזען אין די טיפענישען, ער כאַפּט דאָרט די פּערל, און מיט יעדען טאָג ווערט גרעסער זיין אוצר. ער לערענט פלייסיג, ערשטענס, ווייל אַ איד מוז לערנען תורה; צווייטענס, ווייל ער וויל פאַרשאַפען נחת זיינע עלטערען, און דריטענס, ווייל ער וויל ניט אָפּשטיין פון די גרויסע בחורים.

עס טרעפט אָבער אַמאָל, אַז פון צופיל אָנשטרענגען דעם קאָפּ, פון זיצען פאַרשפּאַרט אַ גאַנצען טאָג, און פון דעם שרעקליכען טומעל, באַקומט ער אַ שטאַרקען קאָפּ־ווערטאָג. עס פאַנגט אים אָן צו שווינדלען אין די אויגען, רייסט ער אָפּ די אויגען פון דער גמרא, און וואַרפט אַ בליק אויף דעם שטיקעל הימעל, וואָס ער

זעט דורכ'ן פענסטער, און זיינע אויגען ווערען אָנגעפילט מיט טרערען. ער דערמאָנט זיך אויף זיין היים; און אַ שטאַרקע בענקעניש פאַנגט אָן צו נאָגען זיין קינדערשע הערצעלע. ער בענקט נאָך זיינע עלטערען, נאָך דעם שיינעם טייך, וואו ער פלעגט זיך באָדען און כאַפּען פיש. ער זעט פאַר זיך די גרינע פעלדער, דעם שיינעם וואַלד און דעם הויכען באַרג. ער בענקט נאָך יענע קינדערשע יאָרען, ווען ער האָט געלעבט פריי ווי אַ פויגעלע.

אין אַלגעמיין איז אים די ערשטע צייט זעהר שווער געוועזן. ער פילט זיך עלענט, פרעמד, פון קיינעם ניט געליבט, און ניטאָ וועמען ליב צו האָבען. ליגט ער ביי דער נאַכט אויף זיין שטיקעל באַנק און מיט זיינע טרערען מאַכט ער נאַס זיין זאַק מיט היי. נאָר אין שלאָף באַרואיגט ער זיך אביסעל דורך זיינע זיסע חלומות. אָט קושט אים די מאַמע, און אָט שפּילט ער זיך מיט די ציגעלאַך און מיט די הינדעלאַך, און אָט איז ער אויפ'ן שפּיץ באַרג און קלייבט און עסט די געשמאַקע ניס. כאַפּט ער זיך אויף פון שלאָף, און זעט, אַז דאָס איז געוועזן נאָר אַ חלום, וויינט ער ווייטער. אַזוי זיינען אַוועק אייניגע וואָכען. ער איז געוועזן אומעטיג, נידערגע־שלאָגען און אָפּגעלאָזען. ביז ער האָט זיך באַטראַכט, אַז דאָס איז קיין תכלית ניט. מען מוז זיך צוגעוואוינען צום נייעם לעבען, און צופּאַסען זיך צו די אומשטענדען. ער באַגרייפט, אַז ער אַליין מוז זאָרגען פאַר זיך, און זוכען מיטלען און וועגען ווי אַזוי מאַכען גרינגער און בעסער דעם לעבען. ווען זיין קאַפּאָטקע אָדער העמד פאַנגט אָן צו רייסען זיך, פאַררייכט ער עס באַלד. אפילו זאָקען צירעווען האָט ער אויסגעלערענט זיך. פאַרנאַכט, נאָכ'ן לערנען, גייט ער ארויס אויפ'ן בולוואר און הערט דאָרט שיינע מוזיק. פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, ווען מען הערט אויף צו לערנען, לויפט ער אַוועק אין אַ שטאָט־גאָרטען (פּאַרק) און געניסט דאָרט פון דער נאַטור פיל זיין האַרץ געלוסט. די עלענדקייט ווערט אויך ביס־לאַכווייז פאַרשוואונדען. אין דער ישיבה איז ער באַליבט געוואָרען. דער ראש־ישיבה האָט אים ליב פאַר זיין לערנען מיט חשק. דער שמש האָט אים ליב פאַר זיין האַלטען אַלעס ריין און אין אָרדע־

גונג, און די גרויסע ישיבה־בחורים האָבען אים ליב באַקומען פאַר זיין שיינער אויפפירונג אַלס אַ קלענערער חבר. ווען ער איז אַביסעל מער באַפריינדעט געוואָרען מיט זיי, האָט ער אָנגעפאַנגען אין דער פרייער צייט דערציילען די מעשיות און זינגען די נגונים, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערענט פון זיין פאָטער. אפילו גראַמען פלעגט ער פאַר זיי זאָגען און האָט אַלעמען פריילאַך געמאַכט.

איין מאָל אין יאָר, אויף ראש־השנה, פלעגט ער צופוס גיין אהיים. אָפּרוען זיך, אָנקלייבען אַביסעל פרישע כחות, און זיצען ווייטער אַ יאָר און לערנען.

צוויי יאָר האָט ער געלערענט אין אָט דער ישיבה. דערנאָך, ווען ער איז בר־מצוה געוואָרען, איז ער אריינגעקומען אין אַ גרעסערער ישיבה. דאָ איז ער אויך באַליבט געוואָרען, און אַלס אַ בר־מצוה בחור האָט ער אָנגעפאַנגען צו פאַרדינען געלט. אַמאָל רופט מען ישיבה־בחורים צו אַ מנין ביי אַן אָבל, און פאַר אַ וואָך צייט גיין צום מנין באַצאָלט מען אַ גילדען אָדער צוויי. און אַמאָל רופט מען אַ גאַנצען מנין צו אַ קינדבעטאָרען, אַז זיי זאָלען די גאַנצע נאַכט פאַר׳ן ברית זיצען און לערנען. דערפאַר גיט מען לעקאַך און בראַנפען און אַ גוטען מאָלצייט, און דערצו נאָך אַ צען אָדער פופצען קאָפּיקעס יעדען איינעם.

שוין פיר יאָר אַז ער לערענט אין מינסק. געמאַכט אַ גרויסען ערפאָלג אין לערנען, און שפּילט אַ פיינע ראָליע אין דער ישיבה; און דאָך איז ער אומצופרידען. ער האָט ניט ליב די גרויסע שטאָט מיט איר טומעל; עס ציט אים נעהענטער צו דער נאַטור; און ער וויל זיך באַפרייען פון דעם יאָך און דיסציפּלין פון דער ישיבה. ער וויל בעסער לערנען אַליין פאַר זיך ערגעץ אין אַ קליין שטעטל, נעהענטער פון דער היים.

האָט יוסף פאַרלאָזען די ישיבה, און איז אַוועק אין אַ קליין שטעטעל נאָהענט פון זיין היים, און דאָרט געזעצט זיך לערנען אין אַ חסיד׳ישען קלויז. מען האָט אים גלייך באַשטעלט אַלע טעג, ווייל ער איז געווען דער איינציגער ישיבה־בחור אין שטעטעל. אַ נייע וועלט האָט זיך דאָ געעפענט פאַר אים. ער האָט ניט

אויף זיך די אויפזיכט פון אַ ראש־ישיבה מיט זיינע באַהעלפער. ער איז פריי. אויסער גמרא קען ער לערנען אויך אַנדערע ספרים, וועלכע ער האָט ליב. אין דער פרייער צייט גייט ער אַרויס פון שטעטל, גייט אַרום איבער די פעלדער און וועלדער, גאַר ווי אין די יונגע יאָרן. דערצו נאָך האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטען איינדרוק דאָס לעבען פון די חסידים. די חסיד׳ישע לערע זאָגט, אַז דינען גאָט דאַרף מען מיט פרייד, ניט מיט קלאָגען און פייניגען זיך, און אַלע חסידים צווישען זיך דאַרפען לעבען ווי ברידער. זעט ער אין קלויז, אַז אַלע זיינען דאָ גלייך, די רייכע און די אָרימע, די לומדים און די פּראָסטע מענטשען, אַלע צוזאַמען לערנען חסידות, מען דערציילט וואונדערבאַרע שיינע מעשיות פון צדיקים און מען זינגט האַרציגע נגונים.

די חסידים האָבען יוספ׳ן שטאַרק מקרב געווען, און איינגיכען איז ער געוואָרען אַ קליין חסיד׳ל: ער דאַוונט מיט באַגייסטערונג ווי אַלע חסידים, ער הערט זיך צו ווען מען לערענט חסידות, ער זינגט צוזאַמען מיט זיי, און נעמט אַנטייל אין אַלע חסידישע שמחות, און דערצו זיצט ער טאָקע און לערענט מיט אַ התמדה, און ער איז געוואָרען דער ליבלינג פון שטעטל.

קאפיטעל 3.

אומצופרידענהייט.

שוין צוויי יאָר זיצט יוסף אין דעם חסידישען קלויז און לערענט. זיין צופרידענהייט האָט גענומען ביסלאכווייז פאַרשווינדען. ניטאָ מער די חסיד׳ישע פריילינבע שטימונג. די מעשיות מיט די נגונים באַגייסטערען אים ניט מער, און עסען טעג איז אים נמאס געוואָרען. ער וויל עפּעס אַנדערש, אָבער ער ווייס אַליין ניט וואָס צו וועלען. די וועלט איז פאַר אים פרעמד. דאָ וווערט אים ענג, און וואוהין צו גיין ווייס ער ניט.

זומער האָט ער כאָטש אַביסעל דערפרישונג געפונען, ווען ער פלעגט פאַרנאַכט אַוועקגיין פון שטעטעל אין דעם נאָהענטען וואַלד, וואו ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, און די שיינע נאַטור האָט אין זיין נשמה אַריינגעגאָסען עטוואָס פרייד געמישט מיט אַן אומבאַשטימטע בענקעניש.

פיל ערגער איז פאַר אים געווען דער ווינטער. זיין אַלטע זומערדיגע קאַפּאָטע קען אים ניט באַשיצען פון די גרויסע קעלטען אין דרויסען. מוז ער זיצען טאָג און נאַכט פאַרשפּאַרט אין קלויז; און שרעקליך זיינען די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט.

שפּעט אין דער נאַכט זיצט ער אַליין איבער דער גמרא. אין דרויסען איז אַ שניי־שטורם. דער שניי, ווי אַ האָגעל, קלאַפּט אין די פענסטער, און אַ שטורם־ווינט כאַפּט זיך אַריין אין קוימען מיט אַ פייפען און געפּילדער. עס פאַנגט אָן צו ברומען ווי אַ בער, און עס גייט איבער אין אַ לאַנגען, צוצויגענעם וואָיען פון אַ ווילדער פאַרוואונדערטער חיה. דער מעכטיגער שטורם־ווינט מיט זיינע ווילדע קלאַנגען קעמפּט געגען דעם אומעטיגען, שטילען הארץ־רייסענדען נגון, מיט וועלכען יוסף לערענט די גמרא; און דער ווינט האָט באַזיגט. יוסף בלייבט שטיל. עס קלינגט אין די אויערען, אַן אומעט באַפאַלט אים, עס דריקט דאָס האַרץ, און ניט־וועלענדיג

גיסען זיך הייסע יונגע טרערען. אין זיין מוח עגבערט די פראַגע: „וואָס וועט זיין דער תכלית?" — און קיין ענטפער געפינט ער ניט.

א צופאַל האָט געבראַכט די ענדערונג אין יוסף'ס לעבען. אין שטעטעל האָט גענומען קאָכען מיט דער נייעס, אַז מאיר אברהמ'ס, וועלכער איז ניט געווען אין דער היים זיבען פסח'ן, איז איצטער געקומען אהיים מיט א גרויסען פאַרמעגען פון שיינע עטליכע הונדערט רובל. וואו מען שטייט און גייט רעדט מען וועגען מאיר'ן; און, ווען ער קומט אין קלויז, קלייבען זיך אַרום אים רעדלאַך מענטשען. מען עפּענט מויל און אויערען, און מען הערט, וואָס מאיר דערציילט וועגען די ווייטע געגענדען, וואָס מען רופט אוקראַינע, ערגעץ ווייט אין זיד־רוסלאַנד. יוסף הערט מיט אויפמערקזאַמקייט און באַוואונדערט דערוויילע מאיר'ס קליידער. זיינע וואָכעדיגע קליידער זיינען בעסער פון די שבת'דיגע קליידער, וואָס דער נגיד פון שטעטעל האָט. און מען זאָגט, אַז ער האָט געבראַכט אַן אוצר מיט געלט; און געווען איז ער דאָרט, ניט מער ווי א מלמד. היינט קען מען זיך פאָרשטעלען, ווי עס וואַלגערט זיך דאָרט גאָלד אין די גאַסען. און מאיר דערציילט טאַקע וואונדער פון יענעם לאַנד. דאָס איז א לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג. די פּויערים זיינען רייך אין ווייץ און קאָרן, אין שאָף און רינדער; און דער איד צווישען זיי איז דער קויפער און פאַרקויפער. פירען דאָרט די אידען גרויסע געשעפטען, און האָבען פּרנסה פון דער פּולער האַנט. לעבט מען ווי די באַראָנען אין גרויסע הייזער מיט ווינער מעבעל, מיט טייערע שפּיגלען אין א מאַן די הויך, וואו מען קען זיך זעהן פון קאָפּ ביז די פיס; און עסען עסט מען פון כל־טוב. אין מיטען וואָך ווייסע חלה מיט געבראָטענע גענז. און ווען עס קומט צו זיי א ליטוואַק, וואָס קען לערנען, טראָגט מען אים פּשוט אויף די הענט.

אויף יוסף'ן האָבען מאיר'ס רייד געמאַכט א טיפען איינדרוק. און ער האָט גענומען שטאַרק טראַכטען אוועקצולאָזען זיך צו יענעם גאָלדענעם לאַנד. זיין שטאַרקע פאַרשטעלונגס־קראַפט, וואָס האָט זיך אין אים אנטוויקעלט אין זיין קינדהייט, האָט איצטער געשפּילט א וויכטיגע ראָליע. ער שטעלט זיך פאָר זיין צוקונפט

דאָ אין ליטע, אַלס קבצן אַ מלמד, אָדער אַן אָרימער קרעמערל, אייביגע נויט און דחקות, מיט נאַקעטע, באָרפוסע קינדערלאַך. און דאָרט, אין די ווייטע געגענטען, האָט ער דאָך אַ מעגליכקייט, מיט גאָט'ס הילף, צו לעבען נאָך בעסער איידער דער נגיד פון שטעטעל לעבט דאָ. און ער שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי ער וועט דאָרט חתונה האָבען פאַר אַ שיינער רייכער מיידעל, ער וועט ווערען אַ גרויסער סוחר, ער וועט האָבען אַ שיינע היים, און ער וועט זיך נעמען צייט צו לערנען תורה.

וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך צו־שפּילט זיין פאַנטאַזיע און געצויגען אים צו יענע רייכע געגענטען, ביז ער האָט באַשלאָסען צו ריידען מיט מאיר'ן.

אָנגענומען זיך מיט מוט און אַוועק צו מאיר'ן אַהיים. מאיר האָט אים פריינדליך אויפגענומען, און געפרעגט וואָס ער פאַר־לאַנגט. די פריינדליכע אויפנאַמע האָט ערמוטיגט יוספ'ן, און ער האָט גענומען ריידען אָפענהאַרציג:

— איך וויל זיך אַוועקלאָזען אין די ווייטע געגענטען, וואו איר זייט געווען, און איך וויל הערען אייער מיינונג.

— געוויס איז גוט פאַר אַ יונגען מענטשען זיך אַרויסצורייסען פון דאַנען, וואו מען זעהט ניט פאַר זיך קיין צוקונפט. דאָרט קען מען געוויס גיכער קומען צו אַ תכלית — האָט מאיר געזאָגט, באַטראַכטענדיג יוספ'ן און האָט אַ פרעג געטאָן: „וואָס דענקסטו דאָרט צו טאָן?"

— איך וואָלט וועלען עפּעס טאָן אין דער געשעפטס־וועלט — האָט יוסף געענטפערט.

— געוויס קענסטו דאָרט באַקומען אַ שטעלע — האָט מאיר געענטפערט — און דו וועסט פאַרדינען מער איידער אַ היגער רייכער בעל־הבית פאַרדינט; און אום דו זאָלסט פאַרשפּאָרען צו זוכען, קען איך דיר געבען אַ רעקאָמענדאַציע צו דעם מאַן, וואו איך בין געווען די גאַנצע צייט. די פראַגע איז נאָר, אויב דו האָסט די געלט פאַר דער רייזע. אַהין איז נאָהענט פון טויזענט וויאָרסט. מיט'ן באַהן געדויערט דריי מעת־לעת פאָרען. און דאָס קאָסט מער פון צוועלף רובעל.

— קיין געלט האָב איך ניט, אָבער איך האָב אַ פּאָר יונגע געזונטע פּיס — האָט יוסף געענטפערט מיט אַ שמייכעל. די געלט־פראַגע קען ניט זיין קיין שטערונג. מיך אַרט ניט, אַז אַנשטאָט פאָרען דריי טעג, וועל איך צופוס גיין דריי מאָנאַטען.

— קאָנסטו זיך פאָרשטעלען די שוועריגקייט דערפון? — האָט מאיר ערנסט געפרעגט.

— ניט שווערער איידער צו זיין דאָ אַן אייביגער קבצן, און ניט ערגער איידער צו עסען דאָ טעג — האָט יוסף געענטפערט.

מאיר האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט דער בחור'ל האָט אין זיך גענוג מוט און ענערגיע דורכצופירען זיין פאַרלאַנג. ער האָט יוסף'ן באַשריבען דעם ווייטען וועג, דורך וועלכע שטעט ער זאָל גיין, און ער האָט אים געגעבען אַ בריף צו דעם מאַן, ביי וועלכען ער איז געוועזען עטליכע יאָר אַ מלמד.

יוסף האָט אים הארציג אָפּגעדאַנקט, און דעמזעלבען טאָג אוועק אַהיים צו די עלטערען.

קאפיטעל 4.

זיין שיידען זיך מיט די עלטערען.

ווען יוסף'ס עלטערען האָבען דערהערט זיין באשלוס, אז ער וויל זיך אוועקלאָזען קיין אוקראינע, זיינען זיי איבערראַשט געוואָרען. נאָר דער פאָטער האָט זיך באלד בארואיגט, און געפרעגט גאנץ געלאַסען:

— פון וואנען קומט צו דיר אזא געדאנק?

—עפעס א משוגעת, רחמנא ליצלן — האָט די מוטער געזאָגט און גענומען וויינען.

— ניין, מאמע. דאָס איז ניט קיין משוגעת — האָט יוסף געזאָגט. — שוין גאנץ לאנג האָב איך אָנגעפאנגען צו טראכטען וועגען א תכלית.

— א תכלית זוכט ער גאָר? — האָט די מוטער איבערגעשלאָגען זיינע רייד. — זיץ און לערען. גאָט וועט דיר צושיקען א גוטען שידוך, און ער וועט שוין העלפען דיר קומען צו א תכלית.

— אָט זיי ניט קיין אידענע — האָט דער פאָטער געזאָגט — לאָז אים ריידען. אדרבה, נאָמיר הערען, וואָס ער האָט צו זאָגען.

— געוויס האָף איך און פארלאָז זיך אויף גאָט, אז ער זאָל מיר העלפען — האָט יוסף געזאָגט אביסעל אויפגערעגט — אָבער פון הימעל וואַרפט ניט גאָט, אויף קיין נסים דאַרף מען ניט פארלאָזען זיך. וואָס קען איך דאָ דערלעבען? ווערען א מלמד אָדער א קרעמער? אָהן מיר זיינען שוין פאראַן צופיל מלמדים און קרעמער, אלע ביטערע אָרימעלייט. איך וועל פּרובען זוכען מיין גליק דאָרט, וואו עס איז פאראַן א מעגליכקייט צו געפינען, און איך האָף צו גאָט, אז ער וועט מיר העלפען.

דער פאָטער, וועלכער האָט אליין אויך פיינט געהאַט די פּרנסות פון מלמדות און פון די קליין־שטעטעלדיגע קרעמעריי, און ער

אַליין מאַטערט זיך דעם גאַנצען לעבען אין אָרימקייט, האָט מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו יוסף׳ס רייד. טיף אין האַר־צען האָט ער אים גערעכט געגעבען, און האָט געפרעגט:

— וואָס איז דיר עפּעס אריינגעפאַלען אין זינען אוועקצופאָרען זיך קיין אוקראַינע; אַזוי ווייט?

יוסף האָט דערציילט אַלעס וואָס ער האָט געהערט פון דעם יונגענמאַן, וואָס איז ערשט געקומען פון אוקראַינע.

— יאָ, — האָט דער פאָטער געזאָגט, פאַרטראַכטענדיג זיך, ווי איינער וואָס דערמאָנט זיך אָן עפּעס. — יאָ, דאָס איז אמת. ווען איך האָב אַמאָל מיין שטעלע געהאַט, האָבען מיר וועלדער געהאַט, און די געהילץ האָט מען געשיקט מיט׳ן וואַסער קיין אוקראַינע, בין איך איינינע מאָל געפאָרען אהין די געהילץ צו פאַרקויפען, און געזען, אַז דאָרט איז אַ לאַנד אַ געבענטשטע פון גאָט, און אידען לעבען דאָרט טאַקע ווי די פּריצים.

— מיט דיינע רייד גיסטו אים נאָך צו חשק אוועקצושלעפּען זיך אַזוי ווייט — האָט די מוטער וויינענדיג גע׳טענה׳ט צום פאָטער.

— פון אמת קען מען ניט אוועק — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן קאַלטבלוטיג — אָבער דאָס מיינט ניט, אַז איך בין איינ־שטימיג מיט זיין פּלאַן.

— געוויס וויל איך האָבען אייער צושטימונג און אייער ברכה — האָט יוסף געזאָגט — איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט וויסען, דאָס איך בין פעסט באַשלאָסען דורכצופירען מיין פּלאַן, און איך וואָלט זעהר ניט וועלען צו טאָן דאָס געגען אייער ווילען.

— ווען מען האָט ניט קיין מאה זאָגט מען ניט קיין דעה — האָט דער פאָטער געזאָגט, און טרערען האָבען זיך געשטעלט אין זיינע אויגען. ווען איך קען געבען דיר די גאַנצע רייזע הוצאות, וואָלט איך דיר אויך געגעבען מיין צושטימונג און מיין ברכה.

— רייזע־הוצאות זיינען פאַר מיר ניט קיין אָפּהאַלט — האָט יוסף געזאָגט — איך קען גיין צופוס.

— צופוס? — האָט די מוטער אויסגעשריען — ווי איז מיר וואָס רעדסטו? טויזענט וויאָרסט צופוס? און ווען? איצטער? אין מיטען ווינטער?

די מוטער האָט זיך ביטער צעוויינט, און יוסף האָט זי שטאַרק אַרומגענומען, היים געקושט, און געזאָגט:

— מאַמע, וויין ניט. גרעסערע מענטשען פון מיר זיינען צופוס געגאַנגען. ווען יעקב אָבינו האָט פאַרלאָזען זיינע עלטערנ'ס הויז, דערציילט אונז די תורה, אַז יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר־שבע, און איז אַוועקגעגאַנגען קיין חרן. „אַוועקגעגאַנגען" — און ניט „אַוועקגעפאָרען". זאָרג ניט, מאַמע, דו וועסט נאָך, מיט גאָט'ס הילף, האָבען פון מיר פיל נחת.

— הלואי, מיין קינד! — זאָגט די מוטער, דריקענדיג אים צו זיך, קושענדיג זיין שטערען און גיסענדיג טייכען טרערען.

— נו, באַרואיגט זיך דערווייל — האָט דער פאָטער געזאָגט — מיר וועלען זיך מיישב זיין.

יוסף האָט פאַרשטאַנען, אַז ביים פאָטער האָט ער שוין כמעט גע'פועל'ט, האָט ער מער גאָר ניט גערעדט און געלאָזען די על־טערען מיישב זיין זיך.

אַ גאַנצע נאַכט האָבען די עלטערען ניט געשלאָפען. אברהם האָט ערקלערט זיין פרוי, אַז יוסף'ס טענות זיינען גערעכטע. וואָס קען ער דאָ דערלעבען? אָבער דאָרט קען אַזאַ פעאיגער בחור'ל זיין ערפאָלגרייך. לאָמיר זיך פאַרלאָזען אויף גאָט. די מוטער הערט און וויינט. איר האַרץ ווערט צוריסען. זי וואָלט וועלען, אַז איר זוהן זאָל זיין גליקליכער פון זיין טאַטען. אָבער שווער איז איר צו שיידען זיך מיט איר קינד, און נאָך אין אַזעלכע שווערע אומשטענדען — אַוועקגיין צופוס אַזוי וויט.

אויף מאָרגען האָט יוסף ווייטער אויפגעהויבען די פראַגע. לאַנג האָט מען גערעדט, און דער פאָטער האָט זיך איבערצייגט, אַז יוסף איז פעסט באַשלאָסען דורכצופירען זיין פּלאַן, האָט ער ענדליך געזאָגט: „מסתמא איז אַזוי באַשערט פון גאָט, און זאָל גאָט דיך פירען אין אַ גוטען וועג.

מען האָט אָנגעפאַנגען צוגרייטען פאַר יוסף'ן אין וועג. אַלע אַרבייטען: דער פאָטער איז געוואָרען אַ שניידער — ער נייט איבער זיין אַלטען שבת'דיגען פאַלטאָ (אָווערקאָוט), וועלכער האָט שוין לאַנג פאַרלאָרען זיין ערשטען קאָליר. ער מאַכט אים קירצער

און שמעלער, צוגעפּאַסט פאַר יוספ'ן. פון דער מוטער'ס מאַנטעל, וואָס מען האָט איר געמאַכט צו איר חתונה מיט עטליכע און צוואַנציג יאָר צוריק, האָט מען אַראָפּגענומען דעם פוטערנעם קאָל־נער. פון וועלכען דער גרעסטער טייל האָר איז שוין לאַנג אויס־געקראָכען, און מען האָט דעם קאָלנער צוגענייט צום פּאַלטאָ. הייסט עס, אז יוסף האָט שוין אַ וואַרימען פוטערל.

די מוטער נייט העמדער. צוויי העמדער פון גראָבען לייווענט, וואָס די פּויערים אַליין וועבען, נאָר די אַרבעל און קעלנער צו די העמדער האָט מען געמאַכט פון די דינע לייווענט, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר דער עלטערער טאָכטער צו געבען איר אין פּאַוועלע, ווען גאָט וועט צושיקען אַ שידוך פאַר איר. און איין העמד האָט מען אויפגענייט אינגאַנצען פון אָט דעם דינעם לייווענט.

די עלטערע שוועסטער האָט אויסגעאַרבייט צוויי פּאָר לאַנגע גראָבע וואָלענע זאָקען; און די קלענערע שוועסטער האָט באַ־קומען שטיקלאך וואָל פון פאַרשיידענע קאָלירען, און אויסגעאַר־בייט אַ פּאָר הענטשיקעס (גלאָווס) אין געלע, גרינע, ווייסע און שוואַרצע פּאַסקעלאך און קעסטעלאך.

שפּייז אין וועג האָט מען אויך צוגעגרייט: אָנגעטריקענט סור־כאַרעס פון שוואַרצען קאָרענעם ברויט, געמאַכט אַ פּאָר האַרטע קעזלאך פון ציגענע מילך, און אויסגעטריקענט קליינע פישעלאך, גוט באַזאַלצען און באַפּעפערט.

שוין אַלץ פאַרטיג. איינגעפּאַקט די זאַכען אין אַ לייווענטענעם זעקעלע. דער פאָטער האָט ערגעץ געליען צוויי רובעל און געגע־בען יוספ'ן. יוסף פאַנגט אָן צו געזעגענען זיך. עס ווערט אַ יאָמער אין שטוב. די עלטערע שוועסטער קלאָגט, ברעכט די הענט און בעט זיך: „ברודערקע, פאַרגעס אונז ניט!" די קלע־נערע שוועסטער וויינט און שרייט: „טייערינקער, ווען וועלען מיר דיך זעהען?" די קליינע צוויי ברידערלאך קושען זיינע הענט און וויינען שטילערהייט. דער פאָטער האָט זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, ער וויינט און זאָגט עפּעס אַ תפלה. און די מוטער האַלט יוספ'ן איינגעדריקט אין אירע אָרעמס, קושט אים, קלאָגט און זאָגט ניט קיין וואָרט. יוספ'ס אויגען זיינען שוין רויט און גע־

שוואַלען פון וויינען. פלוצלונג האָט די מוטער אַ געשריי געטאָן: „קינד מיינס, מיין קרוין פון קאָפּ, פאַרלאָז אונז ניט!“ און זי האָט גע׳חלש׳ט.

אָפּגעמינטערט. זי ליגט אין בעט בלייך און שוואַך. אברהם בעט זי צו באַרואיגען זיך און האָפען אויף גאָט. יוסף שטאַרקט זיך. זיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק, נאָר ער וויינט ניט מער. ער האָט זיך איינגעבויגען צו דער מוטער, ער קושט זי און זאָגט: „מאַמע, זייט געזונט, און זייט רואיג. גאָט וועט מיך היטען, באַשיצען און העלפען מיר, און איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל זיין אַ געטרייער זוהן, און פאַר אייער גרויסען צער וועל איך, אם ירצה השם, פאַר־שאַפען אייך פיל פרייד“.

— הלואי, מיין קינד! גיי געזונט און זיי גליקלאַך! — האָט די מוטער שטיל אַרויסגערעדט.

יוסף לאָזט איבער די מוטער אין בעט און פאַרלאָזט די הויז. דער פאָטער גייט באַגלייטען אים. אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג. מען געזעגענט זיך. דער פאָטער זאָגט „יברכך“ און קערט זיך אום צו זיין קליינער אייגענער היים; און יוסף איז אַוועק אין דער גרויסער פרעמדער וועלט.

קאַפּיטעל 5.

דער יונגער וואַנדערער.

אַ קינד פון אייביגען וואַנדערער, דער זיבעצען יאָריגער יוסף, האָט זיך געלאָזט וואַנדערן אין דער גרויסער פרעמדער וועלט, מיט אַ שטעקען אין האַנד און מיט אַ פּעקעלע אויפ'ן פּלייצע; און אין דעם פּעקעלע ליגען: תפילין, אַ סידור און דער אַלטער קליי־נער תנ"כ'ל, וואָס דער טאַטע האָט געהאַט בירושה פון זיין טאַטען. דערמאָנט זיך יוסף ווי אין דער תורה ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט געזאָגט צו אברהמ'ן: „גיי דיר פון דיין לאַנד, פון דיין געבורטס־אָרט, פון דיין פאָטער'ס הויז, צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ווייזען". און יוסף טראַכט: „דער גאָט, וואָס האָט גע־האָלפען אברהמ'ן, ווען ער האָט פאַרלאָזען זיין פאָטער'ס הויז, וועט מיר אויך העלפען". זיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט האָפ־פענונג. ער ווישט אָפּ די טרערען פון די אויגען, און גייט מיט שווערינקייט אין דעם טיפען שניי, אויף די ניט־איינגעפאָרענע וועגען, וואָס פירען פון איין דאָרף אין אַ צווייטען, און ער טראַכט: „איך אַליין דאַרף פאַר זיך אויסטרעטען אַ וועג".

די ערשטע נאַכט האָט ער גענעכטיגט אין אַ דאָרף, וואו קיין איד איז ניטאָ. האָט אַן אָרימער פּויער געגעבען אים אומזיסט אַ נאַכטלעגער. דער פּויער מיט זיין פרוי, מיט אַ האַלבען דוצענד קינדער, אינגלאך און מיידלאך, גרעסערע און קלענערע, שלאָפען אַלע אויף איין גרויסען פּאָל, צונויפגעשלאָגען פון ברעטער; און פאַר דעם גאַסט האָט מען אָריינגעטראָגען ריינע שטרוי און צו־שפּרייט אויף דער נאַסער ערד, נאָהענט צום אויווען. פאַר'ן שלאָף האָט מען אריינגעטראָגען אין הויז קליינע שעפּעלאך און קליינע חזירימ'לאך. זעהר אַ קאַלטע נאַכט, איז פאַר די קליינוואַרג צו קאַלט אין זייער שטאַל. עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט. די שעפּעלאך מעקען און די חזירימ'לאך כריוקען, און ביי דער גאַנצער

הויזגעזינט אַרבייטען פלייסיג די נעזער און העלדזער: מען כראַ־פעט, מען כאַרכעלט און מען פייפט. אַלע שלאָפען שטאַרק. נאָר איין יוסף דרייט זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען. ניט געוואוינט צו אַזאַ מאָדנעם טומעל. ענדלאך האָט ער איינגעשלאָפען, און עס חלומ'ט זיך אים זיין היים. ער זעט די בלייכע שוואַכע מאַמע ליגענדיג אין בעט און ער פאַנגט אָן צו וויינען אין שלאָף. דער פויער האָט אים אויפגעוועקט.

דעם צווייטען טאָג איז דאָס גיין גרינגער געווען. ער איז שוין אויפ'ן ברייטען וועג, וואו מען פאָרט הין און צוריק. דער וועג איז גוט איינגעפאָרען, די זון שיינט, אַ קליין פרעסטעל, קיין ווינט, די לופט איז קלאָר און ריין; עס אָטעמט זיך גרינג און טיף. אַלע גלידער זיינען קרעפטיג און באַוועגלאך, פשוט, עס גייט זיך אַליין. גייט יוסף מיט פעסטע טריט און זינגט זיך שטילערהייט אַ הארציגען חסיד'ישען נגון, אָדער ער זאָגט די קאַפּיטלאך תהלים, וואָס ער געדענקט אויף אויסוויינינג. געקומען צו אַ קרעטשמע, אָפּ־גערוט, אָפּגעגעסען דער מאַמע'ס סוכאַרעס מיט אַ געטריקענטער פישעלע, און פאַרביסען מיט אַ שטיקעל האַרטע קעז, און ווייטער געגאַנגען זאַט און מוטיג. נעכטיגען איז ער געבליבען אין אַ איי־דישער קרעטשמע. ער האָט דאָ באַקומען אַ וואַרימען מאָלצייט, און אפילו אַ קישעלע צוקאָפּענס. און יוסף טראַכט זיך: „אָט־דאָס איז די אמת'ע אידישע הכנסת אורחים, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט פון אברהם אָבינו, אַז אַלע דורכגייער האָט ער געגעבען עסען און טרינקען און אַ נאַכטלעגער".

אויפ'ן דריטען טאָג איז ער געקומען צו דער אייזענבאַן ליניע, וועלכע לויפט אין דער ריכטונג, וואוהין ער דאַרף גיין. לאָזט ער זיך גיין מיט דער ליניע. דאָס וועטער איז היינט זעהר קאַלט. אַ שטאַרקער פראָסט מיט אַ שניידענדען ווינט גלייך אין פנים. ער שטריינגט זיך אָן ווי איינער, וואָס שווימט געגען אַ שטאַרקען שטראָם. ער מוז אָפט אַ קער טאָן זיך אַהינטער אָפּצוכאַפּען דעם אָטעם. פּלוצלונג דערהערט ער אַ שרעקליכען פייף, און דערזעט

א צוג פליט געגעבן אים. די ליניע איז דאָ זעהר הויך. פון ביידע זייטען ווי הויכע ווענט אינגאַנצען פון איין שטיק אייז אויסגע־גאָסען. אַראָפּגיין איז אונמעגליך, און דער צוג פייפט און קומט אָן. יוסף האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג ליניע אַראָפּצור־גליטשען זיך; און אַנשטאָט אַראָפּצוקומען אונטען מיט די פיס אַראָפּ, איז ער גאַר אויסגעקומען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, און אַריינ־געפאַלען אין אַ טיפען שניי. אויפגעשטאַנען, אָפּגעטרייסעלט דעם שניי, און פאַרריסען דעם קאָפּ אָנצוקוקען דעם פליהענדיגען צוג. דאָס ערשטע מאָל זעט ער ווי אַ גאַנצע שטעטל מיט מענשען פליט. דורך די פענסטער פון די וואַגאָנעס זעט ער די פּאַסאַזשירען, און עס דערוועקט זיך אין אים אַ שטאַרקע קנאה. „ווען איך וואָלט האָבען צוועלף רובעל, טראַכט ער זיך, וואָלט איך דאָך אויך גע־זעסען אין וואַגאָן ווי אַ גראַף, און אין דריי טעג וואָלט איך קומען אויפ'ן פּלאַץ; אָבער פאַר מיינע צוויי רובעל, וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבען, קען איך דאָך אָפּפאָרען נאָר איין זעקסטעל פון מיין וועג, און וועל בלייבען אָהן אַ קאָפּיקע געלט. זאָל זיך אַן אָרימאַן ניט ווילען", טוט ער אַ טראַכט, און לאָזט זיך גיין. קיין וועג איז ניטאָ, דער שניי איז טיף און אויבען פאַרפראָרען. מיט יעדען טראָט ברעכט זיך דורך דער שניי, און ער פאַלט אריין אריבער די קני, שלעפּט אַרוים די פיס און פאַלט ווייטער אריין.

אויסגעשלאָגען פון די קרעפטען האָט ער פאַרנאַכט זיך קוים דערשלעפּט צו דער נעקסטער אייזענבאַן־סטאַנציע, און איז פאַר־בליבען דאָ נעכטיגען. אויף דער סטאַנציע איז פאַראַן אַ קליינער ריינער צימער פאַר פּאַסאַזשירען פון צווייטען קלאַס, און אַ שמוי־ציגער גרויסער צימער איז פאַר פּאַסאַזשירען פון דריטען קלאַס. זיצען דאָ פּויערים, וואָס וואַרטען אויף דעם צוג, וועלכער דאַרף דורכגיין מאָרגען אין־דער־פרי. די לופט איז דערשטיקט צו ווערען. אַ רויך פון די ליולקעס מיט די מאַכאָרקע, צומישט מיט דעם געררוך פון הערינג, ציבעלע און קנאָבעל. יוסף קען ניט כאַפּען דעם אָטעם. ער בלייבט זיצען אין אַ ווינקעלע. אָפּגעדאַוונט מעריב שטילערהייט, אָפּגעגעסען פון דער מאַמעס שפּייז, און גע־לעגט זיך שלאָפען. נאָך אַזאַ שווערען טאָג, אויסגעמאַטערט און

איבערגעפּראָרען, האָט ער איינגעשלאָפען מיט אַ שטאַרקען שלאָף. אויפגעכאַפּט זיך פאַרטאָג. עס שלאָפט זיך ניט מער. גיסט ער אָפּ נעגעל־וואַסער, נעמט דעם תנ"כ׳ל און קוקט אַריין אין משלי. ער האָט זעהר ליב די קלוגע שאַרפע רייד פון שלמה המלך. און אָט איז ער געקומען צו דעם פּסוק: „אַזוי ווי אַ פויגעל, וואָס איז פאַרוואָגעלט פון איר נעסט, אַזוי איז דער מענטש, וואָס איז פאַרוואָגעלט פון זיין היים". יוספ׳ס אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. זיצט ער און טראַכט וועגען זיין היים און וועגען זיין ווייטען שווערען וועג. ער האָט אָפּגעדאַוועוענט, און קלייבט זיך גיין. דער צוג דאַרף שוין באַלד אָנקומען. דערוועקט זיך אין אים אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו פּרובען כאָטש אַביסעל פאָרען מיט׳ן צוג. ער קען זיך ניט באַהערשען. נעמט ער אַ בילעט ביז דער נעקסטער סטאַנציע, אָפּגעצאָלט דרייסיג קאָפּיקעס, אַריינגעזעצט זיך אין וואַגאָן און פאָרט. קוקט ער אין פענסטער. הייזער, בוימער און סלופּעס לויפען אַנטקעגען און פאַרשווינדען. אַלעס באַוועגט זיך. ער פאַרטראַכט זיך וועגען דעם גרויסען וואונדער, ווי אַזוי דער צוג פליט. אַ פייף האָט איבערגעריסען זיינע געדאַנקען. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ער דאַרף פאַרלאָזען דעם צוג. שווער איז אים צו שיידען זיך מיט דעם וואַרימען וואַגאָן אין אַזאַ קאַלטען וועטער. ער גייט אַרויס פון וואַגאָן און שטעלט זיך פּאָר ווי אָדם הראשון האָט געפילט, ווען מען האָט אים אַרויסגעטריבען פון גן־עדן.

מיט טרערען אין די אויגען האָט ער נאָכגעקוקט ווי דער צוג איז אַוועקגעפלויגען. ער געפינט דאָ אויס, אַז פינף וויאָרסט פון דאַנען איז אַ שטעטעל. לאָזט ער זיך גיין אַהין. די קעלט איז אונערטרעגליך. לויפט ער שטאַרקער צו דערוואַרימען זיך. מיט אַמאָל האָט גענומען בלאָזען אַ שטאַרקער ווינט, און עס האָט גענומען שיטען אַ געדיכטער שניי. דער ווינט ווערט אַלץ שטאַרקער, בלאָזט פון אַלע זייטען, כאַפּט אויף דעם פאַלענדען שניי און שמייסט דער־מיט יוספ׳ן אין פּנים. אַ שרעקליכע קעלט האָט ער דערפילט אין אַלע זיינע גלידער. לויפען און דערוואַרימען זיך קען ער ניט: דער שניי איז טיף, און דער ווינט שטופּט צוריק. אייניגע טריט ווייטער

זעהט ער גאָרניט דורך דעם שניי־שטורם. ער הערט נאָר אַ משונה־דיגען פייפען און ווילדע קלאַנגען. עס קלינגען אין זיינע אויערען קלויסטער־גלאָקען, און אָט הערט ער ווי וועלף וואָיען און הינט בילען. ער ווערט ווי שיכור. עס ציט אים צום שלאָף. די אויגען קלעפּען זיך. ער וויל שוין צוזעצען זיך; נאָר ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט געהערט פון עלטערע מענטשען, דאָס אין אַזעלכע פעלע ווערט דער מענטש איינגעשלאָפען מיט אַ זיסען שלאָף און ווערט פאַרפראָרען צום טויט. יוסף באַגרייפט די געפאַר, ער זעט דעם מלאך המות פאַר זיינע אויגען. „ליבע, טייערע מאַמע מיינע, טוט ער אַ טראַכט, אָט־דאָ אין דעם שניי קען איך איינ־שלאָפען מיין אייביגען שלאָף, און דו ווערסט גאָרניט וויסען, אַז דיין קינד, דיין בלוט און פלייש, איז געווען אַ מאָלצייט פאַר הונ־געריגע וועלף". אַ שטראָם טרערען האָבען זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגען, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו דאַווענען מנחה. ער זאָגט: „נאָענט איז גאָט צו אַלע וואָס רופען אים. גאָט היט די אַלע, וואָס ליבען אים". יוסף זאָגט, און יעדעס וואָרט שטאַרקט אים, ערמוטיגט אים. זיין שלאָף ווערט פאַרשוואונדען. מיט פרישע קרעפטען, פול מיט מוט, מיט שטאַרקען גלויבען און האָפען זעצט ער פאָר זיין שווערען וועג; און שפּעט אין אָוועגט איז ער געקומען אין שטעטעל.

אין שטעטעל איז ער גלייך אַוועק אין בית־המדרש, וואו יעדער דורכגייער קען אָפּרוען און נעכטיגען. דער שמש האָט איינגעלאַדען יוסף'ן צו זיך אויף וועטשערע. יוסף האָט זיך פּשוט מחיה געווען מיט דעם טעלער שיטערע וואַרימע גרויפּען. אָפּגעגעסען און גע־שמאַק אויסגעשלאָפען זיך אין בית־המדרש אויפ'ן הייליגען באַנק נעבען דעם וואַרימען אויווען.

אין דער פרי פילט ער זיך אויסגערוט און גרייט צו גיין, אָבער דער שניי־שטורם איז ניט שטילער געוואָרען; און דער שמש גיט אים אַן עצה, אַז ער זאָל ניט גיין אין אַזאַ וועטער. אַזוי ווי היינט איז פרייטאָג, זאָל ער דאָ בלייבען איבער שבת. יוסף האָט אים געפאָלגט, און איז געבליבען. אַ גאַנץ שבת האָט ער געגעסען ביי

דעם נגיד פון שטעטעל, און אפילו א גוטען געלעגער האָט מען אים אויך געגעבען.

זונטאג אין־דער־ פריה האָט ער זיך געלאָזען ווייטער אין וועג. דאָס וועטער איז שיין. גייט ער זיך אויפגעלעגט, אונטערזינגענדיג חסיד'ישע נגונים. די צווייטע וואָך האָט ער דורכגעמאכט א שטיק וועג. ערשטענס, ווייל ער גייט גאַנץ שנעל — אויסגעלערענט זיך גיין; און צווייטענס, ווייל ער איז עטליכע מאָל געפאָרען גאַנץ גרויסע שטרעקעס. פאָרט א פויער אין ליידיגען פון מארק, נעמט ער יוסף'ן אונטערפאָרען פאַר צען אָדער פופצען קאָפּיקעס. יאָגט אים אָן א איד, וואָס פאָרט אין ליידיגען, הייסט ער אים אריינזעצען זיך אין שליטען, פירט אים אומזיסט, און דערצו נאָך, קומענדיג אהיים, גיט מען אים אָפּצועסען; און, אויב עס איז שפּעט, לאָזט מען אים ניט אוועקגיין און מען גיט אים א גוטען געלעגער.

איינמאָל אָבער האָט ער פון אזא אונטערפאָרען געהאט גרויסע הארץ־ווייטאָג. פרייטאָג ארום האלבען טאָג יאָגט אים אָן א איד. פון זיינע קליידער זעט מען, אז ער דארף זיין א גרויסער קבצן, און דאָס פערדעל איז מאָגער און בלינד אויף איין אויג. יוסף שטעלט אים אָפּ, און געפינט אויס, אז דער איד פאָרט מיט דעם וועג, וואָס ער דארף גיין, און צו זיין שטעטעל איז א וויאָרסט צוואנציג. דער איד האָט אריינגענומען יוסף'ן אין זיין צובראָ־בענעם שליטען, געגעבען אים א פּאָר אלטע זעק איינצודעקען די פיס, און מען פאָרט. דאָס פערדעל איז שוין זיינס אָפּגעלאָפען אין לעבען. לויפט זיך ניט מער. פאָרט מען פּאמעלאך און מען רעדט. פאנגט אָן צו גיין א שניי. עס שיט אָהן אויפהער. דער וועג ווערט שווער. דער איד שמייסט אונטער צו ביסלאך מיט רחמנות זיין פערדעל, און בעט זיך ביי אים צו זיין אביסעל לעבעדיגער. ער דערציילט אים, אז עס איז דאָך שוין פארנאכט, ערב שבת, אָבער דאָס פערדעל מאכט זיך ניט וויסענדיג. יוסף זעהט, אז עס איז שוין צייט ליכט־בענטשען. יעדע מינוט ציט זיך ווי א שטונדע. ער דאַווענט מנחה. נאָך א ווײַלע און עס ווערט פינסטער, און יוסף'ן איז פינסטער אין זיין נשמה. „וויי איז מיר, עס איז דאָך שוין שבת!" האָט ער אויסגעשריען. ער פאנגט אָן מקבל שבת

זיין און וויינט מיט ביטערע טרערען און טראַכט: „אַ שיינער קבלת שבת, פאַרענדיג ווי אַ גוי!“ שפּעט אין אָוועגט געקומען צו דעם אידען אהיים. אַ קליין שטיבעלע. די קינדערלאך שלאָפען, די ווייב זיצט איבער אַ ספר, די בענטש־ליכט זיינען שוין אויס־געברענט, ברענט אַ לאָמפּ מיט קעראָסין. יוסף׳ן האָבען זיי איינ־געלאַדען צו זייער אָרימען שבת׳דיגען מאַלצייט, און דאָ האָט ער איבערגענעכטיגט אויף צונויפגעשטעלטע ביינקלאך איינע צו די אנדערע.

גאַנץ פרי איז יוסף אוועקגעלאָפען אין בית־המדרש, געדאַוועט מיט הארץ און געבעטען גאָט, אַז ער זאָל אים מוחל זיין די שרעק־ליכע עבירה פון חלול שבת.

נאָכ׳ן דאַווענען האָט איינער גענומען יוסף׳ן צו זיך אהיים, און ער איז דאָרט פאַרבליבען ביז זונטאג אין־דער־פרי.

זייענדיג אין וועג האָט יוסף אויסגעפונען, אַז ער קען קירצער מאַכען זיין וועג מיט עטליכע הונדערט וויאָרסט. דער מלמד, וואָס האָט געזאָגט, אַז דער וועג איז נאָענט פון טויזענט וויאָרסט, האָט געמיינט, ווען מען פאָרט מיט׳ן באַהן, ווייל קיין באַהן גייט ניט גלייך אהין, מען דאַרף אַרומפאָרען אַ שטיק וועלט, ביז מען קומט אהין; אָבער מיט׳ן פור ,אָדער צופוס גיין, אזוי ווי ער גייט, איז דער וועג מיט עטליכע הונדערט וויאָרסט קירצער. איז יוסף זעהר צופרידען מיט דער ענטדעקונג און זעצט פאָר זיין וועג מיט מער חשק. ער גייט, ער פאָרט אונטער צייטענווייז; און אָנשטאָט דריי מאָנאַטען האָט ער פאַרבראַכט אין וועג נאָר דריי וואָכען, און איז אָנגעקומען אין דעם שטעטעל אין אוקראַינע, וואו עס וואוינט דער איד, צו וועלכען ער האָט געהאַט דעם בריף פון מאיר דעם מלמד.

קאפיטעל 6.

די גוטע מענטשען.

דאָס אוקראינער שטעטעל, וואוהין יוסף איז אָנגעקומען, האָט א גרויסע באפעלקערונג פון קריסטען, מאלאָרוסען, און נאָר א פּאָר צענדליג אידישע געזינדען, וועלכע האָבען דאָ אנטוויקעלט זעהר גרויס דעם געשעפט מיט תבואה (געטריידע), וואָס ווערט פון דאַנען געשיקט צו אלע פּאָרטען פון רוסלאנד, און פון דאָרט אין אנדערע לענדער. דער מאטעריעלער צושטאנד פון די אידען איז דאָ געוועזען א גאַנץ גוטער; און די אידען זיינען דאָ געוועזען אזעלכע, וואָס האָבען ליב הנאה האָבען פון דער וועלט. וואוינט מען אין שיינע גרויסע וואוינונגען, מען טראָגט שיינע קליידער, און איבערהויפּט עסט מען און מען טרינקט פון דאָס בעסטע. אין אלגעמיין זעהט מען ניט אזעלכע פארצאָרענטע פּנים׳ער ווי אין דער ליטע; די אידען זיינען דאָ אממיינסטען גוטמוטיגע און גאסטפריינדליכע; אָבער לערנען קענען זיי ניט. די ליטוואקעס פארזאָרגען זיי מיט תורה. רבנים, שוחטים און מלמדים זיינען ליטוואקעס.

דער מאַן, צו וועמען יוסף האָט געהאַט דעם בריף, איז געוועזען משה אדלער, א פארמעגליכער סוחר פון איינציגע געשעפטען. ער איז אויך געווען א ליטוואק. געקומען אהער יונגערהייט מיט פיל ענערגיע און מיט גוטע פייאיגקייטען, אָבער מיט ווענינ קענטעניש. איצטער באַדויערט ער זעהר שטאַרק וואָס ער איז ניט געלערענט. אין זיין אויפפירונג איז ער געווען ווי אַן אָרטאָדאָקסישער איד דאַרף זיין, אָבער ניט פאַנאַטיש, ניט אזוי שטריינג צו אלע קליי־ניגקייטען ווי א ליטווישער פרומער איד. מיט׳ן כאראַקטער איז ער געווען זעהר א גוטער, ווייך־האַרציגער מענטש, און האָט מיט׳ן גאַנצען האַרצען ליב געהאַט צו טאָן א טובה. איבערהויפּט האָט

ער מקרב געווען אַלע עלענדע, ווייל ער האָט אימער געדענקט, ווי ניט גוט אים איז געווען, ווען ער איז געווען עלענד.

זיין פרוי, דבורה, איז אויך געווען אַ קינד פון ליטווישע על־טערען. איר פאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן; און זי האָט פון אים גע'ירש'ענט די ליבע צו דער תורה. זי איז געווען וואויל געלערענט, און אַן אמת'ע פרומע גאָטספאָרכטיגע אידישע טאָכטער. זי איז פרימער געווען פון איר מאַן, און זי איז באַזעסען זעלטענע גוטע זיטען. איבערהויפּט האָט זי זיך פיל אָפּגעגעבען מיט צדקה. מיט אַן אָפענער האַנט האָט זי געהאָלפען אַלע נויטבאַדערפטיגע, און איר הויז איז אימער אָפען געווען פאַר אַלע אָרימע, און אי־בערהויפּט פאַר אַלע דורכגעהער. יעדער עלענדער האָט אין איר הויז געפונען אַ האַרציגע אויפנאַמע.

אין אַט־דעם הויז איז אַריינגעקומען יוסף. ער האָט איבער־געגעבען אדלער'ן דעם בריוו פון זייער געוועזענעם מלמד. האָט אַדלער צוגערופען זיין פרוי און איבערגעלייענט פאַר איר דעם בריף. די פרוי האָט גענומען נאָכפרעגען ביי יוסף'ן וועגען דעם מלמד מיט זיין פרוי און קינדער פונקט ווי ער וואָלט געווען איר ברודער. יוסף האָט איר געענטפערט אויף יעדער פראַגע און דערציילט, אַז אין שטעטעל רופט מען דעם מלמד „דער נייער נגיד" און ער האָט געעפענט אַ געשעפט.

— זאָל אים גאָט העלפען — זאָגט דבורה — אַז ער זאָל מער ניט דאַרפען איבערלאָזען זיין פרוי און קינדער און פאַרען זוכען פּרנסה.

— ווי איך זעה פון דעם בריף — האָט אַדלער געווענדעט זיך צו יוסף'ן — ווילסטו ניט מער זיצען און לערנען. דו ווילסט בעסער עפּעס טאָן אין דער געשעפטס־וועלט.

— יאָ, — ענטפערט יוסף מיט אַ שמייכעל — אַזוי האָב איך באַשלאָסען. אונזערע חכמים האָבען דאָך געזאָגט: ווער עס איז מקיים די תורה פון אָרימקייט, וועט שפּעטער מקיים זיין אין רייכ־קייט. די ערשטע העלפט האָב איך שוין מקיים געווען מיט דער פולער מאָס. איצטער וויל איך האָבען די צווייטע העלפט, און ביי

אונז אין ליטע איז שווער צו באקומען די צווייטע העלפט; און א מענטש דארף ניט פארלאזען זיך אויף נסים. אונזערע חכמים האבען געזאגט: „ווען עס איז שלעכט אין איין פלאץ, זאל ער גיין אין אן אנדער פלאץ".

דבורה הערט זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט צו יעדען ווארט, וואס יוסף זאגט. דאס זיינען דאך ווערטער פון דער הייליגער תורה, און יוסף זאגט די ווערטער אזוי שיין, אז זיי קריכען אין הארצען. קוקט זי מיט מוטערליכע ליבע אויף אט־דעם ארימען שיינעם געלערנטען ליטוואקעל; און זי ווענדעט זיך צום מאן און פרעגט:

— נו, משה, וואס קענסטו עפעס טאן פאר אים?"

— דאס ערשטע דארף ער זיך אפרוען פון זיין לאנגען וועג, און דאן וועלען מיר זעהן, וואס איך קען טאן פאר אים.

— דערווייל וועסטו זיין אונזער גאסט — זאגט דבורה צו יוספ'ן זעהר פריינדליך — און פיהל זיך ווי אין דער היים ביי דער אייגענער מאמע.

— איך דאנק אייך פון טיפען הארצען — האט יוסף געזאגט מיט טרערען אין די אויגען.

דבורה האט באמערקט זיינע טרערען, און ביי איר האבען זיך אויך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

ניט נאר אדלער מיט זיין פרוי זיינען פריינדליך צו יוספ'ן, נאר אויך זייערע קינדער ווייזען צו אים א שטארקע פריינדשאפט. די קינדער האבען זיך אויסגעלערענט פון זייערע עלטערען צו זיין גאסטפריינדליך, איבערהויפט צו דעם ארימען און עלענדען. אויסער אדלער'ס געזינד האט יוסף דא געפונען נאך א פריינדליכען מענטשען, וועלכער איז צוגעבונדען געווארען צו יוספ'ן. דאס איז געוועזען דער מלמד, וואס אדלער האט צוליב זיינע קינדער. דער מלמד איז אויך א ליטוואק, א יונגערמאן, וואס האט אין ליטע א ווייב מיט קינדער. דער מלמד האט געבעטען יוספ'ן, אז ער זאל פארהערען דעם עלטערען תלמיד, אדלער'ס זוהן, וועלכער לערענט שוין גמרא. אדלער מיט דער פרוי זיינען אויך אנוועזענד געווען. דער אינגעל איז זעהר א פעאיגער, און יוסף האט מיט זיין

עקזאַמינירען דעם אינגעל אַרויסגעוויזען זיינע אייגענע קענטעניש. די עלטערען האָבען זיך צוגעהערט, געהאַט נחת פון זייער קינד, און אַנגעקוואָלען פון דעם אָרימען ליטוואַקעל. דער מלמד האָט זיך איבערציינגט, אַז יוסף קען גוט לערנען; און ער האָט שפּעטער גערעדט מיט די אַדלערס וועגען יוסף'ן מיט גרויס באַגייסטערונג. ביי דער גוטער פרומער דבורה'ן איז אַ געדאַנק דורכגעלאָפען, אַז זי וואָלט וועלען האָבען אַזאַ חתן פאַר איר טאָכטער.

שוין צוויי טעג זיצט יוסף ביי די אַדלערס. ער עסט מאכלים, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכעס ניט געזעהן אפילו אויף חתונות. היינט דאָס שלאָפען — איז גאָר אויסערגעוויינליך. אַזאַ ווייכען שיינעם געלעגער האָט ער נאָך אין לעבען ניט געהאַט. אַ פּערענע מיט אַ גרויסער קישען, אַ ליילאַך ווייס ווי שניי, און אַ קאָלדרע ווייך ווי פּוטער. די וואַרימקייט איז געשמאַקער איי־דער די וואַרימקייט אין דער ישיבה נעבען הרובע. מיט איין וואָרט: אַלץ איז גוט, נאָר איין צרה — ער קען ניט אַרויסגיין אין גאַס. עס איז אַ שאַנדע צו באַווייזען זיך צווישען מענטשען אין זיינע שמאַטעס. דאָ גייען אַלע שיין געקליידעט. אַלץ הייסט קליידער! אין ליטע זעהט מען דאָס ניט שבת און יום־טוב, וואָס מען זעהט דאָ אין מיטען וואָך.

אויף'ן דריטען טאָג האָט אַדלער געזאָגט צו יוסף'ן:

— איך האָב באַשלאָסען אריינצונעמען דיך אין מיינע געשעפטען. וויפיל צו צאָהלען דיר וועל איך זעהן פון דיין אַרבייט. דאָס איז אָפּהענגיג פון דיר; און איצטער איז די ערשטע זאַך וואָס מיר דאַרפען טאָן, איז אויסקליידען דיך. איך וועל מיט דיר פאָרען אין שטאָט. דאָרט קען מען קויפען פאַרטיגע קליידער. די געלט וועל איך אויסלייגען אויף דיין חשבון.

באַלד טאַקע זיינען זיי אַוועקגעפאָרען אין שטאָט, געקויפט צוויי גאַרניטורען — איינעם אַ וואָכעדיגען און איינעם אַ שבת'דיגען, געקויפט אַ פּאַלטאָ מיט אַ באַרכאַטענעם קאָלנער, אַ פּאָר שיינע שטיוועלאַך מיט קאַלאָשען און אַ קאַראַקולענע היטעלע. דבורה מיט דער טאָכטער זיינען דעם זעלבען טאָג געזעסען און גענייט פאַר יוסף'ן וויים־גרעט. דאָס איז געווען אַ מתנה פון דבורה'ן.

ווען יוסף האָט אָנגעטאָן זיינע נייע קליידער, האָט ער זיך אַליין ניט דערקענט. עפּעס זעהט ער אויס מאָדנע. ווען ער וואָלט אין אַזעלכע קליידער ארויסגיין אין גאַס, דאָרט אין דעם חסיד'ישען שטעטעל, וואו ער האָט געלערנט, וואָלטען קינדער נאָכלויפען נאָך אים און שרייען „דייטש!“

יוסף האָט אָנגעשריבען אַ בריף צו זיינע עלטערען, אָנגעזאָגט זיי די בשורה פון זיין גרויסען גליק, וואָס ער האָט אָנגעטראָפען אַזעלכע גוטע מענטשען; און אַז ער האָט שוין אַ שטעלע, און איז אויסגעקליידט אין בגדי מלכות.

אינגיכען האָט יוסף ערהאַלטען פון זיינע עלטערן אַ בריף צו אים און צו די אַדלערס. דעם גאַנצען בריף האָט יוסף געלייענט פאַר אַדלער'ן מיט זיין פרוי. צו אים שרייבט דער פאָטער:

ליבער, טייערער זוהן יוסף.

ווי אַ ריינער פליסענדער קוואַל וואַסער פאַר דעם דורשטיגען און פאַרשמאַכטען, אַזוי איז דיין בריף געווען פאַר אונז, דיינע עלטערען. פון דער צייט, וואָס דו האָסט פאַרלאָזען אונזער הויז ביז עס איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, האָט די מאַמע געפאַסט מאָנטאג און דאָנערשטאג, און געקלאָגט טאָג און נאַכט. נאָר אונזער שטאַרקע האָפנונג אויף גאָט, ברוך הוא, האָט אונז געגעבען קרעפטען איבערצוטראָגען אונזער טיפען צער. און איצטער דאַנקען מיר דעם אַלמעכטיגען, וואָס ער האָט דיך באַשיצט אין דיין לאַנגען שווערען וועג, און וואָס האָט מיט אונז געטאָן דעם גרויסען חסד און דיך געבראַכט אין אַ הויז פון גאָטספאָרכטיגע מענטשען. ליבער זוהן, מיר האָפען צו גאָט, ברוך הוא, אַז ער וועט דיר העלפען צו זיין געטריי און איבערגעגעבען צו די גוטע מענטשען, און צו ליבען זיי און אַכטען זיי ווי אייגענע עלטערען. אויך האָפען מיר, אַז דו וועסט יעדען טאָג געפינען זיך אַ צייט צו לערנען.

פון אונז, דיין פאָטער און מוטער, וועלכע האָפען צו הערען פון דיר אָפט גוטע בשורות.

אַ ב ר ה ם און ר ב ק ה.

און צו די אַדלערס שרייבט דער פאַטער:

להנגיד ר' משה אַדלער און צו זיין פרוי הצנועה מרת דבורה. איך און מיין פרוי, די עלטערען פון אונזער ליבען זוהן יוסף, האַבען ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען אונזער האַרציגע דאַנק־באַרקייט צו אייך פאַר אייער אומבאַגרענצטער גוטהאַרציגקייט צו אונזער עלענדען קינד. גאָט, ברוך הוא, זאָל אייך באַצאָלען פאַר אייער גוטס טאָן אַ פרעמדען קינד, אַז איר זאָלט דערלעבען פיל נחת פון אייערע אייגענע קינדער.

פון אונז אייערע אומבאַקאַנטע פריינד

אברהם און רבקה סיגעל.

לייענענדיג דעם בריף זיינען יוסף'ס אויגען פול געווען מיט טרערען, און אַדלער'ס פרוי האָט געוויינט. ווען יוסף האָט פאַר־ענדיגט לייענען, האָט זי געזאָגט:

— אונז קומט ניט קיין דאַנק. מיר טוען אונזער פליכט, וואָס יעדער מענטש דאַרף טאָן, ובפרט מיר אידען דאַרפען געווים העל־פען דעם עלענדען, אַזוי ווי אונזער הייליגע תורה לערענט אונז.

יוסף האָט גענומען אַרבייטען אין אַדלער'ס געשעפטען; און ער האָט גלייך אַרויסגעוויזען זיין פלייסיגקייט, ערנסטקייט, געטריי־הייט, פינקטליכקייט און אָרענטליכקייט. מיט אַ זעלטענער שנעל־קייט האָט ער באַגריפען די געשעפטען. אַדלער האָט דאָס אַלעס גוט באַמערקט, ריכטיג אָפּגעשאַצט, און באַשטימט פאַר יוסף'ן אַ מאָנאַטליכען געהאַלט אַזאַ, וואָס יוסף'ס פאַטער קען דאָס ניט פאַרדינען אין אַ האַלב יאָר.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט יוסף באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזעהן. די געשמאַקע, געזונטע שפייזען, דאָס געפינען זיך אימער אויף דער פרישער לופט, און די באַוועגונג, וואָס ער האָט, האָבען זעהר גוט געווירקט אויף זיין יונגען קערפּער. ער זעהט אויס געזונט און מונטער, פול מיט לעבען. ביי די אַדלערס אין הויז פילט ער זיך שוין ווי אַן אייגענער. און אַלע זיינען געוואָרען צוגעבונדען צו אים. אַ וואונדערבאַרע צוציאונגס־קראַפט האָט ער אין זיך געהאַט. יעדערער האָט געפילט זיין אָרענטליכקייט, זיין אָפענהערציגקייט און זיין פריינדשאַפט מיט יעדערען, מיט גרע־

סערע און מיט קלענערע פון זיך. דערצו איז ער אימער געווען אין אַ גוטער שטימונג, מיט ליכטיגע אויגען, מיט אַ פריילי־כען פּנים און מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע האָט ער געקוקט אויף דער וועלט און אויף מענטשען; און מענטשען האָבען דאָס ליב. נאָך אַן אורזאַך צו ווערען באַליבט איז געווען זיין שיינע איידעלע אויפפירונג, זיין האַלטען זיך צווישען מענטשען, ווי מען רופט עס „מאַנערען". אמת, יוסף האָט אפילו ניט געוואוסט פון די ווערטער „מאַנערען" אָדער „עטיקעט", אָבער ער האָט גוט געוואוסט און געדענקט וואָס עס מיינט „דרך ארץ". פון דער אַלטער אי־דישער ליטעראַטור האָט ער געשעפּט די לערע, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף זיך אויפפירען, אַז דאָס זאָל זיין שיין פאַר גאָט און פאַר לייטען.

אָט אַזוי איז יוסף באַליבט געוואָרען ביי אַלעמען אין הויז, אָבער מער פון אַלעמען האָט אים ליב געהאַט די גוטע פרומע דבורה. אין די אָוועגטען, ווען יוסף ווערט פריי פון די געשעפטען, זיצט ער אין אַ באַזונדער צימער און לערענט גמרא מיט דעם נגון, פּונקט ווי אין דער ישיבה, און דבורה שטייט אונטער'ן טיר, הערט זיך צו און דערמאָנט זיך אויף איר טאַטען, עליו השלום, וועלכער האָט אויך אַזוי געלערענט. יוסף ווערט ביי איר טייער. זי היט אים אָפּ ווי איר אייגען קינד.

יוסף האָט גוט געפילט די פריינדשאַפט צו אים פון דער גאַנ־צער הויז־געזינד, און האָט פון זיין זייט אין יעדער הינזיכט אויס־געדריקט זיין דאַנקבאַרקייט מיט טיפער ליבע און אַכטונג צו אָט־די גוטע מענטשען.

צווייטער טייל

זייער פאַרהייראַטער לעבען

צווייטער טייל.

זייער פאַרהייראַטער לעבען.

קאַפּיטעל 7.

אַ שיינע ליבע און אַ גליקליכע הייראַט.

אדלער'ס עלטערע טאָכטער, דינה, איז אַלט געווען זיבעצען יאָר; נאָר איר געזונטער, שטאַרקער, אַנטוויקעלטער קערפּער האָט זי געמאַכט אויסצוזעהען עלטער מיט עטליכע יאָר. זי איז געווען אַ ברונעטקע, מיט אַ קאָפּ שווארצע, גלאַנצענדיגע האָר, ווי זייד, מיט קיילעכדיגע געדיכטע שווארצע ברעמען, אונטער וועלכע עס האָבען געלויכטען שווארצע, מילדע אויגען מיט אַ טרוימערישען מיידעלשען בליק, וועלכער האָט געצויגען צו זיך ווי אַ מאַגנעט. איר מויל איז געווען אַ קליינער מיט פולע ראָזעווע ליפּען, מיט ווייסע, שיינע, קליינע צייהן; און אַרום דעם שיינעם מיילעכעל האָט אימער געשוועבט אַ זיסער שמייכעל, וועלכער האָט געקענט באַצויבערען יעדען מענטשען. אימער איז זי געווען אין אַ גוטער שטימונג, געגאַנגען טאַנצענדיג, געאַרבייט זינגענדיג; אָבער אַלעס מיט אַ מאָס, מיט דער צניעות פון אַ גוטער אידישער טאָכטער.

יוסף, דער פרומער ליטווישער בחור, ווען ער האָט דעם ערשטען מאָל דערזעהן דינה'ן, און זי האָט אים גאַנץ פריינדליך באַגריסט, איז ער געבליבען שטיין ווי צוטומעלט, באַוואונדערנדיג איר שיינקייט. שפּעטער, מיט יעדען טאָג, וואָס מער ער האָט באַמערקט איר גוטסקייט און איר באַשיידענקייט, איז דער געפיל פון באַוואונדערען איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער געפיל. ער האָט זי ליב באַקומען. וואָס ווייטער האָט זיך זיין ליבע צו איר אַלץ מער פאַרשטאַרקט; אָבער דאָס איז ניט אויסגעדריקט געוואָרען מיט קיין

וואָרט. ער האָט זיך נאָר ערלויבט צו האָבען דעם פארגעניגען, וואָרפענדיג אויף איר אַ בליק, ווי אויף אַ שיינער בליהענדער רויז אין אַ פרעמדען, פאַרצאַמטען גאָרטען.

די גוטע דינה האָט פון אָנפאַנג געקוקט אויף יוסף'ן ווי אויף אַן עלענדען בחור'ל, וועלכער האָט ערוועקט רחמנות צו אים. מיט אַלעם, וואָס נאָר מעגליך, האָט זי אים געהאָלפען. זי האָט געזעהן, אַז ער זאָל האָבען אין צייט זיינע ריינע וועש, אַז זיין געלעגער צום שלאָפען זאָל זיין באַקוועם און אויך אין געשעפט, מיט וועלכען זי איז געווען גוט באַקאַנט, האָט זי אים פיל אויסגעהאָלפען. שפּע־טער, ווען יוסף האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזעהן, און ווי נאָר זי האָט אים בעסער דערקענט, האָבען אָנגעפאַנגען צו ערוועקען זיך אין איר אַנדערע געפילען צו אים. ניט רחמנות, נאָר ליבשאַפט. איר איז שטאַרק געפעלען זיין פיינער, הויכער וואוקס, זיין איידעלער פּנים, זיינע קלוגע, האַרציגע רייד, זיין פריינדליכקייט און העפ־ליכקייט צו יעדען מענטשען, און זיינע שיינע, ניט־געקינצעלטע מאַנערען. זי פאַנגט אָן אָפטער אַריינצוקומען צו אים אין צימער, ווען ער קומט אין אָבענד פון געשעפט און זיצט און לערענט די גמרא. זי ברייגנט אים פרוכטען און קאָנפעקטען (קענדי) און כאַפּט דערווייל אַריין אַ קליינעם געשפּרעך.

— פאַר אייך איז נויטיג צו לערנען די רוסישע שפּראַך — האָט דינה איינמאָל געזאָגט צו יוסף'ן — און אויב איר ווילט, וועל איך מיט אייך לערנען.

— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען און מיט טיפער דאַנקבאַרקייט נעם איך אָן אייער גוטהאַרציגען פאָרשלאַג, אָבער מיט וואָס וועל איך קענען אָפּצאָלען אייך פאַר אייער לערעריי? — האָט יוסף גע־פרעגט מיט אַ שמייכעל.

מיין געצאָלט וועט זיין אייער ערפאָלג אין דעם לערנען; און איך בין זיכער, אַז איר וועט זיין אַ גוטער שילער — האָט דינה געזאָגט, אַריינקוקענדיג מיט ליבע אין יוסף'ס פּנים, און אַ זיסער שמייכעל האָט זיך צושפּרייט אַרום אירע דינע, פולע, רויטע ליפּעלאַך.

יוסף'ס האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען, זיינע באַקען האָבען זיך גענומען רויטלען, און ער האָט געזאָגט: „האָבענדיג אזא לערער ווי איר, מוז מען זיין אַ גוטער שילער".

זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו לערנען. דער לערער מיט דעם תּלמיד זיינען שטאַרק צופרידען דערמיט. דאָס גיט זיי אַ געלע־גענהייט צו זיין נעהענטער איינער צום צווייטען. אַלס פרומע אי־דישע קינדער ווייסען זיי, אַז אַ בחור מיט אַ מיידעל טאָרען ניט קומען אין צו נאָהענטע באַרירונגען, זיצען זיי אָפּגערוקט איינער פון צווייטען, און דאָך פילען זיי ביידע די נאָענטקייט. די אי־דישע מאָראַל האָט געקענט האָבען אַ ווירקונג נאָר אויף זייערע קערפּער, צו האַלטען זיך אַביסעל דערווייטערט; אָבער זייערע געפילען האָבען זיך ניט געלאָזט איינצאַמען. די צוויי יונגע ריינע נשמות האָבען זיך גענומען צוזאַמענגיסען ווי צוויי קוואַלען וואַ־סער, וועלכע גיסען זיך צוזאַמען און פאַנגען אָן קרעפטיג, האַסטיג צו שטראָמען אין איין ריכטונג. ניט מיט ווערטער, נאָר מיט זיי־ערע אויגען האָבען זיי אויסגעדריקט זייערע געפילען. ווען זייערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט, האָבען זיי ביידע דערפילט ווי זונענ־שטראַלען וואַלטען אַריינשיינען אין זייערע יונגע הערצער, וועל־כע זיינען איצטער געווען ווי די פולע קנאָספּעס (באָדם) פון שיינע בלומען, ווען זיי פאַנגען אָן צו עפענען זיך, און באַלד וועלען זיי זיך צובליען אין זייער פולען פּראַכט.

מיט זיין געוויינליכער פלייסיגקייט האָט יוסף גענומען לערנען די רוסישע שפּראַך, און האָט שנעל געמאַכט אַ גרויסען פּראָגרעס. דינה באַוואונדערט זיין פלייסיגקייט און זיין פעיאיגקייט, און זי איז שטאַרק צופרידען מיט זיין ערפאָלג.

דער ווינטער איז אַוועק, און עס איז געקומען דער שיינער אוקראַינער פרילינג מיט דעם לויטערען הימעל און מילדען וועטער. די רייכע אוקראַינער נאַטור האָט שנעל ערוואַכט פון איר לאַנגען ווינטער־שלאָף. די פילע פּרוכט־גערטנער האָבען זיך צובליט און פאַרשפּרייט אַ נשמה־קוויקענדען אַראָמאַט; און די ברייטע פעל־דער זיינען באַדעקט געוואָרען מיט גרינע טעפּיכער, דורכגעוועבטע מיט פאַרשיידענע בלומעלאַך.

יוסף מיט זיין פון־קינדוויייז־אָן אנטוויקעלטער ליבע צו דער נאטור, איז באצויבערט. אזא שיינקייט האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. פרישער לעבען האָט ארייגעשטראָמט אין אַלע זיינע יונגע גלידער, און שטורעמדיג האָט געגומען פליסען די בלוט אין זיינע אָדערען. ווי א יונגער בוים בליט ער און וואקסט.

שבת נאָך האַלבען טאָג, נאָכ׳ן דאווגען און נאָכ׳ן עסען לאָזט ער זיך אוועק גאַנץ ווייט פון שטעטעל אין דעם גרויסען וואַלד, וואו ער האָט אָפּגעזוכט פראכטפולע פלעצער.

איינמאָל, שבת, האָט יוסף געזאָגט צו דינה׳ן:

— אויב איר ווילט, קלויבט צונויף אייער קאָמפּאַניע, מיט וועלכער איר גייט שפּאַצירען דאָ ארום שטעטעל, און איך וועל אייך פירען אין וואַלד צו זעהר א שיינעם פלאַץ.

— ביי מיר האָט איר גע׳פּועל׳ט — ענטפערט דינה מיט א שמייכעל — און איך גלויב, אז מיין קאָמפּאַניע וועט אויך זיך לאָזען פירען פון אייך.

מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער איז שוין די גאַנצע חברה, בחורים מיט מיידלאַך, געווען אין וואַלד. יוסף האָט זיי געבראַכט צו זיין באליבטען פלאַץ. דאָס איז א קיילעכדיגער פלאַץ, ארום־גערינגעלט מיט הויכע פיכטען בוימער, און באוואקסען מיט גראָז און מיט פארשיידענע קליינע בלומעלאַך. די יונגע חברה האָט זיך צוזעצט אויפ׳ן גראָז, און איינער פון די יונגע לייט האָט א זאָג געטאָן:

— ווירקליך, דאָ איז א זעלטענער שיינער פלאַץ. ווי עס ווייזט אויס איז דער ליטוואַק א גוטער מבין אויף שיינקייט.

— איך גלויב, אז איך בין א מבין — ענטפערט יוסף מיט א שמייכעל.

די בחורים האָבען א קוק געטאָן אויף דינה׳ן, און די מיידלאַך וואַרפען שאַרפע בליקען אויף יוסף׳ן. עס איז שטיל געוואָרען. אויבען אויף די בוימער האָט זיך צוגאָסען א זיסער געזאַנג פון די פויגעלאַך, און אונטען, אין די גראָז, האָט א גאַנצע קאַפּעליע פון היישעריגען, בינען און ענטס אַקאָמפּאַנירט מיט זייער גרילען, פייפען און זומזען. און דאָ ניט ווייט פּיטערט זיך א הערדע. די קי מוקען, די שאָף מעקען און א יונגער פערד הירזשעט. אן עכאָ

פֿון דאָס אַלעס צוזאַמען צוטראָגט זיך איבער׳ן וואַלד. די גאַנצע נאַטור זינגט. די יונגע חברה ווערט באַגייסטערט און פאַנגט אָן צו זינגען רוסישע און אוקראַינער לידער. קיין אידיש קענען זיי ניט. זינגט פאַר זיי יוסף אַ אידיש ליד. געפעלט עס דער חברה, און זיי בעטען אים ער זאָל נאָך עפּעס זינגען.

— אָנשטאָט זינגען וועל איך פאַר אייך דעקלאַמירען און איבערזעצען דעם 104טען קאַפּיטעל פון תהלים.

— מיר זיינען גערן צו הערען — האָבען אַלע אויסגעשריען.

יוסף האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט אונטער אַ בוים, און אָנגעפאַנגען גאַנץ שטיל:

„ברכי נפשי את ה׳“. ווי פּערל האָבען זיך גענומען שיטען פון זיין מויל די קורצע פּאָעטישע פערזען אין דער שיינער לאַקאָנישער העברעאישער שפּראַך. ער לויבט דעם שעפער פון דער גרויסער וועלט. ער דערמאָנט אַלע שאַפונגען, הימעל און ערד, טייכען און ימים, בערג און טאַלען, פון די שוואַכסטע חיה׳לאַך ביז דעם שטאַרקען לייב, פון דעם קלענסטען ווערימעל ביז דעם גרויסען לויתן; און דאָס אַלעס צוזאַמען מיט דעם מענטשען, שטעלען צונויף די שיינע גרויסע וועלט.

מיט יעדען פּסוק ווערט יוסף אַלס מער באַגייסטערט. אַ הייליגער פייערל האָט זיך אָנגעצונדען אין זיינע אויגען, און זיין יונגע שטימע קלינגט זיס און האַרציג. די קליינע אודיענץ איז באַגייסטערט געוואָרען. זיין ערנסטע וואַרימקייט האָט דערוואַרימט זייערע יונגע הערצער, און זיין נשמה׳דיגער ענטוזיאַזם האָט אַריינגעשטראָמט אין זייערע נשמות. אַלע האָבען ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון יוסף׳ן, און קיינער האָט ניט באַמערקט, אַז ביי דינה׳ן קייקלען זיך טרערען איבער אירע שיינע באַקען. זי קוקט אויף אים, זי הערט אים און זי טראַכט: „ווי געטליך שיין ער איז איצטער! אַ שיינער קערפּער און אַ וואונדערבאַרע שיינע נשמה. די גליקליכסטע אויף דער וועלט וועל איך זיין, אויב מיין הייסע ליבע צו אים וועט פאַרווירקליכט ווערען“. אזוי טראַכט זי און די טרערען פליסען.

יוסף האָט פאַרענדיגט. אַלע האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט און האַרציך געדאַנקט. שטילער פון אַלעמען האָט דינה אַפּלאָדירט.

זי זיצט ווי פאַר׳חלום׳ט. איר גאַנצע נשמה און איר האַרץ פאַר־נעמט איצטער יוסף.

יוסף האָט אַ קוק געטאָן אויף דינה׳ן. זייערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט. ביי דינה׳ן האָט זיך באַוויזען אַ שמייכעל. ניט נאָר אירע ראָזעווע ליפּעלאַך מיט דעם שיינעם מיילעכעל האָבען געשמייכעלט, נאָר עס האָבען אויך געשמייכעלט אירע שיינע שוואַר־צע טרוימערישע אויגען. ביי יוסף׳ן האָט זיך עטוואָס צוגעמאַכט די אויגען, ווי ביי איינעם, וואָס האָט פאַר זיך אַ צו־שטאַרקע ליכ־טיגקייט. זיין האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען, און ער האָט אַראָפּגעלאָזען זיינע אויגען.

— איך וועל אייך בעטען — זאָגט יוסף צו דער חברה — אַז איר זאָלט זיך ניט שעמען פאַר מיר און פאַרברייינגען די צייט אַזוי ווי איר זייט געוואוינט.

האָבען די חברה גענומען שפּילען זיך אין קאַץ און מויז. יוסף נעמט אויך אַנטייל. מען לויפט אַרום, מען כאַפּט איינער דעם צווייטען. אַ האַרציגער יוגענט־געלעכטער צושפּרייט זיך קלינגענ־דיג איבער דעם גאַנצען וואַלד. דינה שפּילט אויך, אָבער איר שפּילען איז ווי געצוואונגען, און מען הערט איר ניט לאַכען. זי וואָלט גאָר איצטער וועלען זיין אַליין, און אויסוויינען אירע ברויזענדע געפילען.

עס איז שוין טונקעל געוואָרען, ווען די חברה האָט זיך אומ־געקערט אַהיים. אַלע גייען מונטער און פריילאַך, נאָר איין דינה איז אומעטיג און פאַרטראַכט.

ווען יוסף מיט דינה׳ן זיינען שוין געווען אין דער היים, האָט יוסף זי געפרעגט:

— האָט איר הנאה געהאַט פון היינטיגען שפּאַציר?

דינה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און אַרויסגערעדט:

— אַזעלכע פאַרגעניגענס וואָלט איך וועלען האָבען אָפט אין מיין לעבען.

— ווי אַ מענטש נעמט זיך פאַר, אַזוי העלפט אים גאָט! — ענטפערט יוסף מיט אַן ערנסטקייט.

נאָך דעם שבת אין וואַלד איז דינה'ס רואיגקייט אינגאַנצען צושטערט געוואָרען. שפּעט אין דער נאַכט ליגט זי אויף איר שיינעם געלעגער און קען ניט איינשלאָפען. עס שווימען אַרויף אין אירע געדאַנקען די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלייענט אין דער רוסישער שפּראַך; און איצטער ערשט פאַנגט זי אָן צו פאַרשטיין און צו פילען, וואָס עס מיינט די אמת'ע ליבע, וואָס איז באַשריבען אין די ראָמאַנען. זי האָט ליב יוספ'ן מיט איר גאַנצען הארצען, מיט איר גאַנצער נשמה; און זיכער איז זי, אַז יוסף האָט זי אויך ליב. פיליכט ניט אַזוי שטאַרק ווי זי האָט אים ליב, אָבער ליב האָט ער זי. זי זעהט עס דייטליך פון זיינע באַציאונגען צו איר, זי לייענט אין זיינע אויגען, ווען זיי ריידען, און איבערהויפּט פילט עס איר מיידעלשע הארץ.

און עס מאַטערט זי דער געדאַנק, ווי אַזוי צו פאַרווירקליכען זייער ליבע. זי וואָלט וועלען ריידען מיט דער מוטער, שעמט זי זיך. און אַ געדאַנק פליט ביי איר דורך: „פיליכט וועלען די על־טערען גאָר זיין דאַגעגען צו הייראַטען אַן אָרימען עלענדען בחור'ל, אין דער צייט וואָס מען רעדט איר רייכע שידוכים". אָבער באַלד פאַרטרייבט זי די פינסטערע געדאַנקען. זי וויל גלויבען און האָפען, אַז זי וועט איר'ס אויספירען, אַז דער שיינער, איידעלער, גוטער יוסף וועט זיין אירער; און עס צושפּילט זיך איר מיידעלשע פאַנ־טאַזיע. זי נעמט זיך פאַרשטעלען איר צוזאַמענלעבען מיט יוספ'ן. אַ זיסע וואַרימקייט צוגיסט זיך אין אַלע אירע גלידער, און זי פאַנגט אָן צו דרעמלען. קומט דער גוטער מלאך פון מיידעלשע חלומות און פאַנגט אָן צו מאָלען פאַר איר שיינע בילדער פון איר צוקונפט צוזאַמען מיט איר יוספ'ן. און דער גוטער מלאך ברענגט איר יוספ'ן אין דער פּאָזע, וואָס ער איז געשטאַנען אונטער'ן בוים און דעקלאַמירט זיין „ברכי נפשי". טיף אין איר ריינער נשמה האָט זיך איינגעקריצט יוספ'ס געטליכער אויסזעהען אין יענעם מאָמענט. זי זעהט אים, זי פילט אים נאָענט צו זיך, און זי שלאָפט אַ זיסען שטאַרקען שלאָף מיט אַ שמייכעל אַרום אירע ליי־פּעלאַך.

מיט יוסף'ן איז דאָס גאַנץ אַנדערש געווען. שווערע, אומרואיגע, שלאָפלאָזע נעכט האָט ער איבערגעלעבט. קיין ראָמאַנען האָט ער קיינמאָל ניט געלייענט, אָבער ער געדענקט, ווי עס ווערט דער־ציילט אין דער תורה, אַז ווען יעקב האָט דערזעהן אונזער מוטער רחל, האָט ער זיך פארליבט אין איר; און אום צו באַקומען זי פאר א פרוי, האָט ער געמוזט זיין פארשקלאַפט ביי איר פאָטער פערצען יאָר; און יוסף טוט א טראַכט: „יעקב האָט פאר דער שיינער רחל'ן פערצען יאָר געדינט, און איך בין גרייט מיין גאַנצען לעבען צו דינען פאר דער שיינער דינה'ן".

און יוסף פאַנגט אָן צו פארגלייכען דינה'ס שיינקייט מיט דער שיינקייט פון שולמית, וועלכע דער קעניג שלמה האָט באַזונגען אין דעם ספר שיר־השירים. מיט באַגייסטערונג זינגט יוסף שטי־לערהייט די שיינע ווערטער, מיט וועלכע שלמה האָט באַזונגען זיין געליבטע שולמית.

„שיין ביזטו ווי די רויז אין בלומענטאָל; דיינע ציין זיינען ווי א הערד געוואַשענע שעפעלאך; ווי א רויזענפּאָדים זיינען דיינע ליפּען, וועלכע מיט האָניג טריפען, און ליבליך איז דיין שפּראַך; דיינע שלייפען זיינען ווי גראַנאַט, און דיין האַלז איז א טורם פון עלפענביין; גאַנץ שיין ביזטו, קיין פעלער איז ניטאָ אין דיר".

און יוסף פארענדיגט מיט די ווערטער פון שיר־השירים: „שטאַרק, אומבאַקעמפט ווי דער טויט איז די ליבע; איר גלוט איז דער בליצען־גלוט, דער געטליכער פלאַם!" און יוסף פילט, אַז אָט דער געטליכער פלאַם האָט זיך צוברענט אין אים, און ווערט אַלץ שטאַרקער און פלאַמיגער.

אזוי ליגט ער שטונדען־לאַנג און שטעלט זיך פאָר א גליקליכען לעבען מיט דער גוטער שיינער דינה'ן. א ליכטיגע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאר אים. און פּלוצלונג פאַנגט אָן א שרעקליכער געדאַנק צו פארפינסטערן זיינע ליכטיגע האָפענונגען. געדאַנקען ווי שוואַרצע וואָלקענס אין א לויטערען פרילינגס־פרימאָרגען. ער גלויבט ניט, אַז דאָס איז דערגרייכבאַר פאר אים. „ווי קום איך, אַן אָרימער, עלענדער איינגעל צו אזא שיינער גוטער כלה פון רייכע עלטערען?" טראַכט ער, און א קוואַל טרערען פליסט פון זיינע

אויגען, און ער מענה'ט: „אָ, גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך גע־בראַכט צו אַ גן־עדן, וואו די טיר איז פאַרשפּאַרט פאַר מיר?“

אזוי זיינען דורכגעגאַנגען איניגע מאָנאַטען. די פריילֿיכע דינה גייט אַרום ווי פאַר'חלום'ט; און יוסף איז פאַרצווייפעלט; נאָר די מוטער האָט געמאַכט אַן ענדע צו דעם שווערען צושטאַנד. איין אָוועגט, ווען אַדלער איז געוועזען אין דער היים, האָט דבורה געוועג־דעט זיך צו אים:

— הער נאָר אויס, משה, אויב דו האָסט צייט, וויל איך מיט דיר ריידען זעהר אַ וויכטיגע זאַך.

— פאַר דיינער אַ וויכטיגער זאַך האָב איך אימער צייט. — האָט געענטפערט משה מיט אַ שמייכעל.

— דאָס איז פאַר אונז אַלעמען אַ וויכטיגע זאַך — האָט דבורה געענטפערט. איך דענק, אַז יוסף וואָלט געוועזען אַ גוטער שדוך פאַר דינה'ן, און איך וויל הערען דיין מיינונג.

— איך בין זעהר צופרידען פון יוסף'ס ארבייט אין די גע־שעפטען — ענטפערט אַדלער. — איך זעה, אַז פון אַט דעם ישיבה־בחור'ל קען אויסוואַקסען אַ גוטער סוחר; און אַ סוחר וועט ער זיין ניט ווי אונזערע אוקראַינער סוחרים, וואָס קענען ניט לערנען. ביי אים וועט זיין אַי סחורה אַי תורה. איך האָב שוין אַ טראַכט געטאָן וועגען האָבען אים פאַר אַן איידעם. איך האָב טאַקע געוואָלט ריידען מיט דיר וועגען דעם און הערען דיין מיינונג.

— וואָס אָנבאַלאַנגט מיין מיינונג — האָט דבורה געענט־פערט — ווייסטו גאַנץ גוט, אַז איך האָב אַלע מאָל גאָט געבעטען, אַז ער זאָל צושיקען פאַר אונזער דינה'לען אַ חתן, וואָס קען לער־נען. די אַלע חתנים, וואָס מען האָט איר גערעדט ביז איצטער, זיינען דאָך עם הארצים. איך גלויב, אַז גאָט, ברוך הוא, האָט צו־געהערט מיין געבעט, און האָט אונז צוגעשיקט אין הויז אַזאַ טייערען יונגענמאַן.

— עס איז נאָר אַ פראַגע — האָט אַדלער אַ זאָג געטאָן — וואָס וועט זאָגען דינה. עס קען דאָך זיין, אַז זי זאָל ניט וועלען אַ חתן אַן אָרימען ליטוואַקעל. מען רעדט דאָך איר רייכע שידוכים.

— איך, אַלס מוטער — זאָגט דבורה — זעה און פיל, אַז דינה'לע איז ניט גלייכגילטיג צו יוספ'ן. פון די שידוכים, וואָס מען רעדט איר, וויל זי ניט הערען און ניט זעהען. קיין אורזאַך גיט זי ניט אָן; נאָר איך פארשטיי, אַז די אורזאַך איז, וואָס זי האָט יוספ'ן אין זינען. איך וועל מיט איר ריידען, און זי וועט געוויס זאָגען מיר דעם אמת — האָט דבורה פאַרענדיגט מיט א זיכערהייט.

דעם נעקסטען פרימאָרגען, ווען דבורה מיט דינה'ן זיינען געבליבען אַליין אין הויז, האָט די מוטער זיך אָוועקגעזעצט, צוגערופען דינה'ן און געבעטען זי זעצען זיך. דבורה האָט מיט מוטערליכער ליבע און צערטליכקייט אריינגעקוקט אין דינה'ס אויגען, און גאַנץ רואיג שטיל געפרעגט:

— קענסטו מיר זאָגען, מיין טאָכטער, פאַרוואָס ביזטו אַזוי גלייכגילטיג צו דעם שידוך, וואָס מען רעדט דיר פון כארקאָוו? דאָס איז דאָך א רייכער שידוך, און א פיינער חתן.

— דו אַליין האָסט מיך געלערענט, אַז איך זאָל זיך ניט יאָגען נאָך קיין רייכקייט — האָט דינה געענטפערט גאַנץ ערנסט, און האָט זיך פאַרטראַכט.

— געפעלט דיר ניט דער חתן? — פרעגט די מוטער.

— און דיר געפעלט ער? — פרעגט דינה. — איז דאָס אַזא חתן, ווי דו האָסט זיך אימער געוואונשען צו נעמען פאַר מיר?

— זאָג מיר, מיין טאָכטער, דעם אמת — האָט דבורה געזאָגט — וואָלסטו וועלען האָבען יוספ'ן פאַר דיין חתן? מיר און דעם טאַטען איז ער זעהר געפעלען.

דינה'ס האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען, און אירע ביז איצטער באַהאַלטענע געפילען האָבען אויפגעברויזט אינגאַנצען איר מיידעלשע נשמה; און אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זי אָנגעשפאַרט איר קאָפּ אויף דער מוטער'ס ברוסט, און זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט. דינה וויינט, און איבער דער מוטער'ס באַקען קייקלען זיך טרערען ווי פּערל און פאַלען אריין אין די זיידענע האָר פון דינה'ס קאָפּ.

— באַרואיג זיך, מיין קינד — זאָגט די מוטער, גלעטענדיג דינה'ס ברענענדיגע באַקען.

דינה האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון דער מוטער'ס ברוסט און געזאָגט:

— אויב יוסף איז אייך געפעלען, איז ער מיר געווים געפעלען. די חתנים, וואָס מען האָט מיר ביז איצטער גערעדט, זיינען אריסטאָקראַטען מיט זייערע מאָדנע קליידער, אָבער יוסף איז אַן אריסטאָקראַט מיט זיין איידעלער נשמה. און דאָס, וואָס זיי קענען, און ער קען דאָס איצטער ניט, וועט ער אינגיכען קענען בעסער פון זיי. און דאָס וואָס ער קען — דאָס וועלען זיי קיינמאָל ניט קענען.

גאָט זאָל דיך בענשען, מיין קינד, פאַר דיינע קלוגע רייד — האָט דבורה געזאָגט וויינענדיג און קושענדיג דינה'ן.

מיט איניגע טעג שפּעטער איז אַדלער אין אָוונט אריינגעקומען אין הויז, און ווענדעט זיך מיט אַ שמייכעל צו זיין פרוי:

— ווי געפעלט דיר, דבורה, מען וויל ביי אונז אויסכאַפּען יוסף'ן. דער רב האָט מיר דערציילט, אַז קאַפּלאַן וויל שיקען דעם שוחט אַלס שדכן צו יוסף'ן, און דער רב האָט מיר צוגערעדט זעהר שטאַרק, אַז מיר זאָלען ניט ארויסלאָזען יוסף'ן, אַז ער זאָל זיין אונזער איידעם.

— דאַרף מען ניט אָפּלעגען — זאָגט דבורה — לאָמיר בעטען דעם שוחט, אַז ער זאָל זיין אונזער שדכן.

— נאַרישקייטען — זאָגט אַדלער מיט זיין גוטמוטיגען שמייכעל. — אַ שדכן קען איך אַליין זיין, און איך טו עס טאַקע גלייך. איך גיי. און וועל מיט איםריידען אָפען רייד.

— גיי, און זאָל דיר גאָט באַגליקען. זיי נאָר אַ גוטער שדכן, און שדכנות וועל איך דיר באַצאָלען — האָט דבורה געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

יוסף זיצט אין זיין צימער איבער דער גמרא, נאָר די גמרא קריכט אים ניט אין קאָפּ. ער טראַכט וועגען דינה'ן. האָפענונג און צווייפעל מישען זיך אין זיינע געדאַנקען. ער זיצט פאַרטראַכט

אומעטיג. פלוצלונג עפענט זיך די טיר, און אדלער קומט אריין. ער זעצט זיך נאענט נעבען יוספ'ן און ווענדעט זיך צו אים:

— יוסף, איך וויל מיט דיר עפעס ריידען, און איך האף, אז דו וועסט זיין אפענהארציג און וועסט מיר גלייך ענטפערען.

ביי יוספ'ן האט זיך אפגעריסען אין הארצען. א געדאנק איז ביי אים דורכגעלאפען: פיליכט האט מען באמערקט, אז ער איז ניט גלייכגילטיג צו דינה'ן, און מען וועט אים הייסען פארלאזען די הויז.

— געוויס וועל איך זיין אפענהארציג מיט אייך און מיט אייער פרוי, וועלכע האבען אין מיין עלענד טיף אין מיין הארצען פארנומען דעם פלאץ פון מיינע ליבע עלטערען — האט יוסף געענטפערט, און טרערען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען.

— יא — האט אדלער געזאגט — מיר ווילען טאקע ווערען דיינע צווייטע עלטערען. מיר ווילען, אז דו זאלסט זיין אונזער איידעם. געפעלט דיר אונזער דינה'לע?

ווי איינער, וואס איז געזעסען א לאנגע צייט אין א פינסטערען פלאץ, און פלוצלונג האט זיך געעפענט א ברייטע טיר, דורך וועלכע עס האבען אריינגעשטראמט אלע שטראלען פון דער זון אין א לויטערען טאג, און די צופיל פלוצלימדיגע ליכט האט פארבלענדעט זיינע אויגען, אין אט אזא צושטאנד איז יוסף איצטער געווען. צו שטארק, צו איינדרוקספול זיינען געווען אדלער'ס עטליכע אומערווארטעטע ווערטער. יוספ'ס געפילען זיינען איבערגעפילט. דאס הארץ קלאפט שטארק, און דער צונג באוועגט זיך ניט. אייניגע סעקונדען האט געדויערט ביז ער האט געקענט עפענען דעם מויל, און מיט טרערען אין די אויגען האט ער גאנץ שטיל ארויסגערעדט:

— איך גלויב, אז דאס איז באשטימט פון גאט, דעריבער האט ער מיך געבראכט אין אייער הויז; און וואס אנבאלאנגט אייער פראגע, אויב דינה איז מיר געפעלען, קען איך אייך זאגען, אז דאס ווארט „געפעלען" איז צו קליינליך און צו וואכעדיג פאר מיינע הייליגע געפילען צו איר.

אדלער האט גענומען יוספ'ן אונטער ארעם, און זיי זיינען ביידע אריינגעגאנגען אין עס־צימער, וואו דבורה מיט דינה'ן זיינען

געזעסען. אדלער מיט זיין גוטמוטיגקייט און מיט הארציגער פאַר־טערליכער ליבע האָט זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער:

— דינה'לע, פון אַלע דיינע ביז־איצטיגע שדכנים בין איך דער בעסטער שדכן. אָט האָסטו דיר אַ חתן, וועלכען איך מיט דער מאַמען האָבען ליב, און איך גלויב, אַז דו האָסט אים אויך ליב — האָט אדלער פארענדיגט מיט אַ שמייכעל.

אַ רויטקייט האָט זיך צוגאָסען אויף דינה'ס שיינעם פּנים, און אביסעל פארשעמט האָט זי געענטפערט:

— גליקלאַך בין איך, וואָס איך וועל מיין ליבע אוועקגעבען צו אַ מענטשען, וועלכען מיינע עלטערען האָבען אויך ליב.

— זאָל זיין מיט מזל! — האָט דבורה געזאָגט, קושענדיג דינה'ן. און עס האָבען זיך צוזאַמענגעמישט דער מוטער'ס און דער טאָכטער'ס טרערען — טרערען פון פרייד און גליקזעליגקייט.

— זאָל זיין מיט גליק — האָט אדלער געזאָגט, קושענדיג יוסף'ן, און עטליכע טרערען האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט און אריינגעפאַלען אין זיין באָרד.

יוסף איז געשטאַנען ווי אַ פארשטיינערטער. דבורה האָט אים ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און מוטערליך ווארים, הארציג געקושט, און וויינענדיג ארויסגערעדט:

— קינד מיינס, איך האָף צו גאָט, ברוך הוא, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער מאַן צו אונזער טייערער דינה'לע; און איר ביידע, וועט, אם ירצה השם, פילען זיך גליקליך אינגאַנצען אייער לעבען.

— גענוג צו וויינען! — האָט אדלער געזאָגט, ארומנעמענדיג מיט איין האַנט יוסף'ן און מיט דער צווייטער האַנט דינה'ן. ער האָט זיי ביידען צוזאַמענגעבראַכט און געזאָגט:

— קינדערלאַך, גיט אַפּ „מזל־טוב" איינער דעם צווייטען און צוקושט זיך.

שעמעוודיג, מיט דרך ארץ פאַר די עלטערען, האָבען זייערע ליפּען נאָר צוגערירט זיך איינע צו די אַנדערע; און דאָך איז דאָס ווי אַ שטאַרקער עלעקטרישער שטראָם דורכגעלאָפען דורך זייערע יונגע קערפּער, און האָט צוזאַמענגעשמידט צוויי ריינע הערצער, צוויי יונגע נאַאיווע נשמות.

אינגיכען האָט מען תנאים געשריבען. אדלער האָט געקויפט שײנע מתנות פאַר דעם חתן מיט דער כלה, און ער האָט פאַר זײ בײדען געלאָזט נײען די שענסטע קלײדער; און געלט האָט מען געשיקט, אז יוסף'ס עלטערען זאָלען קומען אויף דער חתונה. א גרויסאַרטיגע חתונה האָט אדלער געמאַכט. א גאַנצע װאָך האָט דאָס גאַנצע שטעטעל הארציג געהוליעט, און יוסף'ס עלטערען זײ־נען אַנגעזעטיגט געװאָרען מיט דעם אמת'ן אידישען נחת.

קאַפּיטעל 8.

יוספֿס פֿרומקייט.

ווען יוסף האָט חתונה געהאַט איז ער אַלט געווען אַכצען יאָר מיט דריי מאָנאַטען. אין דעם נייעם לעבען איז ער אריינגעטראָטען ניט לייכטזיניג ווי אַן אַכצען יאָריגער בחור, נאָר מיט אַ טיפער ערנסטקייט און מיט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט. זיין שווער־רער אָרימער לעבען און די רעליגיעזע דערציאונג האָבען אים פון קינדווייז אָן צוגעוואוינט צו קוקען אויפן לעבען מיט ערנסטקייט.

נאָך דער חתונה האָט אדלער אריינגענומען יוסף'ן פאַר אַ שותף אין דעם תבואה־געשעפט. יוסף איז שטאַרק צופרידען, וואָס ער איז געוואָרען אַ סוחר, ניט ווי די קליינע קרעמער אין די ליט־ווישע קליינע שטעטעלאך, וואו דער קרעמער זיצט זומער אין היץ און ווינטער אין קעלט, וואַרטענדיג אויף די גראָשענע לייזונגען. דאָ האַלט מען איבער יעדע וואָך טויזענטער רובלען. די תבואה, וואָס מען קויפט, ווערט צושיקט מיט די באַנען צו די רוסישע פּאָרטען, און פון דאָרט גייט עס אַוועק מיט די ימים אין אַנדערע לענדער. מען איז פאַרבונדען מיט דער גרויסער וועלט און יעדען טאָג זעהט מען פאַרשיידענע מענטשען.

יוסף'ן איז דאָס זעהר געפעלען, און זיין אַמביציע איז צו ווערען אַ גוטער סוחר, צו פאַרשטיין דעם געשעפט גרינטליך אין אַלע איינ־צעלהייטען. ווענדעט ער אָן אינגאַנצען זיין פייאיגקייט און ענערגיע צו לערנען דעם געשעפט. אָבער ער ווערט ניט אינגאַנצען פאַר־שלונגען אין דעם געשעפט. אין דער פרייער צייט, ווען די אַנדערע סוחרים שפּילען אין קאָרטען, זיצט יוסף און לערענט. און פרייע צייט האָט ער גענוג. ער האָט חתונה געהאַט אָנפאַנג ווינטער. האָט ער פאַר זיך די לאַנגע ווינטער־נעכט. זיצט ער שפּעט אין דער נאַכט, און שטייט אויף פאַרטאָג און לערענט. ער לערענט

תלמוד און שולחן ערוך, ווייל ער וויל גוט וויסען אַלע דינים, וואָס אַ איד מוז אָפּהיטען אויף יעדען טראָט; און ער היט טאַקע אַלץ אָפּ מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט צו טאָן, וואָס אַ איד דאַרף טאָן, און ניט צו טאָן, וואָס אַ איד טאָר ניט טאָן. ער איז פעסט באַשלאָסען צו זיין אַן אמת'ער פרומער איד; און ער ווייס, אַז אין די הייליגע ספרים שטייט געשריבען, אַז אידישקייט באַשטייט פון צווייערליי פליכטען: פליכטען פון קערפער און פליכטען פון האַרצען. דאָס מיינט, אַז עס זיינען פאַראַן מצוות, וואָס מיר דאַרפען טאָן מיט אונזער קערפער, ווי אָנצוטאָן אַ טלית און תפילין, בענטשען אתרוג און דאָס גלייכען; און עס זיינען פאַראַן מצוות, וואָס זיינען פאַרבונדען נאָר מיט אונזער האַרץ, מיט אונזערע גע־פילען, ווי צום ביישפיל, וואָס דער מענטש דאַרף אַלעמאָל האָבען ריינע געדאַנקען, ער טאָר ניט טראָגען אין האַרצען קיין האַס אויף קיין מענטשען, מען דאַרף אורטיילען יעדען מענטשען פון דער גו־טער זייט, און קענען ניט נאָר פאַרגעבען, נאָר פאַרגעסען דעם צווייטענס אומרעכט. און אין דעם ספר חובת הלבבות שטייט געשריבען, אַז די פליכטען פון האַרצען שטייען העכער פון די פליכטען פון קערפער, אַז דער אמת'ער פרומער איד מוז באַזיצען מדות טובות, גוטע זיטען, אין זיינע באַציאונגען צו אַלע מענטשען, אַז אַלע אונזערע טאַטען זאָלען זיין געבויט אויף אמת, אויף גע־רעכטיגקייט און ליבשאַפט.

אָט אַזאַ וועג אין לעבען האָט יוסף זיך אָנגעצייכענט; און שטאַרק איז זיין גלויבען, אַז אין דעם וועג, וואָס דער מענטש וויל גיין, העלפט אים גאָט צו גיין.

קאפיטעל 9.

א גייסטיגער צוזאמענבונד צווישען מאן און ווייב.

דער פרומער יוסף האט פארלאנגט פון דינה'ן, אז זי זאל זיין פאלקאם פרום, און אפהיטען יעדע זאך אזוי, ווי זיין מאמע און זיין באבע האבען אפגעהיט.

פאר דינה'ן איז דאס געווען צופיל. זי איז געוואקסען אין א פרייערער וועלט, און אליין איז זי פול מיט לעבען און פרייד, און דא קומט יוסף מיט זיינע פאדערונגען, אז זי זאל זיין פרימער פון אלע אירע באקאנטע. שווער איז איר געווען צוצופאסען זיך צו יוסף'ס פאדערונגען אין איר רעליגיעזער אויפפירונג, אבער איר שטארקע ליבע און אכטונג צו יוסף'ן האבען זי ניט דערלאזען צו פראטעסטירען. זי וויל ניט פארשאפען אים קיינע שמערצען. זי האפט, אז יוסף וועט זיך ענדערען. מען דארף נאר האבען געדולד. יוסף זעט אבער, אז זי טוט פיל זאכען געצוואונגענערהייט; און ער גלויבט, אז ווען זי זאל וויסען און פארשטיין די לערע פון אידישקייט, וואלט זי געווים אין איר פרומקייט געפינען א גייסטיגע צופרידענהייט, דעריבער האט ער באשלאסען אנצופאנגען מיט איר לערנען.

איינמאל אין אווענט, נאך א טאג שווערער ארבייט אין געשעפט, ווען יוסף איז געזעסען אין זיין צימער און געלערענט, איז דינה אריינגעגאנגען שטיל, אוועקגעשטעלט נעבען אים א טעצעל מיט א גלאז טיי מיט איינגעמאכץ און מיט א שיינעם אפעלסין. יוסף האט זי צוגעדריקט צו זיך און א קוש געטאן. זי האט אים באצאלט מיט אירע פלאמענדיגע קושען און געזאגט:

— איך גיי. איך וויל דיר ניט שטערען אין דיין לערנען. דאס איז דאך דיין העכסטער גייסטיגער פארגעניגען.

— דינה׳לע, גיי ניט אוועק — האָט יוסף געזאָגט — איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

ער האָט אוועקגעשטעלט א שטול נאָענט צו זיך, און געבעטען זי זעצען זיך. זי האָט זיך געזעצט, און ער, אריינקוקענדיג אין אירע ליכטיגע אויגען, האָט געזאָגט צו איר:

— אמת, ווי דו האָסט זיך אויסגעדריקט, איז לערנען מיין העכסטער גייסטיגער פאַרגעניגען; און איך גלויב, אַז גייסטיגער פאַרגעניגען איז דער שענסטער פאַרגעניגען, וואָס א מענטש קען געניסען; און איך וואָלט זעהר וועלען, אַז דו, מיין טייערע, זאָלסט אויך געניסען פון אָט דעם פאַרגעניגען. מיין וואונש איז, אַז אַלע אונזערע פאַרגעניגענס אין לעבען זאָלען פאַר אונז ביידען קומען פון דיזעלבע קוועלע. איך גלויב, אַז אַן אמת׳ער שיינער גליקליכער פאַמיליען־לעבען קען זיין נאָר דאָרט, וואו מאַן און ווייב זיינען אויך גייסטיג צוזאַמענגעבונדען, וואו עס איז פאַראַן א נשמה׳דיגע פאַראייניגונג, קען דער פאַמיליען־לעבען ווערען א היילינגטום.

— ווי אַזוי קען איך שעפּען גייסטיגען פאַרגעניגען פון דיזעלבע קוואַלען, וואָס דו שעפּסט? — האָט דינה געפרעגט. — איך קען דאָך נאָר אביסעל רוסיש און אידיש, אָבער וואָס דו לערענסט איז פאַר מיר אינגאַנצען פרעמד.

— אָט־דאָס וויל איך טאַקע — האָט יוסף געזאָגט — אַז דו זאָלסט ניט בלייבען אינגאַנצען פרעמד צו די זאַכען, וואָס איך לער־רען, דעריבער האָב איך באַשלאָסען צו לערנען מיט דיר, צו איבער־געבען און ערקלערען דיר וואָס איך וועל געפינען אינטערעסאַנט; און איך האָף, אַז דו וועסט אויך באַגייסטערט ווערען פון וואָס איך ווער באַגייסטערט.

— ניט נאָר דיין לערנען וועט מיך באַגייסטערען, נאָר יעדעס וואָרט דיינער און יעדער בליק דיינער זיינען א קוואַל פון באַגייס־טערונג פאַר מיר — האָט דינה געזאָגט — און איז אוועקגעלאָפען דערציילען דער מוטער, אַז יוסף האָט איר צוגעזאָגט צו לערנען מיט איר.

— גליקליך ביזטו, מיין טאָכטער, וואָס דו האָסט אַזאַ מאַן, פון וועלכען דו וועסט קענען לערנען.

יוסף האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען מיט דינה'ן יעדען אָווענט. ער לעזט פאַר איר און ערקלערט איר איינינע פּלעצער פון תנ"ך און פון תלמוד, ווי אַזוי דער איד דאַרף זיך אויפפירען אין זיין אַלטעג־ליכען לעבען. דינה הערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, זי שלינגט יעדעס וואָרט; און יוסף האָפט, אַז זיין דינה'לע וועט ווערען אַ באַוואוסטזיניגע פרומע אידישע טאָכטער.

איינמאָל אין אָוועגט, ווען יוסף מיט דינה'ן זיינען געזעסען אין זייער צימער, און יוסף האָט געלערענט מיט איר, איז די מוטער פאַרבייגעגאַנגען זייער צימער און האָט דערזען ווי אירע קינדער זיצען ווי צוויי טייבעלאַך אין זייער נעסט, ביידע פאַרטיפט אין זייער לערנען, און לערנען — לערנען זיי דאָך גאָט'ס תורה, איז איר מוטערליכע האַרץ און איר פרומע נשמה איבערגעפילט געװאָרען מיט גליק און פרייד. זי האָט געוואָלט אַוועקגיין אומבאַ־מערקט, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט באַהערשען. איז זי אַריינ־געגאַנגען צו די קינדער, און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— מיין מאַמע, עליה השלום, האָט מיר אָנגעזאָגט: „וואו צוויי זאָלסטו ניט זיין אַ דריטע", נאָר צו אייך האָב איך זיך גענומען דאָס רעכט אַריינצוגיין, ווייל מיין פאָטער, עליו השלום, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אין דער גמרא שטייט געשריבען: „וואו אַ מאַן און ווייב פירען אַ שיינעם פאַמיליען־לעבען, דאָרט איז אימער גאָט צווישען זיי". הייסט עס, אַז איר זייט שוין דאָ אין דרייען, מעג איך זיין די פערטע, און איך וואָלט וועלען אויך געניסען פון וואָס דו, יוספ'קע, לערענסט מיט דינה'לען.

— מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען, שוויגער — האָט יוסף גע־ענטפערט, געבעטען דער מוטער זיצען און פאָרטגעזעצט זיין לערנען.

אינגיכען האָט דער פאָטער אויך אָנגעפאַנגען צו זיצען און הערען וואָס יוסף לערענט מיט די פרויען.

אַ ווינטער אָוועגט. אין הויז איז וואַרים און ליכטיג. אין עס־צימער, אויף אַ שיין געגרייטען טיש, שטייט אַ קאָכיגער סאַמאָוואַר מיט עטליכע סאָרטען איינגעמאַכץ מיט היימישע גוטע געבעק און שיינע פרוכטען.

אַלע זיצען אַרום טיש, זייערע אויגען געווענדעט צו יוסף'ן, וועלכער זאָגט פאַר זיי אַ קאַפּיטעל פון תנ"ך, אָדער ער לערענט פאַר זיי פון דער תלמודישער ליטעראַטור די וואונדערבאַרע שיינע פאָלקס־דערצעהלונגען, פאַבלען און לעגענדען, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ די באַגריפען אין דעם לעבען פון אידישען פאָלק. און יוסף ערקלערט זיי ווי אין יעדער מעשה'לע, אין יעדער פאַבעל איז איינגעוויקעלט אַ לערע, צו ווייזען דעם מענטשען וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט אין דעם מענטשענ'ס אויפפירונג.

יוסף לערענט מיט דעם האַרציגען אומעטיגען ניגון, מיט וועל־כען אידען פלעגען לערנען. אַנגענעם איז זיין יונגע שטימע, קלאָר און דייטליך איז זיין שפּראַך, און ערנסט איז זיין באַגייסטערונג, וועלכע פליסט פון זיין נשמה און שטראָמט אריין אין די נשמות פון זיינע צוהערער.

קאַפּיטעל 10.

אידישקייט און וועלטליכקייט.

עס איז שוין א יאָר נאָך יוסף'ס חתונה. ער איז פאָלקאָם צו־פרידען מיט אַלץ. א פרוי האָט ער א שיינע, א קלוגע, א גוטע און א פריילינע, וועלכע איז פאַר אים א קוואַל פון ערמוטיגונג אין יעדער הינזיכט. מיט זיין מאַטעריעלען צושטאַנד איז ער אויך צו־פרידען. ער פאַרדינט מער איידער זיי פאַרלעבען, ווייל די באַ־דערפענישען און פאַרלאַנגען זיינען באַגרענעצט. און איבערהויפט איז ער זעהר צופרידען, וואָס ער האָט גענוג פרייע צייט צו לער־נען; און ער דאַנקט גאָט, וואָס גאָט האָט אים געהאָלפען צו לעבען אזוי ווי ער האָט זיך פאָרגענומען — צו זיין אַן אמת'ער פרומער איד.

אין אָנפאַנג פון צווייטען יאָר נאָך יוסף'ס חתונה האָט זיך אין זייער שטעטעל צייטווייליג באַזעצט א יונגערמאַן־מיט'ן נאָמען יצחק בריל. ער קומט פון ליטע, נאָענט פונ'ם פּרייסישען גרענעץ; ער איז דער איינקויפער פון תבואה פאַר א גרויסער פירמע פון דייטשלאַנד. דער יונגערמאַן איז א גרויסער קענער פון תלמוד און תנ"ך, ער האָט פיל געלערענט די אידישע פילאָסאָפישע ווערק, און דערצו נאָך איז ער גוט באַקאַנט מיט דער דייטשער ליטעראַטור.

בריל איז שטאַרק צופרידען, וואָס ער האָט דאָ געטראָפען יוסף'ן, מיט וועלכען ער קען פירען א געשפרעך אויסער געשעפט. גאַנץ שנעל זיינען זיי באַפריינדעט געוואָרען, אָבוואָל בריל איז פיל עלטער געוועזען פון יוסף'ן. בריל האָט גוט פאַרשטאַנען ווער יוסף איז, און וואָס מען קען פון אים מאַכען. יוסף האָט אָבער ניט געקענט באַגרייפען וואָס פאַר א מענטש איז בריל. עפּעס א מאָדנער איד. ער פירט זיך ווי אַלע אידען, ער טוט ניט וואָס מען טאָר ניט, ער רעדט מיט באַגייסטערונג וועגען דער אידישער תורה און

וועגען דער אידישער רעליגיע; און מיט אמאל קען ער ארויסזאגען אן אפיקורסישען געדאנק, פון וועלכען יוסף ווערט פארציטערט.

איינמאל, אין זייער געשפרעך, האט בריל געזאגט צו יוסף'ן:

— איר זייט א וואוילער יונגערמאן. איר באזיצט גאנץ גענוג אידישע קענטעניש, און איר זייט ערנסט פרום, אבער איר זייט צו פאנאטיש. איר לערענט גענוג, אבער איר דענקט ווייניג; און ווען איר דענקט יא אמאל, זיינען דאס אלץ פרעמדע געדאנקען, ארויפגעצוואונגענע; און אייניגע פון אט די געדאנקען קענען גאר זיין פארעלטערטע, וועלכע האבען שוין לאנג פארלארען זייער באַדייטונג. איר דארפט אנפאנגען דענקען אביסעלע פרייער, ניט שרעקען זיך פאר א פרייען געדאנק.

— וואס מיינט איר? — האט יוסף געפרעגט פארוואונדערט — איך זאל ווערען א פריידענקער, ווי אט־די חברה הפקר־יונגען, וואס מיר זעהען דא, וועלכע רופען זיך פריידענקער און טוען אלץ וואס מען טאר ניט טאן?

— דאס זיינען ניט קיין פריידענקער — האט בריל געענטפערט. — זיי זיינען ניט נאר ניט קיין דענקענדע מענטשען, נאר זיי זיינען אויך ניט קיין פרייע מענטשען. זיי האבען זיך נאר באַפרייט פון דעם „מען טאר ניט“, אבער זיי זיינען פארשקלאפט צו זייער „עס ווילט זיך“. דער אמת'ער ערנסטער דענקער זוכט ניט דורך זיינע פרייע געדאנקען צו באפרייען זיך פון אלץ, און טאן וואס זיין הארץ געלוסט. דער דענקענדער מענטש באפרייט זיך נאר פון פאלשע באגריפען, פון נארישע מיינונגען. און איר דארפט וויסען, אז דער אמת'ער רעליגיעזער מענטש קען בלייבען רעליגיעז, אבער אין א שענערען און העכערען זינען. ער וועט פיליכט ניט אפהיטען די אלע אומוויכטיגע קלייניגקייטען, וואס מען האט אויף אונז ארויפגעצוואונגען אין דעם נאמען פון דער רעליגיע, ווייל די צייט האט עס געפאדערט, אדער פיליכט איבער אנדערע אור־זאכען. אבער אנשטאט אט־דער קלייניער אויסערליכער פארגרינגע־רונג וועט אין אים פארשטארקט ווערען דער אינערליכער דראנג דורכצופירען אין לעבען די פונדאמענטאלע פרינציפען, די אמת'ע

אייביגע פליכטען, וועלכע דארפען מאַכען דעם מענטשען בעסער און שענער, אזוי ווי אונזער תורה לערענט אונז.

בריל איז געבליבען שווייגען, און יוסף האָט זיך פארטראַכט:

— וואָס טראַכט איר? — האָט בריל צערטליך געפרעגט, און מיט ליבשאַפט אריינגעקוקט אין יוסף׳ם פאר׳חלומ׳טע אויגען.

— איך טראַכט — האָט יוסף געענטפערט — וועגען די ווערטער פון נביא, וועלכער האָט געזאָגט: „צדיק באמונתו יחיה״ — דער גערעכטיגער לעבט אין זיין אמונה — דאָס מיינט, אז מיר דארפען לעבען נאָר אזוי ווי די אמונה, די רעליגיע אונזערע לערענט אונז.

— איך וואָלט וועלען הערען פון אייך, יוסף — האָט בריל געזאָגט — וואָס פאר א באַגריף האָט איר וועגען רעליגיע אין אַלגעמיין, און אין וואָס באַשטייט די אידישע רעליגיע?

— מיט אַנדערע רעליגיעס בין איך ניט באַקאַנט — האָט יוסף געענטפערט — און דעם אידען׳ם אמונה איז דער גלויבען אין דעם איינציגען גאָט, אין דעם באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט, וועלכער פאָדערט פון אונז, אז מיר זאָלען לעבען ווי עס איז געשריבען אין די הייליגע ספרים.

— גאַנץ ריכטיג — האָט בריל געענטפערט — רעליגיע מיינט גלויבען און טאָן וואָס דער גלויבען פאָדערט פון אונז. איך וויל אייך אָבער אויפמערקזאַם מאַכען, ערשטענס, אז דאָס העברעאישע וואָרט „אמונה״, וועלכע ווערט איבערגעזעצט „גלויבען״, האָט פיל אַנדערע באַדייטונגען. אין תנ״ך געפינען מיר דאָס וואָרט אמונה, וואו דאָס מיינט פעסטקייט; א מאָל מיינט עס געוויסענהאַפטיגקייט; א מאָל וואַרהאַפטיגקייט און א מאָל צוטרויען. אָבער דאָס מיינט ניט בלינדער גלויבען. אין דער אידישער תורה איז ניטאָ קיין געבאָט „דו זאָלסט גלויבען״, נאָר די תורה זאָגט: „דע את ה׳ אלהיך״ — דו זאָלסט וויסען דיין גאָט. דאָס מיינט, אז מיר דארפען לערנען, אריינדרינגען טיף אין דער לערע און מיט אָפענע אויגען, מיט א קלאָרען פארשטאַנד באַאָבאַכטען די וועלט און דעם לעבען, ביז מיר הויבען אָן צו באַגרייפען, אז די גאַנצע נאַטור ווערט קאָנטראָלירט פון אַן אַלהעכסטער קראַפט, וועלכע מיר רופען „גאָט״.

איר, יוסף, דארפט לערנען די ווערק פון אונזערע דענקער, ווי רבי סעדיה גאון, דער רמב"ם, רבי יהודה הלוי און דאָס גלייכען. דאָן וועט איר אויסגעפינען, אַז פיל זאַכען האָבען זיך אריינגע־מישט אין אונזער גלויבען, וועלכע זיינען גאָר אבערגלויבען, וואָס זיינען פארבליבען פון אונזערע אייגענע אור־אַלטע צייטען, אָדער וואָס מיר האָבען געלערענט פון די פערסיער און באבילאָנער און פון די אַנדערע פעלקער, צווישען וועלכע מיר האָבען געלעבט. און, צום באַדויערען, זעהען מיר אָפט, אַז דער אבערגלויבען איז שטאַר־קער פון דעם אמת'ן גלויבען. מיר זעהען מענטשען, וועלכע באַ־רימען זיך, אַז זיי גלויבען ניט אין גאָט, און אין דער זעלבער צייט האָבען זיי מורא פאַר שדים — זיי ווילען ניט אָנפאַנגען אַן אונ־טערנעמונג אין געוויסע טעג, און דאָס גלייכען.

ווען איר וועט לערנען די ספרים, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, וועט איר זען דעם אונטערשייד צווישען גלויבען און אבערגלויבען; און דאָן ערשט וועט איר קענען ריכטיג אָפּשאַצען די הויכקייט און שיינקייט פון דער ריינער אידישער רעליגיע, פון דעם גלויבען אין דעם איינציגען גאָט; און דאָן וועט עס ערשט זיין דער אמת'ער מאָנאָטהאַיזם, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אויפ'ן בארג סיני, און וועלכער איז פארשטאַרקט געוואָרען שפּעטער דורך אונזערע נביאים.

און צווייטענס וויל איך אייך באַמערקען, אַז מיר מוזען דייט־ליך וויסען וואָס זיינען די פונדאַמענטאַלע פאָדערונגען פון אונ־זער רעליגיע. „איר האָט געזאָגט, אַז די אידישע אמונה פאָדערט פון אונז צו לעבען ווי עס איז געשריבען אין די הייליגע ספרים, און הייליגע ספרים רופט מען אַלץ, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין טויזענדער יאָרען אין דעם נאָמען פון רעליגיע, און מיר קענען דאָרט געפינען פיל מנהגים און דינים, וועלכע קומען פון אַנדערע קוועלען, ניט פון דער ריינער אידישער אמונה, און אייניגע זאַכען, וועלכע זיינען אפילו געשאַפען געוואָרען פון דעם אידישען פאָלק אַליין, זיינען איצטער אַן איבעריגע לאַסט פאַר דעם מאָדערנעם אידען.

— וואָס מיינט איר? — האָט יוסף געפרעגט מיט פארדרוס — מען זאָל מאַכען אַ נייעם שולחן ערוך?

— ניט קיין נייעם — האָט געענטפערט בריל געלאַסען — אָבער ענדערונגען און פאַרגרינגערונגען מוזען געמאַכט ווערען. אַמאָל האָבען מיר געהאַט אונזערע גייסטיגע פירער, די שאַפער פון דעם תלמוד, וועלכע האָבען געמאַכט פיל ענדערונגען אין דער לערע פון דער תורה. זיי האָבען פיל דינים צוגעפּאַסט צו דער צייט און צו די אומשטענדען. היינט, אָבער, צום באַדויערען, האָבען מיר ניט אַזעלכע גייסטיגע פירער, וועלכע זאָלען האָבען דעם מוט צו מאַכען ענדערונגען און פאַרגרינגערונגען.

— וואָס הייסט פאַרגרינגערונגען? — האָט יוסף געפרעגט פאַרוואונדערט. — פאַר אַ אידען, וואָס גלויבט, איז קיין זאַך ניט צו שווער, און פאַר די, וואָס עס איז שווער, ווען זיי פאַנגען אָן צו פאַרגרינגערען, וואַרפען זיי פון זיך אַראָפּ אינגאַנצען די אידישקייט און ווערען אָפּגעריסען פון אידישען פאָלק.

— יאָ, צום באַדויערען זיינען פאַראַן אַזעלכע — האָט געענט־פערט בריל — אָבער איר דאַרפט וויסען, אַז דאָס זיינען מענטשען, וועלכע זיינען ווייניג באַקאַנט מיט דער אמת׳ער לערע פון אידענ־טום. אידענטום איז אַ שיינער ווייַנגאָרטען, אָבער איבער די פיל צאַמען, וואָס מען האָט אַרומגעצאַמט דעם ווייַנגאָרטען, אום צו פאַרהיטען אים, קענען ניט די מערסטע מענטשען אַריינקומען אין ווייַנגאָרטען, און קענען ניט געניסען פון די פרוכט וואָס געפינען זיך דאָרט. מענטשען וויסען ניט דעם אונטערשייד צווישען די פּרינציפּען אין אידישקייט און די קליינינקייטען, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אין די טויזענדער יאָרען, און דעריבער, ווען זיי ווערט שווער, וואַרפען זיי אַוועק אַלץ צוזאַמען. פרעמד איז פאַר זיי די אמת׳ע לערע פון אונזער תורה, דערפאַר איז גרינג פאַר זיי פאַרפרעמדט צו ווערען פון אידישקייט און פון דעם אידישען פאָלק. אָבער פון אַזאַ אידען ווי איר, יוסף, ווערט דער קריטישער איבערבליק און דער פרייער געדאַנק מאַכען אַ בעסערען און שע־נערען אידען אַלס קינד פון זיין פאָלק און אַלס מענטש צו דער וועלט.

אַזעלכע געשפּרעכען צווישען ברילן און יוסף׳ן זיינען אָפט פאָרגעקומען. יוסף׳ן האָבען ווי געטאָן ברילס ווערטער, און דאָך

האָט ער געוואָלט הערען זיינע רייד; און ווען יוסף פלעגט בלייבען אליין, האָט ער ניט געקענט פאַרטרייבען פון זיך די געדאַנקען וואָס בריל האָט ערוועקט אין אים; און עס איז פאָרגעקומען אין אים אַ שווערער קאַמף צווישען זיינע איינגעוואָרצעלטע געדאַנקען און די נייע פרעמדע געדאַנקען. איין געדאַנק באַקעמפט דעם צווייטען. אַמאָל איז איינער שטאַרקער, און אַמאָל דער צווייטער. יוסף זעט ניט קיין ענדע צו דער מלחמה, פון וועלכער זיין האַרץ בלוטיגט און זיין נשמה ווערט צוריסען; און עס שרעקט אים דער געדאַנק, אַז פיללייכט איז אויף אייביג צושטערט געוואָרען זיין גייסטיגע רואיגקייט.

דינה פלעגט אימער זיצען און הערען מיט אויפמערקזאַמקייט בריל'ס געשפרעכען מיט יוסף'ן, און זי איז שטאַרק צופרידען, וואָס בריל דיסקוטירט מיט יוסף'ן וועגען רעליגיעזע פראַגען. זי האָפט, אַז בריל וועט האָבען אַן איינפלוס אויף יוסף'ן, ער זאָל ווערען מער וועלטליך, און ניט זיין אַזוי פאַנאַטיש פרום. איר טוט נאָר וויי דאָס האַרץ, וואָס יוסף איז אַזוי אומרואיג געוואָרען און דאָס קאָסט אים פיל געזונט.

איינמאָל, ווען בריל איז שפעט אין אָוועגט אוועקגעגאַנגען, און יוסף איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער שטאַרק פאַרטראַכט, איז דינה צוגעגאַנגען צו אים, אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף זיין אַקסעל, און מיט איר געוויינליכער צערטליכקייט געפרעגט: „וואָס ביזטו אַזוי אומרואיג?"

— טייערע מיינע, איך האָב פאַרלאָרען מיין גייסטיגע רואיגקייט, און מיין נשמה פאַרלירט איר גאַנצקייט — האָט יוסף געזאָגט פאַרצווייפעלט, און טרערען האָבען זיך באַוויזען אין זיינע אויגען.

דינה האָט מיטביידע הענט אַרומגענומען יוסף'ס קאָפּ, אַ קוש געטאָן זיין שטערען און געזאָגט:

— יוסף'קע, איך בין זיכער, אַז דו וועסט איינגיכען צוריק געפינען דיין גייסטיגע רואיגקייט, און דיין ריינע נשמה וועט אימער בלייבען גאַנץ. דו פאָלג בריל'ן, און לערען די ספרים, וואָס ער האָט דיר גערעקאָמענדירט. דו, מיט דיינע פעאיגקייטען און מיט דיין פלייסיגקייט וועסט גיך אויסגעפינען דעם ריכטיגען ענטפער

אויף די פראַגען, וועלכע מאַטערען דיך איצטער; און איך בין זיכער, אַז דיין נשמה וועט אַרויסקומען נאָך מער געלייטערט.

יוסף האָט אָנגעפאַנגען לערנען דעם רמב"ם'ס ווערק און די אַנדערע ספרים, וועלכע בריל האָט אים אָנגעוויזען, סיי פון דער אַלטער און סיי פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, און ער שטודירט אויך די אידישע געשיכטע.

אויסער די אַלע אידישע למודים, האָט יוסף גענומען לייענען די בעסטע ווערק פון די רוסישע שריפטשטעלער, ווי אויך די איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכען.

אונערמידליך אַרבייט ער. ער פאַרנאַכלעסיגט ניט זיין געשעפט, אָבער יעדע פרייע מינוט נוצט ער אויס צו לערנען און צו לייענען.

עס זיינען דורכגעגאַנגען צוויי יאָר; און יוסף איז געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענטש. דער האָריזאָנט פון זיין וועלט-אַנשויאונג איז ברייטער געוואָרען, אַלוועלטליכע פּראָבלעמען האָבען גענומען אינטערעסירען אים און פאַרנומען אַ גרויס פּלאַץ אין זיין נשמה. און דאָס אַלץ איז ניט געוועזען קיין שטערונג צו זיין אידישקייט. פאַרקערט, דאָס האָט פאַרשטאַרקט און פאַרשענערט דעם אינהאַלט פון זיין אידישקייט. איצטער, מיט אַ קריטישען בליק און מיט אַ פרייען געדאַנק קען ער בעסער אָפּשאַצען די שיינע לערע פון אידענטום. און יוסף וויל ניט, אַז דינה זאָל אינגאַנצען אָפּשטיין פון אים. פון דער רוסישער ליטעראַטור האָבען זיי אַמאָל צוזאַמען געלייענט צוזאַמען. איינמאָל, ווען זיי האָבען צוזאַמען געלייענט, האָט דינה געזאָגט:

— אַזעלכע ביכער, ווי איך לייען איצטער מיט דיר, האָב איך פריער קיינמאָל ניט געלייענט. איך האָב נאָר ליב געהאַט צו לייענען ראָמאַנען און פאַרשיידענע געשיכטעס, אַלץ וואָס מען רופט בעלעטריסטיק.

— געוויס דאַרפען מיר אויך לייענען בעלעטריסטיק — האָט יוסף געזאָגט — אָבער מיר מוזען לייענען פּובליציסטיק, קריטיק און וויסענשאַפטליכע ווערק, וועלכע קענען אונז באַרייכערען מיט נייע געדאַנקען און שטרעמונגען; און ווען מיר לייענען אפילו

ראַמאַנען און געשיכטעס, דאַרפֿען מיר אויך קענען עפּעס לערנען דערפֿון. מיר דאַרפֿען אַריינדרינגען אין די נשמות פֿון די העלדען צו פֿאַרשטיין זייערע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, און דורכדעם קענען בעסער פֿאַרשטיין אונזער אייגענעם לעבען.

און אַלץ, וואָס יוסף האָט געשעפּט פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט ער איבערגעגעבען דינה׳ן אין קורצע דייטליכע געשפּרעכען. און יוסף איז געווען פֿון יענע מענטשען, וועלכע קענען באַגייסטערט ווערען, ריידענדיג צו איין מענטשען, גלייך ווי זיי וואָלטען גערעדט צו אַ גרויסער אודיענץ. איינמאָל האָט דינה זיך געווענדעט צו אים מיט דער פֿראַגע:

— זאָג מיר נאָר, יוסף, האָסטו איצטער פֿאָלקאָמע גייסטיגע רואיגקייט און צופֿרידענהייט?

יוסף האָט אַ שמייכעל געטאָן און געענטפֿערט:

— האָבען פֿאָלקאָמע גייסטיגע רואיגקייט קענען האָבען נאָר אַזעלכע מענטשען, וועלכע האָבען וויניג וואָס צו טאָן מיט גייסטיגקייט אין אַלגעמיין, אָדער אַזעלכע מענטשען, וועלכע קענען ניט, אָדער זיי ווילען ניט דענקען. אָבער דער מענטש, ביי וועלכע די גייסטיגקייט איז אַ טייל פֿון זיין לעבען, און וועלכער דענקט און וויל דענקען, וועט ער אימער זוכען און פֿאָרשען, און וועט קיינמאָל ניט באַרואיגען זיך פֿאָלקאָם. איך קען דיר אָבער פֿאַרזיכערען, אַז מיין פֿריערדיגע גייסטיגע אומרואיגקייט איז אינגאַנצען פֿאַרשוואונדען. דאַמאָלט, ווען בריל האָט גענומען אַריינקריכען טיף אין מיין נשמה מיט די נייע געדאַנקען. און איך האָב דערפֿילט דער שרעקליכען קאַמף, וואָס איז אין מיר פֿאָרגעקומען, האָט מיך געשראָקען מיין צוקונפֿט. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיין אַלטען וועג אין לעבען וועל איך פֿאַרלירען, און קיין נייעם וועל איך ניט געפֿינען, וועל איך מיין גאַנצען לעבען אַרומבלאָנדזשען ווי אין עולם התוהו. אָט־דער שרעק, אָט די אומרואיגקייט איז אינגאַנצען פֿאַרשוואונדען.

דינה האָט מיט ליבע אַריינגעקוקט אין יוסף׳ס אויגען און האַרציג געזאָגט:

— איך בין זיכער געווען, אַז דו וועסט געפינען דעם ריכ־טיגען וועג, אין וועלכען דו זאָלסט גיין אַלס איד און אַלס מענטש; און איך גלויב, אַז דו האָסט געפונען, וואָס דו האָסט געזוכט.

— איך האָב געפונען — ענטפּערט יוסף — אויף אַזוי פיל, וויפיל דער מענטש קען אין אַלגעמיין אויסגעפינען דעם אבסאָלוטען אמת. איך ווייס נאָר, אַז איך גיי איצטער מיין וועג מיט אָפענע אויגען. וואָס אָנבאַלאַנגט מיין אידישקייט, קען איך דיר זאָגען, אַז איצטער האָב איך מער הנאה פון מיין אידישקייט און פון דער אידישער לערע. דער תנ"ך איז פאַר מיר איצטער אַ קוואַל פון טיפע געדאַנקען און פון די שענסטע געפילען. איצטער ערשט באַגרייף איך, אַז דער תנ"ך ענטהאַלט אין זיך גערעכטיגע געזעצען צווישען מענטשען, דעם שענסטען באַגריף וועגען גאָטהייט, די ערהאַבענסטע פּאָעזיע, וואָס מענטשען האָבען געשאַפען, און באַ־גרייפליכע פילאָסאָפיע פאַר דעם דורכשניטליכען מענטשען אין דעם אַלטעגליכען לעבען.

און, ווען איך לערען איצטער דעם תלמוד, ,פאַרשטיי איך אים אויך בעסער, איידער איך האָב פריער פאַרשטאַנען. איצטער ערשט פאַרשטיי איך, אַז דער תלמוד איז אַ וואונדערבאַרע קאָלעקציע פון יורידישער, פילאָזאָפישער, עטישער און עסטעטישער שאַפונג, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפען. אָבער צו דערזעלבער צייט זעה איך, אַז אין תלמוד און אין דער נאָך־תלמוד'ישער לי־טעראַטור געפינען זיך זאַכען, וועלכע זיינען ניט צוגעפּאַסט און ניט נויטיג אין היינטיגען לעבען. איך פאַרשטיי איצטער, אַז די פונדאַמענטאַלע לערע פון אידענטום איז אייביג, אָבער אין דעם טראַדיציאָנעלען אידענטום זיינען אימער פאָרגעקומען ענדערונגען אונטער די געענדערטע באַדינגונגען פון לעבען.

— — קענסטו מיר זאָגען, וואָס איז די פונדאַמענטאַלע לערע פון אידענטום? — האָט דינה געפרעגט.

— די הויפּט־לערע פון אידענטום איז אַן אַלמענטשליכע — האָט געענטפערט יוסף. — ערשטענס דאַרף דאָס אויסדריקען זיך אין אונזערע באַציאונגען צו מענטשען. דער גלויבען, אָדער דער באַגריף, ,אַז גאָט איז דער באַשעפער פון אַלעמען און פון אַלץ, דאָס הייסט, אַז אַלע מענטשען זיינען די קינדער פון איין פאָטער, אַט

דער באגריף מוז אונז פירען צום געדאנק, אז די באציאונגען צווי־שען אלע מענטשען דארפען זיין ברידערליכע, געבויט אויף פאל־קאמער גערעכטיגקייט און גלייכהייט פאר אלע מענטשען, און אלע גלייך זאלען געניסען פון גאטעס וועלט.

צווייטענס, דארף דער גלויבען אין גאט האבען א ווירקונג אויף אונזער פערזענליכען לעבען. אויב מיר גלויבען, אז דער מענטש איז דער אויסערוועלטער פון אלע באשעפענישען, און גאט האט אים באפאלמעכטיגט צו פירען די וועלט; דארף ער, דער מענטש, שטיין העכער פון אנדערע באשעפענישען, ניט לעבען נאר מיט זיינע אינסטינקטען. ער דארף ענטוויקלען אין זיך א שטארקען פרייען גייסט פון זעלבסטבאהערשונג צו קענען באקעמפען זיינע שלעכטע נייגונגען. דער מענטש מעג און דארף געניסען פון דעם לעבען. אבער ער טאר ניט פארשקלאפט ווערען צו זיינע אומענד־ליכע קערפערליכע פארלאנגען.

אט דאס איז די הויפט־לערע פון אידענטום, א לערע וועלכע איז גוט פאר אלע מענטשען; און דערצו האבען מיר געבאטען, וועלכע זיינען געגעבען געווארען נאר פאר אידען. אין אונזער תורה געפינען מיר, אז גאט האט אונז ערוועהלט צו טראגען און פארשפרייטען דעם גלויבען אין גאט און זיין לערע; און די תורה האט פארזיכערט, אז דאס אידישע פאלק וועט עקזיסטירען אזוי לאנג ווי די וועלט וועט עקזיסטירען; און דער פאקט איז, אז מיר האבען איבערגעלעבט גרויסע און שטארקע פעלקער, און אונטער די שרעקליכסטע פארפאלגונגען זיינען מיר געבליבען א פאלק פול מיט לעבען, שטרעבונגען און האפענונגען. דעריבער האט מען אונז געגעבען געבאטען, וועלכע זאלען פארהיטען אונזער עקזיס־טענץ, אז מיר זאלען זיך ניט צוזאמענמישען מיט די אנדערע פעל־קער; און אזעלכע געבאטען, וועלכע זאלען פארבינדען אונז מיט אונזער פארגאנגענהייט, און שטארקען אין אונז דעם גלויבען אין א בעסערער צוקונפט. אט די אלע גרעסערע און קלענערע מצוות זיינען פאר אונז געווען ווי א שטארקע פעסטונג, צו פאר־היטען אונז פון אונטערגאנג; אבער דורך טויזענדער יארען האבען זיך ארום יעדען וויכטיגען געבאט אנגעקליבען אומוויכטיגע קלייניגקייטען, און, צום באדויערען, איז ביי די מערסטע מענטשען

שפּילען אַט די קליינינקייטען די וויכטיגע ראָליע, און די אמת'ע ערהאבענהייט און שיינקייט פון דער זאַך פאַרשטייען זיי ניט און פילען ניט. איבערהויפּט קען מען דאָס זעהן אין דער אָפּהי־טונג פון אונזערע ימים טובים.

דער פרייערער, באַוואוסטזיניגער איד וועט פיליכט ניט אָפּ־היטען אָט־די גאַנצע בערג פאַרבאָטען, וואָס זיינען ארויפגעלעגט געוואָרען אויף יעדערען פון אונזערע ימים טובים, אָבער ער וועט פילען מיט זיין גאַנצער נשמה די פּאָעטישע און עסטעטישע שיינקייט פון די ימים טובים.

אזוי זיצען יוסף מיט דינה'ן שטונדענלאַנג. דינה הערט זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו יעדען וואָרט, וואָס יוסף זאָגט. יוסף פילט זיך גליקלאך, וואָס ער האָט אזא פרוי, מיט וועלכער ער קען זיך טיילען זיינע גייסטיגע איבערלעבונגען און דינה פילט זיך גליקלאך, וואָס איר האָפענונג איז פאַרווירקליכט געוואָרען, וואָס איר יוסף איז געוואָרען וועלטליכער; און אַ נאָבעלער שטאָלץ דערוועקט זיך אין איר וואָס זי האָט אזא מאַן.

קאפיטעל 11.

יוסף לערנט מיט אנדערע.

יוסף האט אלעמאל גערעכענט פאר א גרויסער מצוה צו לער־נען מיט אנדערע. ווען ער איז געווען אלט פערצען יאר אין דער ישיבה, האט ער שוין געלערנט אומזיסט מיט א בחור, אן על־טערען פון זיך. שפעטער, אין דעם חסיד׳ישען שטעטעל, האט ער אויך די גאנצע צייט געלערנט אומזיסט מיט אן ארימען איינ־געל. און דא, באלד נאך זיין חתונה, האט ער אנגעפאנגען יעדען שבת און יום־טוב צו לערנען אין שול מיט דעם עולם.

דינה׳ן האט אביסעל פארדראסען, וואס איר יוסף גיט אוועק זיין צייט צו פרעמדע מענטשען. ער האט באמערקט איר אומצו־פרידענהייט; און איינמאל, ווען ער האט געדארפט גיין אין שול לערנען מיט די אידען, האט ער זי געפרעגט:

— דינה׳לע, דו ביזט ברוגז, וואס איך לאז דיך איבער און געה אוועק?

— ברוגז אויף דיר קען איך ניט זיין — האט דינה געענטפערט גוטמוטיג, אבער איך וואלט געווים וועלען בעסער, אז אין דיין פרייער צייט זאל איך קענען געניסען פון דיין אנוועזענהייט.

— מיר איז אויך טייער יעדע מינוט, וואס איך פארברייננג מיט דיר — האט געענטפערט יוסף — אבער דאס טאר מיר ניט שטערען צו טאן מיינע פליכטען. א איד בעט גאט, אז גאט זאל אים העלפען צו קענען לערנען אליין און לערנען מיט אנדערע. און אין תלמוד שטייט געשריבען: „דער מענטש וואס קען לערנען, און לערנט ניט מיט אנדערע מענטשען, איז געגליכען צו א הדס (מירטע), וואס וואקסט אין דער ווילדערניש“. דאס מיינט, אז קיינער האט קיין הנאה ניט פון אים.

— אויב אזוי — האט דינה געזאגט — וועל איך הנאה האבען דערפון, וואס דו האסט הנאה, ווען אנדערע האבען הנאה פון דיר.

יוסף האָט זי אַ קוש געטאָן און איז אוועקגעלאָפען אין שול לערנען מיט די אידען, וועלכע האָבען שוין געוואַרט אויף אים.

פון אָנפאַנג האָט ער מיט זיין לערנען געוואָלט ווירקען, אַז זיינע צוהערער זאָלען ווערען פרימער, און אָפּהיטען אַלץ וואָס עס שטייט אין שולחן ערוך; און איצטער, ווען ער איז געוואָרען פרייער, האָט ער גענומען פּאָרזיכטיג אויפקלערען פאַר זיין אודיענץ זיין איצטיגען באַגריף וועגען אידישקייט. ער וויל, אַז אידען זאָלען ניט זיין בלינד־פאַנאַטיש.

אויסער וואָס ער לערענט מיט די אידען פון שטעטעל, נעמט ער אויך אַ טיכטיגען אָנטייל אין אַלע געזעלשאַפטליכע אַרבייט. איבערהויפּט גיט ער זיך אָפּ מיט קינדער־ערציאונג, אַז אַלע קינדער, אָרימע און רייכע, זאָלען האָבען די זעלבע מעגליכקייט צו געניסען פון אַ גוטער ערציאונג. ער זעט צו האָבען גוטע לערער פאַר די אידישע למודים; און ער ערמוטיגט די יוגענט צו באַקומען וועלט־ליכע בילדונג. און פון זיין אַרבייט האָט ער געזען גוטע רעזול־טאַטען. פון אָט דעם קליין שטעטעל זיינען אַרויסגעקומען דאָקטוי־רים און יוריסטען.

דינה האָט ערמוטיגט יוסף'ן אין אַלע זיינע אַרבייט, און גע־האָלפען מיט וואָס זי האָט געקענט.

קאַפּיטעל 12.

מען מוז מאַכען קאָמפּראָמיסען.

יוסף האָט אָנגעווענדעט זיינע גייסטיגע קרעפטען צו קענען קאָנטראָלירען זיינע נייגונגען און פאַרלאַנגען. און אַממייגסטען איז ער ערפאָלגרייך געווען אין דעם קאַמף מיט די שוואַכקייטען, וואָס ליגען אין דעם מענטשענ'ס נאַטור; נאָר זיין היציגען טעמ־פּעראַמענט, זיין אויפרעגונג און אין כעס ווערען האָט ער ניט געקענט באַקעמפען. איבערהויפּט אין געזעלשאַפטליכע אַנגעלע־גענהייטען האָט ער ניט געקענט פאַרשווייגען. מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין יונגער נשמה פלעגט ער פּראָטעסטירען געגען פאַלש־קייט, היפּאָקריטסטווע און אומגערעכטיגקייט.

איינער פון יוסף'ס פריינט, אַ שריפטשטעלער, האָט אַמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג געזאָגט: „איך האָב זעהר ליב יוסף'ן, אָבער מער פון אַלע מאָל האָב איך אים ליב ווען ער ווערט משוגע. עס איז זעהר גוט, אויב אַ מענטש, וועלכער האָט וואָס צו זאָגען, קען אַמאָל אַנטפּלעקען אינגאַנצען זיין אינערליכען „איך". זאָל די געוועהנליכע וועלט רופען דאָס „משוגעת", אָבער זאָל זי, די וועלט, וועלענדיג אָדער געגען איר ווילען, הערען אַמאָל דעם אמת".

ביי זיך אין הויז איז יוסף אימער געווען מילד, ווייך און צערטליך. נאָר איין מאָל האָט געטראָפען, אַז ער איז אין כעס געוואָרען אויף דינה'ן. דאָס איז געווען אין ערשטען יאָר פון זייער פאַרהייראַטען לעבען.

דינה האָט געהאַט אירע פריינט, אין וועמעס געזעלשאַפט זי האָט פאַרבראַכט אירע מיידעלשע יאָרען. טרעפט איצטער אויך, אַז זי פאַרביינקט זיך נאָך די אַלטע גוטע פריינט און גייט אַריבער צו זיי. געוויס האָט יוסף גאָר ניט געהאַט געגען דעם. שפּעטער

אָבער האָט ער באַמערקט, אַז אייניגע פון אירע באַקאַנטע יונגע לייט זיינען ניט געגוג באַשיידען אין זייער ריידען און אויפפירונג, האָט ער ניט געוואָלט, אַז זיין דינה זאָל קומען אין אַזאַ געזעל־שאַפט; און איינמאָל האָט ער זי געבעטען, אַז זי זאָל איבער־רייסען איר באַקאַנטשאַפט מיט אָט די מענטשען. און ווען ער האָט געזען, אַז זיינע רייד ווירקען ניט, האָט ער גענומען צו איר ריידען אַביסעל מיט אַ העכערען טאָן, האָט דינה גענומען פּראָ־טעסטירען, און יוסף האָט פאַרלאָרען דאָס געדולד און איז בייז געוואָרען.

די גוטמוטיגע דינה איז געבליבען שטיין שטיל מיט אַ זיסען שמייכעל אויף אירע ליפּען און מיט אירע מילדע גוטע אויגען גע־קוקט גלייך אין יוסף'ס אויגען.

יוסף איז שטיל געוואָרען און געבליבען שטיין אַ פאַרשעמטער, אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. דינה האָט פאַרשטאַנען, אַז יוסף האָט חרטה און ער ליידעט דערפון, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, אַרומ־גענומען אים און געזאָגט:

— נו, באַרואיג זיך. זאָל דיר ניט פאַרדריסען, וואָס דו ביזט אַביסעל אויפגערעגט געוואָרען געגען מיר. עס איז גוט צו וויסען, אַז דו קענסט זיך אויפרעגען, וועל איך זעהן פאַרהיטען, אַז עס זאָל ניט קומען דערצו.

ביי יוסף'ן האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען. ער האָט אַ קוש געטאָן דינה'ן און געזאָגט:

— איך האָף, אַז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין אין כעס געוואָרען אויף דיר, איז אויך געווען אַ לעצטער מאָל.

אַזוי איז געגאַנגען די צייט. יוסף און דינה קענען זיך שוין זעהר גוט איינער דעם צווייטען. יעדערער פון זיי ווייס דעם כאַ־ראַקטער און טעמפּעראַמענט פון דעם צווייטען. יעדערער ווייס וואָס דער צווייטער האָט ליב און וואָס ער האָט פיינט, און מען היט זיך, אַז מען זאָל ניט טאָן אַזאַ זאַך, וואָס קען דעם צווייטען פאַרשאַפען די קלענסטע אומאַנגענעמליכקייט. אין גאַנץ זעלטענע פאַלען טרעפט אַ קליינער ווידערשפּרוך צווישען זיי, אָבער די

שטאַרקע ליבע פון איינעם צום צווייטען דערלאָזט ניט צו ערנסטע ארגומענטען. ווייל עפּעס יוסף אויספירען און דינה איז געגען דעם, אָדער דינה וויל עפּעס און יוסף איז ניט איינשטימיג, ווערט יוסף א גוטער אַדוואָקאַט צו פאַרטיידיגען זיין מיינונג, און די גוטע דינה, וועלכע איז פון דער נאַטור ניט קיין איינגעשפּאַרטע, הערט מיט אויפמערקזאַמקייט און שטימט איין מיט יוסף'ן; און ווען יוסף צייגט זיך איבער, אַז דינה איז גערעכט פון איר שטאַנד־פונקט, אָבוואָהל ער איז ניט איינשטימיג דערמיט, דאָך גיט ער נאָך. ער וויל ניט דעספּאָטיש ארויפצווינגען זיינע מיינונגען. זיין וואונש איז טאַקע, אַזביידע זאָלען האָבען די זעלבע וועלט־אָנשוי־אונג און די זעלבע פאַרלאַנגען, דאָך פאַרשטייט ער, אַז צוויי מענטשען מוזען אין עפּעס זיין פאַרשיידען, און מען מוז טאָן, וואָס די תורה לערענט אונז, ווי עס שטייט געשריבען: „דו זאָלסט באַזייטיגען דיין ווילען פאַר דעם ווילען פון דיין פריינט“. דאָס מיינט, אַז מענטשען מוזען אַמאָל מאַכען קאָמפּראָמיסען.

עס איז שוין דריי יאָר נאָך זייער הייראַט. מען וואוינט נאָך צוזאַמען מיט די עלטערען. יוסף ארבייט אין געשעפט גאַנץ שווער, אָבער דינה לעבט זיך ווי א פרייע פויגעל. זי ווייס נאָך ניט פון פאַראַנטוואָרטליכער הויז־ווירטשאַפט, און איר גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט גיט זי אָפּ איר יוסף'קען, אַז ער זאָל האָבען אַלעס, וואָס ער האָט ליב; און ניט נאָר דינה, נאָר אויך די מוטער גיט זיך אָפּ זעהר פיל מיט איר טייערען איידעם, און היט אים אָפּ, ווי א בן־יחיד; און יוסף פון זיין זייט פאַרשטייט ווי צו שעצען דאָס אַלעס, און צאָלט מיט ליבע און אַכטונג און ווענדעט אָן אַלע מעגליכקייטען אימער צו שאַפען אין הויז א גוטע שטימונג און אַריינברענגען פאַרגעניגען, פון וועלכע אַלע זאָלען קענען געניסען. און צווישען יוסף'ן און דינה'ן איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרען זייער צוזאַמענבונד. מיט אומגעדולד וואַרט יוסף, ווען עס וועט זיך ענדיגען דער טאָג מיט די געשעפטען, און ער וועט זיך אומקערען צו זיין ליבער דינה'ן; און דינה ציילט די מינוטען, וואַרטענדיג אויף איר טייערען יוסף'ן. דער גרעסטער פאַרגעניגען פאַר יעדען פון זיי איז די געזעלשאַפט פון דעם צווייטען; און

זיי ביידע זיינען זיכער אין דער אומבאַגרעניצטער איבערגעבענהייט און געטריישאַפט פון איינעם צום צווייטען, אין דער גרייטקייט צו העלפען איינער דעם צווייטען אין יעדער הינזיכט, סיי קערפערליך, סיי גייסטיג; און מיט דעם טיפסטען צוטרוי באַציהען זיי זיך איינער צום צווייטען. ניטאָ קיין סעקרעטען ביי זיי. ביידע זיינען אין אַלעם אָפענהאַרציג און וואָס געזאָגט — דאָס געמיינט.

ערנסטקייט, גערעכטיגקייט און וואַרהאַפטיגקייט זיינען געווען די זאַלץ און די געווירצען, וועלכע האָבען פּרעזערווירט זייער ליבע אין דער שענסטער, ערהאַבענסטער פאָרמע אויף זייער גאַנצען לעבען.

קאַפּיטעל 13.

דאָס ערשטע קינד.

דינה דאַרף אינגיכעט ווערען אַ מוטער. יוסף קוקט אויף איר ווי אויף אַ יונגען בוים, וועלכער האָט זיך ערשט צובליט, און וועט באַלד ברייגען שיינע פּרוכטען. און דינה דריקט אויס אַ צניעות־דיגע צופרידענהייט, וואָס זי וועט באַלד ווערען אַ מוטער. דאָס טראָגען אָבער ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער. דינה וויל דאָס באַהאַלטען פון יוסף'ן. זי ווייס, אַז דאָס וועט אים פאַר־שאַפען ליידען. יוסף אָבער באַמערקט אויף איר פּנים אַן אויס־דרוק פון שמערצען, דערוועקט זיך אין אים אַן אומבאַגרענעצטער געפיל פון רחמנות צו איר. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט גיט ער אָפּ צו איר יעדער באַוועגונג, און מיט אַ זעלטענער צערטליכקייט און פאָרזיכטיגקייט באַהאַנדעלט ער זי אין אַלע הינזיכטען. ער פאַרהיט זי פון דער קלענסטער אויפרעגונג. איצטער עקזיסטירען פאַר אים נאָר אירע פאַרלאַנגען. זיין ווילען פאַרשטיקט ער. דינה באַמערקט עס זעהר גוט און שעצט עס אָפּ ווי געהעריג. זי צייגט זיך איבער, אַז יוסף'ס ליבע צו איר איז ניט אַ געוויינליכע קער־פּערליכע און ליידענשאַפטליכע, נאָר דאָס איז עפּעס שענערס און העכערס, דאָס איז אַ ליבע, וואָס האָט אין זיך אַ הייליגקייט.

יוסף האָט געקויפט דאָס רוסישע ביכעל „פאַר יונגע מוטערס". דינה ליגט זיך באַקוועם אויף דער סאָפקע, און יוסף לייענט פאַר איר, ווי אַזוי די פרוי דאַרף זיך אויפפירען אין דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט, און נאָכ'ן האָבען דאָס קינד, און ווי אַזוי אָפּצו־היטען דאָס נייגעבאָרענע קינד. ער לייענט און ערקלערט די וויכ־טיגקייט פון יעדער זאַך, וואָס די מעדיצין שרייבט צו. און דינה הערט און פילט זיך גליקלאַך, וואָס איר יוסף נעמט אַזאַ טיפען אינטערעס אין איר איצטיגען צושטאַנד, ניט ווי די אַנדערע מענער.

דאָס געווינען איז געקומען פריער פון דער ערוואַרטעטער צייט. אין שטעדטעל איז ניטאָ קיין אַקושאָרקע (העבאַם). אַן עלטערע פרוי איז ביי אַלעמען די „באָבע“. ווען דינה האָט דערפילט די געוויינליכע ווייטאָגען, האָט מען באַלד אָט די באָבע געבראַכט. זי האָט געהייסען צופּענען די טירען פון אַלע שראַנקען, און אונטערלעגען אַ מעסער ביי דער געווינערין צוקאָפּענס, ווייל דאָס זיינען מיטלען ,אַז דאָס קינד זאָל גיכער און גרינגער אַרויסקומען אויף דער וועלט. צום באַדויערען האָבען אירע מיטלען היינט ניט געהאָלפען. האָט מען געשיקט רופען דעם דאָקטאָר. דערווייל איז אין הויז אַ יאָמער. די מוטער וויינט, און דער פאָטער זאָגט תהלים מיט טרערען אין די אויגען.

און דאָרט, אין שלאָפצימער, רייסען זיך אַרויס ביי דער געווינערין שרעקליכע געשרייען. פון יעדען געשריי ווערט יוסף פאַרציטערט. עס כאַפּען אים אָן מורא׳דיגע קרעמפען. דאָס האַרץ דריקט און דער מוח ברענט.

די שוויגער קומט אַרויס פון זיין שלאָפצימער, און זאָגט צו אים וויינענדיג: „מיין קינד, דינה׳לע, זאָל געזונט זיין, וויל דיך זעהען“. יוסף גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי אַ פאַרשולדיגטער. ער קומט אַריין. דינה׳ס פּנים ברענט, די אויגען ברייט צופּענט און דריקען אויס אַ ים פון שמערצען. זי קוקט אויף יוסף׳ן, שטרעקט אויס אירע הענט, צאַפּעלט זיך ווי אַ געבונדענע טייבעלע, און בעט: „טייערער, ליבינקער מיינער, העלף מיר! מיר איז זעהר ניט גוט“. יוסף בייגט זיך צו איר. ער וויינט ביטער. ער וואָלט וועלען צונעמען פון איר אַ העלפט פון אירע ווייטאָגען און ליידען גלייך מיט איר. זי כאַפּט אים אַרום מיט ביידע הענט, דריקט אים צו מיט אויסערגעוויינליכע קרעפטען, און שרייט: ’ראַטעוועט מיך!“

דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, און האָט געמוזט די ערשטע זאַך אָפּמינטערן יוסף׳ן. צו זיך איז יוסף געקומען אין אַ צווייטען צימער, ווייט פון זיין שלאָפצימער. דער שווער שטייט נעבען אים און לייגט אייז צו זיין קאָפּ.

מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער איז דער דאָקטאָר אריינגעקומען און אָנגעזאָגט, אז דינה האָט געבאָרען א געזונטע שיינע מיידעלע, און אלץ איז ווי געהעריג.

דבורה האָט געהאט א רעכטע שטיקעל ארבייט אָפּצוהיטען מיט'ן עסען און טרינקען איר טאָכטער און איר איידעם נאָך זייער ערשטען קינדבעט.

און יוסף האָט געקויפט ספּענסער'ס בוך, איבערזעצט פון ענג־ליש אין רוסיש: „די פיזישע, גייסטיגע און מאָראלישע ערציאונג פון קינדער". זיצט ער מיט דינה'ן און שטודירט די פראגע זעהר ערנסט. זיי צייגען זיך איבער, אז די ערציאונג פון א קינד מוז זיך אָנפאנגען פון דעם ערשטען טאָג וואס דאס ווערט געבאָרען; און זיי קומען צום באשלוס, אז דער פאָטער מיט דער מוטער, ביידע גלייך, מוזען נעמען אָנטייל אין דער ערציאונג פון די קינדער. אז ביי זיי זאָלען ניט זיין קיין פארשיידענע טעאָריעס און מיינונ־גען וועגען אָט דער וויכטיגער פראגע.

יוסף לייגט אוועק ספּענסער'ן, בייגט זיך איין איבער'ן וויגעלע, רופט דאס קינד „קליין מלאכ'ל". דינה טשאָמקעט מיט די ליפּען צום קינד. דאָס קינד טוט א שמייכעל, און טאטע־מאמע שיינען פון נחת. ביידע פילען, אז דאס קליין נפש'ל האָט זיי נאָך שטארקער צוזאמענגעבונדען, און אריינטראָגען נאָך א שטראל אין זייער ליכטיגען פאמיליען־לעבען.

קאַפּיטעל 14.

אַ שיינער לעבען אין אָריחע אומשטענדען.

ווען יוסף האָט זיך מער באַקענט מיט זיין שוועה'ס געשעפטען, האָט ער זיך איבערציינגט, אַז זיין רייכער שווער איז גאַנץ ווייט פון רייכקייט. מען האַלט איבער פיל טויזענטער רובעלס, אָבער דאָס איז פרעמדע געלט. מען פירט גרויסע געשעפטען און מען האָט פון זיי קליינע פאַרדינסטען. און פון די אַלע פאַרדינסטען בלייבט איבער גאַנץ ווייניג. מען פאַרדינט און מען פאַרלעבט.

יוסף האָט גענומען פאַרשטיין, אַז אַט די גרויסע געשעפטען, וועלכע זיינען פון אָנפאַנג אים שטאַרק געפעלען געוואָרען, זיינען ניט מער ווי ווינט מיט רויך. ווייל מען האַנדלען גרויס, מוז מען ריזיקירען. דאָס איז אַ קאָרטען־שפּיל: געוואונען, אָדער פאַר־שפּילט; און ווער עס האָט מורא צו ריזיקירען, קען קוים פאַר־דינען געננוג צום לעבען.

דער שווער זייגער איז אַ סוחר אַ ריזיקאַנט, און ער האָט שוין איינגע מאָל טייער באַצאָלט פאַר זיין ריסק. יוסף האָט אים געוואָר־רענט, אַז מען זאָל ניט פליהען צו הויך, אום דער פאַלען זאָל ניט זיין צו שטאַרק. דער שווער האָט אים אָבער ניט געהערט. ער איז געפלויגען, ביז ער איז אַראָפּגעפאַלען, און געבראָכען האַלדז און נאַקען. כמעט אַלעס פאַרלאָרען. געבליבען ביי אַ גאַנץ קליי־נעם פאַרמעגען.

יוסף האָט זיך באַראַטען מיט דינה'ן, און זיי האָבען באַשלאָסען, אַרויסצוקלויבען זיך פון די עלטערען, וואוינען באַזונדער און האַנדלען באַזונדער. יוסף וויל ניט פליען הויך. ער יאָגט זיך ניט נאָך גליקען, ער וויל נאָר פאַרדינען גענוג צו קענען לעבען אַ רוהיגען, שטילען לעבען. און דינה איז איינשטימיג מיט אים.

ווען די עלטערען האָבען דערהערט וועגען דעם באַשלוס, איז געוואָרען אַ יללה אין הויז. ניט נאָר די מוטער וויינט, נאָר אויך דער פאָטער באַגיסט זיך מיט טרערען.

— וואָס הייסט אונטער אַזעלכע אומשטענדען אָפּטיילען זיך? — טענה'ט די מוטער.

— לאָמיר האָפען, אַז עס וועלען קומען בעסערע צייטען — זאָגט דער פאָטער — און איך וועל האָבען די מעגליכקייט אָפּצו־געבען אייך אַמוויינינגסטענס דעם נדן, וואָס איך האָב צוגעזאָגט. דו, יוסף, האָסט זיך ענטזאָגט צו נעמען, ווען איך האָב דיר גע־געבען פאַר אייער חופּה. דו האָסט געזאָגט, אַז דו געטרויסט מיר — האָט דער פאָטער פאַרענדיגט מיט טרערען אין די אויגען.

— פאַר דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען — האָט יוסף געזאָגט — האָב איך מיט דינה'ן פאַרברויכט מער פון דעם נדן; און איך בעט אייך, אַז דאָס זאָל אייך ניט ערגערען.

יוסף מיט דינה'ן האָבען זיך געדונגען אַ וואוינונג פון צוויי גרויסע צימערען. די מוטער האָט געגעבען פון אַלץ וואָס אין הויז איז געווען. יוסף האָט געהאָלפען דינה'ן ברענגען אַלץ אין גוטער אָרדענונג, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר זיי אַ נייער לעבען. יוסף איז באַשעפטיגט אין תבואה־האַנדעל. די גרויסע סוחרים, די קויפער, וואָס קומען פון די פאָרטען, גיבען יוסף'ן געגוג געלט אין פאָראויס, און קויפען פון אים די תבואה, וואָס ער קויפט. יוסף האָט פיינט צו ריזיקירען, און איבערהויפט נאָך מיט פרעמדע געלט. פאַרקויפט ער מיט קליינע פאַרדינסטען, אָבער אָהן ריסק. ער אַרבייט שווער. ווינטער, אין די גרויסע קעלטען, שטייט ער אַ גאַנצען טאָג אין שפּייכלער. ער שלעפּט די זעק, וועגט און מעסט די תבואה, וואָס די פּויערים ברייגגען אין מאַרק. דינה קומט אויך אין געשעפט און העלפט אים. דערפאַר, ווען זיי קומען אין אָוועגט אַהיים, העלפט איר יוסף אין דער הויז־ווירטשאַפט. אין יעדער קליינינקייט, אין וועלכער דינה איז פאַראינטערעסירט, נעמט יוסף אויך אַן אינטערעס. און זי הערט זיך צו צו זיינע עצות. איבער־הויפּט קומט אים אוים צוקנעלען מיט איר, און לערנען זי ווי אַזוי צו זיין עקאָנאָמיש און שפּאָרזאַם. זי איז דאָך געוואוינט ביי איר

מאַמען צו זעהן אַלץ פון דער פולער האַנט און פון דאָס בעסטע; און ער, דער ליטוואַק, זאָגט איר, אַז מענטשען מוזען עסען, אָבער ניט פרעסען. דינה הערט, לאַכט און פאָלגט.

לעבען זיי זיך שטיל און רוהיג. אין די צימערען איז זויבער, ריין. אין די אָוונטען פאַרברייננגט מען צוזאַמען, ווי פריער, אין די גוטע צייטען. דינה טוט אַ האַנט־ארבייט און יוסף לייענט פאַר איר; און אַמאָל קומען צו זיי גוטע פריינט. מען לייענט און מען דיסקוטירט. און דינה נעמט צו די געסט מיט אירע אייגענע צוגעגרייטע איינגעמאַכטע, אָבער געשמאַקע שפּייזען. די עלטערען קומען אויך אָפּט, און האָבען נחת פון דעם שיינעם לעבען, ווי זייערע קינדער לעבען צווישען זיך.

לאַנג האָט יוסף ניט געקענט בלייבען צופרידען מיט דעם איצטיגען צושטאַנד. דער האַנדעל מיט תבואה איז געוואָרען פיל ערגער. די קויפער האָבען גענומען דורך זייערע אַגענטען קויפען גלייך פון די רייכע גוטבאַזיצער, אום אויסצומיידען דעם מיטעל־מאַן. פירען נאָר די אָרימע פויערים זייער תבואה אין מאַרק. קומט איצטער אַריין ווייניגער תבואה. און די קליינע הענדלער האָבען זיך פאַרמערט אין די לעצטע יאָרען. ווען מען דערזעט אין מאַרק אַ פויער מיט אַ וואָגען תבואה באַפאַלט מען אים פון אַלע זייטען. יעדערער שלעפּט צו זיך. מען קריגט זיך, מען זידעלט זיך. און דער פּרייז שטייגט. וויפיל איינער באַט אָן, גיט דער צווייטער אַ העכערען פּרייז, פאַר וועלכען מען דאַרף אַליין פאַרקויפען, און קיין פאַרדינסטען בלייבען ניט. ווערען די קליינע הענדלער וואָס ווייטער אַלץ אָרימער, און די שטימונג ווערט אַלץ מער אַ געדריקטע.

יוסף קען ניט שטופּען זיך און כאַפּען, בלייבט ער שטיין פון ווייטען און מיט אַ וויטאָג אין האַרצען באַטראַכט ער זיינע ברידער. ער פאַרגעסט דעם מאַרק מיט די מענטשען; ער טראַכט גאָר וועגען דעם אידען'ס לאַנגען גלות, וועגען דעם אידען'ס אַבנאָרמאַלען לעבען אונטער דעם רעזשים פון פאַרשיידענע טיראַנען, וועלכע האָבען אים דערפירט צו אַזאַ נידעריגער שטופע פון לופט־

מענטשען. גאנץ אָפט טרעפט, אז יוסף פארשפארט דעם שפייכלער, און קומט אהיים א צובראָכענער. דינה באמערקט באלד זיין שטי־ מונג, און ווענדעט אָן אלע אירע גוטע אייגענשאפטען, אום צו קענען פארגרינגערען זיינע שמערצען. זי דריקט אוים איר טיפען מיטגעפיל און איר מיטלייד; און יוסף דערפילט ווי א זיסער שטראָם פליסט אריין אין זיין פארביטערטען הארץ. אין די פיר ווינקעלאך פון זיין אָרימען צימער, אין דער אָנוועזענהייט פון אזא געטרייען פריינט, ווי זיין דינה, עפענט זיך פאר אים א נייע לויטערע וועלט. ער קען א ווײלע פארגעסען די אויסערליכע טונקעלע וועלט, וואָס ארום אים. ער אָטעמט אָפּ פרייער, און רעדט מיט דינה׳ן פון אלעם וואָס ער דענקט.

קאַפּיטעל 15.

פון אַ סוחר געוואָרען אַ לערער.

יוסף גייט אום מיט אַ נייעם פּלאַן; און וואָס ווייטער איז דער פּלאַן אים אַלץ מער געפעלען. ער דאַרף נאָר האָבען דינה'ס באַוואוסטזיניגע צושטימונג; און ער באַשליסט צו ריידען מיט איר.

אין אָוועגט, ווען זיי זיינען ביידע געזעסען צוזאַמען, ווי געוואָהנליך, האָט זיך יוסף געווענדעט צו איר און געזאָגט:

— דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי איך האָס דעם קליין־האַנדעל. וויפיל איך זאָל זיך ניט אָנשטריינגען, קען איך זיך ניט צווינגען צו ווערען אַזוי ווי די אַנדערע; און וואָרום זאָל איך צוליב אַזאַ אָרימען שטיקעל ברויט פאַרשווענדען מיין ענערגיע אויף אַזאַ קליינליכער באַשעפטיגונג, ווען איך קען פאַרדינען אונזער שטיקעל ברויט דורך אַ ניצליכערער און שענערער אַרבייט?

— וואָס פאַר אַן אַרבייט האָסטו אין זינען? — האָט דינה געפרעגט מיט נייגעריגקייט.

— איך וואָלט וועלען ווערען אַ לערער — האָט יוסף געזאָגט.

— אַ לערער? — האָט דינה געפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ, אַ לערער — האָט יוסף געענטפערט גאַנץ געלאַסען. — ניט אַ געוועהנליכער מלמד, נאָר אַ מאָדערנער לערער. די אידישע למודים קען איך גענוג, און דערצו וועל איך זיך צוגרייטען און האַלטען עקזאַמען אַלס אַ לערער פון אַ רוסישער פאָלקס־שולע, דאַן וועל איך קענען האָבען אַ פּריוואַטע שולע, ווערדליג עם פאָדערט זיך פון דער רעגירונג. און דאַן וועל איך מיינע פעיאיגקייטען אויסנוצען צו ערציען אידישע קינדער, אַז זיי זאָלען זיין וועלטליכע מענטשען און געטרייע באַוואוסטזיניגע קינדער פון אונזער פאָלק; און מיר וועלען זיך לעבען אַ רוהיגען שיינעם לעבען אין אַ גייסטיגער אַטמאָספערע.

איך האָף, און איך גלויב, אַז דו, מיין טייערע, וועסט אויך ליב האָבען אַזאַ אַרט לעבען.

— איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט — האָט דינה געזאָגט. — דו דאַרפסט זיין עפּעס אַנדערש, ניט קיין קליין־הענדלער. דער מאַרק איז ניט פאַר דיר; און אויב דו דענקסט, אַז לערעריי וועט דיך צופרידענשטעלען, וועל איך געוויס צופרידען זיין.

יוסף האָט אָנגעפאַנגען גרייטען זיך צום עקזאַמען.. אַ גאַנצען טאָג שטייט ער אין מאַרק, און ביי־דער־נאַכט לערענט ער. צוגעגרייט זיך, געפּאָרען, גלענצענד אויסגעהאַלטען עקזאַמען, און געעפענט די שולע. דינה העלפט אים איינאָרדענען יעדער זאַך, ווי עס פאָדערט זיך פון אַ מאָדערנער שולע. די שולע איז שוין אָפען. תלמידים האָט ער גענוג פון דער אייגענער שטעטעל, און פון אַ נאָענטער גרויסער שטאָט האָבען פאַרמעגליכע עלטערען געשיקט זייערע פיר קינדער מיט דעם באַדינג, אַז זיי זאָלען זיין ביי יוסף'ן קוואַטיר און קעסט. דינה האָט איינגעשטימט.

יוסף האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט מיט'ן גאַנצען ברען פון זיין נשמה. ער אַרבייט שווער, אָבער ער פילט זיך גליקלאַך, וואָס ער זעהט גוטע רעזולטאַטען פון זיין אַרבייט. די תלמידים מאַכען אַ גרויסען ערפאָלג און אינגיכען איז יוסף באַוואוסט גע־וואָרען אַלס אַ גוטער פּעדאַגאָג.

דינה אַרבייט אויך שווער. זי האָט שוין אייגענע צוויי קינדערלאַך, און די פיר תלמידים, די קעסטניקעס, היט זי אויך אָפּ מיט מוטערליכער ליבע און צערטליכקייט. איר יוסף'קע אַרבייט שווער, מוז מען דאָך זיין געזונט געוויס אָפּהיטען אין יעדער הינ־זיכט. זי איז אַ גאַנצען טאָג פאַרנומען אין רייניגען, וואַשען, קאָכען, נייען און שטריקען; און נאָך דעם אַלעמען, ווען יוסף קומט אַהיים אַ מידער, טרעפט ער דינה'ן אַ מונטערע, אַ פרייליכע, שיין און ריין אָנגעטאָן, און מיט אַ זיסען שמייכעל אויף איר ליכטיגען פּנים. דער טיש איז שוין געגרייט, און די איינפאַכע אַלטעגליכע שפּייזען זעהען אויס שיין און שמעקען ווי די בעסטע מאכלים.

און ווען יוסף האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן: „דינה'לע, דו אַר־בייטסט צו שווער“, האָט זיך דינה צולאַכט און געזאָגט: מיין

גאַנצע ארבייט איז דאָך אַ שפּילכעל אין פאַרגלייך מיט דיין שווע־רער, אָנגעשטריינגטער אַרבייט".

אין אָוועגט, ווען יוסף ווערט פאַרטיג מיט זיין ארבייט, וואָס ער גרייט צו אויף מאָרגען פאַר דער שולע; און דינה ווערט פאַר־טיג מיט איר הויז־ארבייט, און לעגט איין שלאָפען די זעקס קינ־דער, זעצען זיי זיך אין צווייען און לייענען אַן אינטערעסאַנטען בוך, אָדער זיי פירען אַן אינטימען געשפּרעך, און ביידע פילען זיך פאַלקאָם צופרידען.

דריי יאָר איז ער אַ לערער געווען. מיט לייב און זעלע אי־בערגעגעבען צו זיין היילינער ארבייט. אונערמידליך געארבייט איבער זיינע קרעפטען, האָט עס גענומען שלעכט ווירקען אויף זיין געזונט, זיין הארץ און זיינע לונגען זיינען שוואַך געוואָרען. די דאָקטוירים זאָגען, אַז לערעריי איז געפערליך פאַר אים; און אויב ער וואַרפט עס באַלד, קען ער צוריק געזונט ווערען.

יוסף פילט, אַז די דאָקטוירים זיינען גערעכט. ער מוז זיך אָפּ־זאָגען פון זיין אידעאַל צו זיין אַ לערער. און ווי אַ מוטער, וועלכע קען ניט מער געבען זויגען איר קינד, און זוכט אַ גוטע אַם צו פאַרזאָרגען איר קינד, אַזוי זוכט יוסף אַ גוטען לערער, וועלכען ער זאָל קענען מיט אַ רוהיגען הארצען איבערגעבען זיינע תלמידים. ער האָט אָפּגעזוכט אַ גוטען לערער, באַקאַנט אים מיט אַלעס, וואָס די קינדער האָבען געלערענט, און געבעטען מיט טרערען אין די אויגען פאַרטצווזעצען ווי געהעריג די ארבייט, אין וועלכער ער, יוסף, האָט איבערגעלאָזען אַ גרויסען טייל פון זיין לעבען.

איז יוסף געוואָרען אוים לערער. אביסעל אָפּגערוט, פאַרבעסערט דעם געזונט, און גענומען זוכען וואָס צו טאָן. ווערען צוריק אַ הענדלער פון תבואה דאָ אין שטעטעל וויל ער ניט. האָט ער אָפּ־געזוכט אַ שטעלע אין אַן אַנדער שטאָט; און ער דאַרף פאַרלאָזען אָט דאָס קליין שטעטעל, וואו ער האָט געהאַט אַזוי פיל שיינע ליכטיגע טעג אין זיין לעבען.

כמעט אַלע אידען פון שטעטעל זיינען געקומען זעגענען זיך. אין וואַרימע ערנסטע ווערטער האָט מען שטאַרק באַדויערט וואָס

מען פאַרלירט אַזאַ ערנסטען איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטליכען אַרבייטער; און וואָס די קינדער פאַרלירען אַזאַ טייערען לערער. דערווייל זיינען אַריינגעקומען אַלע זיינע געוועזענע תּלמידים און תּלמידות. איינע פון די תּלמידות האָט פאָרגעלעזען אַ האַרציגען אַדרעס, געשריבען אין אַ שיינעם העברעאיש. אַלע קינדער וויינען. די עלטערען באַגיסען זיך מיט טרערען, און יוסף קושט יעדען קינד און וויינט ביטער.

קאפיטעל 16.

די קאלטע נאכט.

דעם ערשטען מאל אין איר לעבען האט דינה געדארפט שיידען זיך מיט אירע עלטערען. ווען מען האט גענומען זעגענען זיך פאר'ן אוועקפארען, האט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכער געוויין; און מער פון אלעמען האט יוסף געוויינט. ער פילט זיך דער שולדיגער, וואס האט פאראורזאכט דאס שיידען זיך.

זיי זיינען אנגעקומען אין דעם שטעטעל, וואו יוסף האט די שטעלע. אזוי ווי דער געהאלט פון זיין שטעלע איז געווען קליין, האט מען גערונגען א וואוינונג נאר פון צוויי צימערען. ניט קיין גרויסארטיגע וואוינונג, אבער דערפאר איז דאס ביים ברעג שטאט, נעהענטער צו דער נאטור. ארום הויז זיינען פאראן גרויסע פרוכט־גערטנער, און ניט ווייט לויפט א טייך; און געווען איז דאס פרי־לינג־צייט, ווען אלץ ארום איז גרין און בליט, אזוי ווי יוסף האט ליב.

יוסף האט גענומען ארבייטען אין געשעפט מיט זיין געוויינלי־כער איבערגעבענהייט; און יעדע פרייע מינוט, וואס ער האט געהאט, האט ער אפגעגעבען דינה'ן, אום זי זאל ניט פילען איר עלענדקייט. אן אויפגאבע האבען זיי יעצט געהאט אויסצוארבייטען א פלאן ווי אזוי צו לעבען זעהר עקאנאמיש, אז מען זאל קענען פון די קליינע פארדינסטען לעבען ווי געהעריג, און דאך עפעס אפשפארען, האט יוסף אויסגעשריבען א רוסיש ביכעל וועגען עסען, וועלכע שפייזען עס זיינען נויטיג פאר דעם מענטשען'ס קערפער, און וועלכע פון זיי זיינען ביליגער, און קענען פארבייטען די טייערערע שפייזען און ברייגגען דיזעלבע נוצען אלס נאהרונג. דינה הערט, לאכט גוטמוטיג, און דאך נעמט זי דאס גוט אריין אין זינען און פירט דורך די אלע טעאריעס אין דעם אלטעגליכען לעבען.

אינגיכען האָט יוסף זיך באַקאַנט מיט אייניגע יונגעליט, און ווען ער האָט געהאַט פרייע צייט, האָט ער די יונגעליט איינגעלאַדען צו זיך. דינה'ס פריינדליכע אויפנאַמע האָט זיי געמאַכט זייער גוט פילען; און צווישען אָט דער קליינער געזעלשאַפט האָט זיך אַנט־וויקעלט אַן אינטימע פריינדשאַפט. מען קומט זיך צונויף, לייענט מען, מען דיסקוטירט און מען טרינקט טיי מיט דינה'ס געשמאַקע איינפאַכע קיכעלאַך. שבת בייטאָג, ווען דער וועטער איז שיין, נעמען יוסף מיט דינה'ן זייערע צוויי קינדערלאַך, אַ מיידעלע מיט אַן איינגעלע, און מען גייט אַוועק ניט ווייט פון שטאָט אין גרויסען וואַלד, וואו די גאַנצע יונגע געזעלשאַפט וואַרט שוין אויף זיי. דאָ וואַרפען אַלע פון זיך אַראָפּ די שטאָטישע קייטען — מען דערפילט זיך פרייער. ניט נאָר מען לייענט און מען דעבאַטירט, נאָר מען ערלויבט זיך אויך אַ שטיף צו טאָן. דינה, די איינציגע פרוי אין דער געזעלשאַפט, האָט מיט איר גוטמוטיגקייט און פריילעכקייט אריינגעגעבען אין אַלעמען לעבענסלוסט און פרייד; און מיט איר באַשיידענהייט האָט זי געמאַכט די גאַנצע געזעלשאַפט באַשיידען, שיין און אינטערעסאַנט.

אַזוי איז אַוועק דער זומער; אָבער מיט'ן ווינטער האָבען זיך אָנגעפאַנגען שוועריגקייטען. זייער וואוינונג איז טאַקע גוט נאָר פאַר זומער. ווינטער קען מען ניט דערוואַרימען די צוויי צימערען. וויפיל מען זאָל ניט הייצען העלפט ניט. דאָס וואַסער אין הויז פרירט. דינגען אַ בעסערע דירה איז ניטאָ פון וואָס, אפילו ווען מען זאָל גאָר ניט אָפּשפּאָרען פון זייערע איינקינפטען. פרירט מען.

אַ קאַלטער אָוונט. דינה האָט ביידע קינדערלאַך איינגעלעגט שלאָפען אין איר בעט. דאָ וועט זי זיין וואַרימער איידער אין זייערע בעטעלאַך. יוסף האָט די קינדער גוט איינגעדעקט מיט צוויי צו־דעקען און קישענס; און ער מיט דינה'ן האָבען זיך געזעצט נאָהענט צום אויווען, אין וועלכען עס ברענט אַ גאַנץ גרויסער פייער און וואַרימט, מער דעם הימעל, איידער די צימערען. יוסף האָט גענומען לייענען שעקספּיר'ן אין רוסיש. דינה הערט, און שטריקט וואָלענע זעקעלאַך פאַר די קינדער. יוסף האָט אָבער לאַנג ניט געקענט לייענען. שעקספּיר האָט אים ניט געקענט געבען דער־

וואַרימען. זיינע פיס זיינען שוין ווי שטיקער אייז. מען מוז קריכען אין בעט. ליגט ער אין זיין בעט, קלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און קען ניט איינשלאָפען. ליגט ער און טראַכט: „וואָס וועט זיין דער תכלית?" און דינה ליגט אין איר בעט מיט די צוויי קינדער, און קען אויך ניט איינשלאָפען. די קינדערלאַך האָבען זיך צוואָרפען און פאַרנעמען כמעט די גאַנצע בעט. קערט זי זיך פון איין זייט אויפ'ן צווייטען, און אין די געדאַנקען לויפט דורך אַ פאַרגלייכונג צווישען אירע מיידעלשע יאָרען און דעם איצטיגען צושטאַנד.

— דינה, דו שלאָפסט ניט? — פרעגט יוסף.

— עס שלאָפט זיך ניט — ענטפערט דינה.

— הער נאָר, דינה, וואָס איך דענק — זאָגט יוסף — וואָס פאַר אַ צוועק איז צו האַלטען זיך מיט אַזאַ שטעלע ווי מיינע? פון אַזעלכע שטעלעס קען מען ניט ערוואַרטען קיין פאַרבעסערונג. די אַרבייט וואָס איך טו, קען טאָן יעדער פּראָסטער יונגערמאַן, פילייכט נאָך פאַר ביליגער איידער איך נעם. איך דענק, אַז פאַר מיר וואָלט גוט געווען צו לערנען בוכהאַלטעריע. איך גלויב, אַז איך וועל זיין אַ גוטער בוכהאַלטער און וועל קענען אַרויפאַרבייטען זיך אויף אַ שיינעם געהאַלט, אַז מיר זאָלען ניט דאַרפען אַזוי פּלאָגען זיך.

— זאָל דיר גאָט העלפען, ווי דו נעמסט זיך פאַר — ענטפערט דינה. — געוויס איז ניט גוט צו לעבען אַזאַ קבצנ'ישען לעבען.

— קיין רייכטום זוך איך ניט — האָט יוסף געזאָגט — אָבער זיין אַ קבצן וויל איך אויך ניט.

ביי דינה'ן האָט געגען איר ווילען אַרויסגעריסען זיך אַ טיפער זיפץ. קיינע שטאַרקע ווערטער פון פאָרווירפע וואָלטען יוסף'ן ניט געקענט פאַרשאַפען קיין גרעסערען ווייטאָג, ווי אָט דער זיפץ, וועלכער האָט ווי אַ שפּיז אַ שטאָך געטאָן אין יוסף'ס האַרץ.

ביידע זיינען געבליבען שטיל. די קעלט אין הויז ווערט אומדערטרעגליך. אין דרויסען איז אַ שרעקליכען שניי־שטורם. דער ווינט רייסט די פענסטער און בלאָזט אוים אין קוימען ווילדע קלאַנגען, און דאָס קליין אינגעלע האָט זיך צעוויינט: „מאַמע, מיר איז קאַלט".

קאפיטעל 17.

א פרוי'ס מיטגעפיל.

יוסף האט זיין באשלום ענערגיש דורכגעפירט. יעדע פריי מינוט און האלבע נעכט האט ער געלערענט בוכהאלטעריי פון פאר־שיידענע ביכער, און דערצו נאך גענומען א קארעספאנדענץ קורס, און האט אויסגעהאלטען אן עקזאמען אלס אן אויסגעצייכענטער בוכהאלטער.

ער האט אפגעזוכט א שטעלע אין אן אנדער שטאט. ער באַ־קומט א גרעסערען געהאלט, און די ארבייט איז אויך אינטערעסאנ־טער: נאר די צרה איז, וואס ער קען ניט איבערטראגען זיין בעל הבית. דאס איז א גראבער יונג, אן אויפגעקומענער גביר, וועלכער שפארט זיך אין דער קריסטליכער געזעלשאפט. ער לאזט זיך קאס־טען פיל געלט אויף אלע קריסטליכע אנשטאלטען, ער מאכט בעלער פאר דער העכערער רוסישער געזעלשאפט, און פון אידען איז ער ווייט, אבער אנגעשטעלטע אין זיינע געשעפטען האלט ער נאר אידען, ווייל פון זיי קען ער האבען גרעסערע נוצען איידער פון קריסטליכע. זיינע אנגעשטעלטע מאכט ער פילען אויף יעדען טריט, אז ער איז זייער ברויט־געבער. און מיט יוסף'ן באגייט ער זיך אויך ניט גאר איידעל: דערצו נאך האט ער געהאט אומארענט־ליכע וועגען אין געשעפט, און יוסף, אלס בוכהאלטער, איז גע־צוואונגען צו העלפען דורכפירען די שווינדלערייען. יוסף האט שרעקליך געליטען, ביז איינמאל, ווען דער בעל הבית האט אים שטארק אנגעטראטען, האט ביי יוסף'ן געפלאצט זיין געדולד און ער האט מיט א טיפער פאראכטונג ארויסגעזאגט:

„איך פארלאז די שטעלע. איך וויל ניט שטיין מיט דיר אויף איין ברעט!"

א העלישער פייער האט זיך אנגעצונדען אין דעם גביר. זיין פנים פלאקערט, די אויגען ברענען, ווי ביי א הונגעריגען וואלף, אבער ער קען קיין ווארט ניט אויסריידען. צוטומעלט איז ער גע־

וואָרען, ווי פון אַ דונער געטראָפען. פון קיינעם האָט ער נאָך קיינ־מאָל אַזעלכע ווערטער ניט געהערט.

יוסף האָט גלייך פארלאָזען דעם געשעפט און איז אַרויס אין גאַס. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפּגעטאָן אַ זאַך, איידער ער האָט מיט דינה׳ן גערעדט וועגען דעם. ער האָט ניט חרטה אויף זיין טאַט, אָבער אים פארדריסט זעהר שטאַרק, וואָס ער האָט דאָס אָפּגעטאָן אָהן דינה׳ס וויסען. און איצטער, אין מיטען טאָג, ווען ער וועט אַריינקומען אַהיים, וועט דינה דער־שרעקען זיך. ער וועט גלייך מוזען זאָגען דעם אמת, און דאָס קען, פיליכט, אויפרעגען זי, און אַליין איז ער דאָך אויך גענוג אויפגערעגט, קען נאָך אַרויסקומען אַ צו־שאַרפער איבעררייד צווישען זיי. ער וועט בעסער וואַרטען ביז אָוונט, און קומען אַהיים אין דער געוויינליכער צייט. איז ער אַוועק אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, געזעסען דאָרט עטליכע שטונדען פארטיפט אין אַ גוטען בוך. ער האָט זיך אַביסעל בארואיגט, און אַוועק אַהיים. דינה האָט אים באַגעגענט געוויינלאַך מיט איר זיסען שמייכעל; און יוסף האָט זיך געשטאַרקט צו זיין ווי אימער, אָבער דינה האָט גלייך באַמערקט, אַז יוסף איז ניט ווי אימער. זי האָט אין זיינע אויגען געזעהן, אַז ער ליידעט פון עפּעס.

זי האָט אָבער קיינע פראַגען געמאַכט. זי פארשטייט, אַז אין אַזעלכע פעלע דאַרף מען האָבען געדולד, איינהאַלטען די נייגע־ריגקייט און לאָזען דעם מאַן בארואיגען זיך.

מען האָט זיך געזעצט עסען. מען עסט, און דינה דערציילט יוסף׳ן, ווי אַזוי די קינדער האָבען היינט זיך שיין אויפגעפירט. די קינדערלאַך הערען זיך איין. אַ זיסער שמייכעל צושפּרייט זיך אויף זייערע פּנים׳לאַך, און טאַטע־מאַמע קוועלען קוקענדיג אויף זיי.

נאָכ׳ן עסען האָט דינה צוואַשען די געשיר, און יוסף האָט געהאָלפען די קינדער לעגען שלאָפען. די קינדערלאַך שלאָפען שוין, און די עלטערען האָבען זיך אַוועקגעזעצט צוזאַמען, ווי געוועהנלאַך.

— דינה — האָט יוסף געווענדעט זיך צו איר — דו ווייסט, אַז מיין שטעלע פארשאַפט מיר זעהר פיל שמערצען, אָבער אינ־גאַנצען ווייסטו ניט. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט זעהר ליידען, וויסענדיג ווי איך לייד, דעריבער האָב איך דיר ניט אַלץ דערציילט.

— דו האָסט א טעות, יוסף — האָט דינה געזאָגט מיט א טיפען אויסדרוק פון מיטגעפיל. — איך קען זיך גוט פאָרשטעלען ווי אַזוי דו ליידסט פון אַזאַ גראָבען יונג אַן עקספּלואַטאַטאָר, וועלכער לאָזט זיך פילען, אַז ער איז דער ברויט־געבער פון אַט די מענטשען, וועל־כע ארבייטען שווער פאַר אַ שטיקעל ברויט, צו שאַפען פאַר אים רייכטום און לוקסוס. איך שטעל זיך פאָר, ווי שטיקענד עס איז אַזאַ אַטמאָספערע פאַר אַזאַ מענטשען ווי דו מיט דיין וועלט־אָנשוי־אונג און מיט דיין באַגריף וועגען סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

— סאָציאַלע גערעכטיגקייט! — האָט יוסף אַ זאָג געטאָן מיט אַן איראָנישען שמייכעל — ווער קען דען דענקען וועגען גערעכ־טיגקייט? איך וואָלט נאָר וועלען, אַז ער זאָל פון מיר ניט פאָדערען צו העלפען אים אין זיינע שווינדלערייען.

— און דו טוסט עס?! — האָט דינה געפרעגט פאַרוואונ־דערט. — דו זאָלסט דאָס טאָן?

— צום באַדויערען. איך טו דאָס! — האָט יוסף געזאָגט. — איך האָב אַ פרוי מיט דריי קינדערלאַך, זאָלען געזונט זיין.

— יוסף, איך וויל דאָס מער ניט הערען פון דיר! — האָט דינה אויסגעשריען אַן אויפגערעגטע. — איך וויל ניט, אַז צוליב אַ שטיקעל ברויט זאָלסטו דיין נשמה פאַרקויפען צום טייוועל. וועש פאַר אַנדערע וועל איך וואַשען, און וועל ניט דערלאָזען, אַז דו זאָלסט דאַרפען אַזוי גייסטיג ליידען צוליב אונזערע קינדער און צוליב מיר.

דינה איז געבליבען שווייגען, זי האָט דערזעהן טרערען אין יוסף׳ס אויגען. זי האָט אים אַרומגענומען צערטליך, ווי אַ מוטער איר קינד, און געבעטען:

— יוסף׳קע, טו מיר די געפעליגקייט, ענטזאַג זיך פון אַט דער פאַרפלוכטער שטעלע. דו ווייסט, אַז איך האָב געלעבט אויסגע־רעכענט, עקאָנאָמיש, און מיר האָבען אָפּגעשפּאָרט אביסעל געלט. קענסט רואיג וואַרפען די שטעלע. שלעכט וואָלט אונז געווען, ווען מיר זאָלען גאָר ניט אָפּשפּאָרען. דו וואָלסט ניט קענען, ווי אַנדערע, איבערלאָזען דיין געזינט אָהן מיטלען, און דו וואָלסט זיך לאָזען פּלאָגען אונטער דער הערשאַפט פון אַט דעם עקספּלואַטאַטאָר; אָבער איצטער קענסטו מיט אַ רואיגען האַרצען וואַרפען די שטעלע.

יוסף האָט זי צוגעדריקט צו זיך, אַ הארציגען קוש געגעבען, און געזאָגט:

— טייערע נשמה, איך דאַנק דיר פאַר דיין מיטגעפיל. און דו זאָלסט וויסען, אַז איך האָב היינט פארלאָרען מיין געדולד, און איך האָב געזאָגט מיין בעל־הבית וואָס איך דענק וועגען אים, און האָב פארלאָזען די שטעלע.

— איך בין שטאָלץ — האָט דינה געזאָגט, וואָס דו האָסט געהאַט מוט און זעלבסטווירדע צו זאָגען אָט דעם גראָבען יונג, ווער ער איז, און אוועקצואווארפען די שטעלע. איך האָף, אַז דו וועסט געפינען אַ שענערע שטעלע.

— וויסטו, דינה, וואָס איך דענק — האָט יוסף געזאָגט. — איך וואָלט וועלען פאָרען קיין נ. דאָס איז איינע פון די גרויסע שטעט דאָ אין אוקראַינע, אַ צענטער פון האנדעל און אינדוסטריע, וואו מען קען געפינען אַ גוטע שטעלע. איך האָב אהין גוטע רע־קאָמענדאַציעס.

— די בעסטע רעקאָמענדאַציע ביזטו אליין — האָט דינה גע־זאָגט. — דו מיט דיין פערזענליכקייט מאַכסטו אַ גוטען איינדרוק; און אין אַ גרויסען געשעפט ביי פיינע מענטשען וועט מען געוויס אָפּשאַצען דיין פיאיגקייט, דיין פינקטליכקייט און אָרענטליכקייט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז שוין אַלעס פארטיג געווען פאַר יוסף'ן אין וועג. שווער איז געווען יוסף'ן איבערצולאָזען אַ זיסע היים מיט אַזאַ ליבער פרוי און טייערע קינדערלאך. מען געזעגענט זיך. ער וויינט ווי אַ קליין קינד. דינה שטאַרקט זיך. זי האַלט אירע טרערען אויף שפּעטער, ווען זי וועט אַליין בלייבען. איצטער וויל זי זיין מוטיג און ערמוטיגען איר טייערען יוסף'ן. זי פאָרט מיט די קינדער צום באַן. יוסף איז שוין אין וואַגאָן. ער שטייט נעבען פענסטער און קוקט אויף דינה'ן מיט די קינדער. אַ פייף, דער צוג רירט זיך פון אָרט. זיין הארץ האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, ארויסגעשריען „זייט געזונט!" און אַ קוואַל טרערען האָט געגומען פליסען פון זיינע אויגען. דער צוג פליט. ער קוקט דורכ'ן פענסטער, די קינדערלאך ווינקען צו אים מיט די הענטעלאך, און דינה ווישט אירע אויגען.

קאפיטעל 18.

ער זוכט און געפינט.

אין דער געגענט, וואו עס געפינען זיך די בעסטע רוסישע אייזען־מינען (רודניקעס). א שיינער ווינטער טאג. א פראסט פון פופצען גראד רעמיורס. דער הימעל איז קלאר, אהן א ברעקעל וואלקען. די זון שיינט. אירע שטראלען פאלען אויף דעם זילבערדיינעם שניי, עס בלענדט די אויגען. די לופט איז ריין און טרוקען, עס אטעמט זיך טיף, מען פילט זיך פריש און מונטער.

אויף א הויכען לאנגען און ברייטען פלאץ שטייט א גרויסע פראכטפולע הויז. נעבען צופאר פון הויז שטייען צוויי שווארצע, שטארקע, פעטע פערד, געשפאנט אין א ברייטען שליטען. אויפ'ן קוטשבאק (קאזלעס) זיצט דער קוטשער, א ברייטפלייציגער רוס מיט א גרויסער רויטער בארד, גאנץווארים אנגעטאן, און מיט אלע קרעפטען האלט ער איין די פערד, וועלכע רייסען זיך צו לויפען.

עס עפענט זיך א טיר. יוסף גייט ארויס אנגעטאן אין א גוטען ווארימען קאנגורענעם פוטער, אויפ'ן קאפ א קאראקולענע היטעל, אויף די פים קאווקאזער גרינגע ווארימע שטיוועל, און אונטער'ן ארעם האלט ער א גרויסען לעדערנעם פארטפעל. דינה גייט מיט אים, און טראגט א גרויסען וואלענעם שאל. יוסף זעצט זיך ארייין אין שליטען. דינה וויקעלט ארום זיינע פים מיט א צודעק פון א שאפענער פעל, און לעגט ארויף אויף זיינע אקסלען דעם וואלענעם שאל. זיי צוזעגענען זיך ביידע מיט א שמייכעל און מיט ליבע בליקען. יוסף טוט א זאג: „פארען מיר“, און די פערד האבען זיך מיט איםפעט א רים געטאן פון ארט. שטיקער שניי האט גענומען שפריצען פון אונטער זייערע פים, און דער שליטען גליצט זיך ווי אויפ'ן אייז. דינה איז געשטאנען און נאכגעקוקט ביז דער שליטען איז פארשוואונדען פון די אויגען.

מיט צוויי יאָר צוריק, ווען יוסף האָט פאַרלאָזען זיין ליבע היים, איז ער אָנגעקומען קיין נ. אָן עלענדער, מיט ווייניג געלט, אָבער מיט פיל מוט און ענערגיע. ער האָט זיך באַקענט מיט די מענטשען, צו וועלכע ער האָט געהאַט רעקאָמענדאַציעס. דאָס זיינען געווען באַוואוסטע מענטשען, און יוסף האָט אויף זיי געמאַכט אַ גוטען איינדרוק. זיי האָבען זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם יונגענמאַן, און אָפּגעזוכט פאַר אים אַ שטעלע ביי דעם גרויסען סוחר שטיינבערג, וועלכער האָט געהאַט גרויסע געשעפטען אין פאַרשיידענע געגענטען.

שטיינבערג איז אויך אַזוי ווי יוסף יונגערהייט געקומען פון ליטע קיין זיד־רוסלאַנד צו זוכען זיין גליק. די ערשטע צייט איז ער געווען אַ מלמד; און ווען ער האָט אָנגעקליבען אַביסעל געלט, האָט ער אָנגעפאַנגען אַ קליין געשעפט פון קוילען און קאַלך; און דאָס האָט אים געפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט דעם צושטאַנד פון די פאַרשיידענע מינעראַלען, וואָס געפינען זיך אין דער ערד פון זיד־רוסלאַנד. און באַזעסען האָט ער אַ זעלטענעם אונטערנעמונגס־גייסט, האָט ער אָנגעפאַנגען צו ערווערבען קוואַרים פון קאַלך־שטיינער. נאָכהער האָט ער אַרענדירט קוילען־מינען, און שפּעטער איז ער געוואָרען דער אייגענטימער פון אייזען־מינען. אין אַלגעמיין איז ער געווען אַ מענטש, וואָס האָט ניט מורא געהאַט צו ריזיקירען און צו פירען געשעפטען פיל גרעסערע פון זיין פאַרמעגן. מיט זיינע גוטע פיאַיגקייטען איז ער געווען אַ בריה צו שאַפען גרויסע געשעפטען און אויסצואַרבייטען גוטע פּלענער; אָבער אים האָט געפעלט די פיאַיגקייט צו פירען די געשעפטען ווי געהעריג. ער האָט ניט געקענט אָפּגעבען זיך מיט קלייניגקייטען, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג אין אַזעלכע געשעפטען; און ער האָט גוט געוואוסט זיין פעלער; און דערצו נאָך איז ער אימער פאַרנומען געווען מיט קויפען און פאַרקויפען און פאַרזאָרגען די געשעפטען מיט געלט, האָט ער פשוט ניט געהאַט קיין צייט, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזען זיך אויף אָנגעשטעלטע, וועלכע זאָלען פירען און פאַרוואַלטען די געשעפטען. און ער וויים, אַז ער האָט ניט קיין איין אָנגעשטעלטען, וואָס זיין אַרבייט זאָל ברייגנען די ערוואַרטענע נוצען פאַר די געשעפטען. אייניגע זיינען ניט גענוג פיאַיג

צו באַגרייפען, וואָס עס פאָדערט זיך, און ווי אזוי מען קען דאָס דורכפירען; אַנדערע זיינען פויל און אינדיפערענט, און איניגע זיינען אומאָרענטליך און זוכען די אייגענע נוצען.

אין כאַראַקטער איז שטיינבערג געווען א גאַנץ גוטער מענטש מיט אַן אָפענער האַנט, אָבער זיינע אָנגעשטעלטע האָט ער ניט געגוג געצאָלט. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער זיי שיינקען געוויסע סומען צו ווייזען זיין גוטסקייט. אין אַלגעמיין האָט ער געזוכט כבוד און געהאַלטען זיך גרויס. די אָנגעשטעלטע האָבען געוואוסט זיין שוואַכקייט און האָבען אַרויסגעוויזען אונטערטעניגקייט.

ווען יוסף איז דעם ערשטען מאָל אַריינגעקומען צו שטיינבערג׳ן, האָט שטיינבערג אויפגענומען אים זעהר העפליך און פריינדליך, ווייל ער האָט שוין געהערט וועגען אים זעהר גוטע מיינונגען. שטיינ־בערג האָט אים באַקאַנט מיט זיין פרוי, וועלכע איז געווען א הויכ־געבילדעטע דאַמע. מען האָט צוזאַמען פאַרפירט א געשפּרעך וועגען אַלוועלטליכע פּראָבלעמען. שטיינבערג האָט געוואָלט ווייזען יוסף׳ן אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט א געוויינליכען סוחר; און יוסף האָט זיך טאַקע איבערצייגט, אַז שטיינבערג איז אַן אינטעליגענטער מענטש. אויף די שטיינבערגס האָט יוסף אויך געמאַכט א גוטען איינדרוק.

ווען מען האָט גענומען רײדען וועגען דער שטעלע אַלס בוכ־האַלטער און קאַסיר אין דעם נייעם געשעפט פון די אייזען־מינען, האָט שטיינבערג באַמערקט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן ניט נאָר מיט א גוטען בוכהאַלטער, וועלכער ווייס אין געשעפט נאָר די ביכער, נאָר ער זעהט פאַר זיך א מענטשען, וועלכער וויל באַגרייפען דעם גאַנצען געשעפט, אין וועלכען ער דאַרף אַרבייטען; און דערצו נאָך זעהט ער, אַז יוסף האָט א פּראַקטישען לאָגישען בליק אויף זאַכען; און אויך אים איז געפעלען געוואָרען, וואָס יוסף האַלט זיך מיט ווירדע, אָהן דער אונטערטעניגקייט, וואָס ער זעהט פון די אַנדערע.

אַזוי איז יוסף אָנגעקומען אויף דער שטעלע אַלס בוכהאַלטער און קאַסיר מיט א גוטען געהאַלט און מיט א פרייער שיינער וואוינונג.

יוסף האָט באַלד אראָפּגעבראַכט זיין געזינט, געגאַנגען מיט דינה'ן און געקויפט די גאַנץ־נויטיגע מעבעל, ניט קיין טייערע. און ביידע האָבען ארומגערעדט ווי אזוי צו פירען די הויז־ווירטשאַפט, אום מען זאָל קענען האָבען אַ מעגליכקייט צו געבען די קינדער אַ גוטע דערציאונג; און יוסף האָט טאַקע באַלד אראָפּגעבראַכט אַ גוטען לערער פאַר זיינע קינדער.

די ארבייט אין די מינען האָט זיך אָנגעפאַנגען. יוסף איז שטארק פארנומען. ער פירט די ביכער אין גוטער אָרדענונג. די קאַסע פון געשעפט איז אין זיינע הענט, און ער פירט די קאָרעספאָנדענץ. דאָס אַלעס איז אָבער פאַר יוסף'ן ניט גענוג. ער וויל גרונדליך פארשטיין דעם גאַנצען געשעפט, אין וועלכען ער ארבייט. איבערהויפט נאָך אין אזאַ נייעם געשעפט ווי אייזען־מינען, פון וועלכען ער האָט ניט קיין באַגריף. פירט ער די בוכהאַלטעריע ביי־דער־נאַכט, און דורכ'ן טאָג טוט ער אָפּ אין קאַנטאָר (אָפּים) נאָר די נויטיגסטע ארבייט, וועלכע מען קען ניט אָפּלעגען, און דעם גרעסטען טייל פון טאָג איז ער ארום די מינען. ער באַאָבאַכטעט און דרינגט אריין טיף אין די איינצעלהייטען פון יעדער זאַך, און לערענט זיך פון יעדערען. דער מינען־אינזשינער, אונטער וועמעס אויפזיכט עס פירט זיך די גאַנצע ארבייט, איז אויך אַ איד, אַ שטילער פריינטליכער מענטש. ביי אים געפינט אוים יוסף אַלע איינצעלהייטען; און ניט נאָר פון דעם אינזשינער לערענט ער, נאָר אויך פון די קלענערע אָנגעשטעלטע, און אפילו פון די פּראָסטע פּראַקטישע ארבייטער לערענט ער זיך. יוסף געדענקט דעם תלמוד'ישען שפּריכוואָרט: „ווער איז קלוג? — דער וואָס לערענט זיך פון יעדען מענטשען“.

און ניט נאָר יוסף איז אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין דעם געשעפט, נאָר אויך דינה וויל אַלעס וויסען. ניט נאָר אַלס אַ נייגעריגקייט, נאָר זי זוכט מיט וואָס צו קענען העלפען יוסף'ן אין זיין נייער פאַראַנטוואָרטליכער ארבייט.

קאפיטעל 19.

יוסף פירט גרויסע געשעפטען.

אין זעקס מאָנאטען צייט האָט יוסף שוין געוואוסט ווי אזוי מען דארף אָנפירען די גאַנצע ארבייט. ניט נאָר מיט די אייגענע מינען איז ער גוט באַקאַנט, נאָר ער האָט אויך באזוכט אַנדערע מינען. ער קען אונטערשיידען צווישען גוטע און ערגערע ערץ (רודא), ער ווייס די פאָדערונגען פון די פאַבריקען, און די באַדינגונגען פון טראַנספּאָרטאַציע און טאַריף. עס זיינען שוין געווען פעלע, ווען יוסף האָט אין א שיינעם וועג אָנגעוויזען דעם אינזשינער, וואו מען קען פארקלענערען די אויסגאַבען. ווען שטיינבערג איז געקומען האָט דער אינזשינער אין יוספ'ם אָנוועזענהייט איבערגעגעבען וואָס יוסף האָט פאָרגעשלאָגען. שטיינבערג האָט מיט אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט, וואָס יוסף אליין האָט צו זאָגען. ער האָט באַוואונדערט, וואָס יוסף האָט אין אזא קורצער צייט אזוי פיל געלערענט, אין דער צייט, וואָס זיין שטעלע אַלס בוכהאַלטער פאָדערט דאָס ניט פון אים.

וואָס ווייטער האָט שטיינבערג אַלץ מער איבערצייגט זיך, אז יוסף איז א פייאיגער, אָרענטליכער, ערנסטער און פּינקטליכער מענטש.

די געשעפטען פון די מינען האָבען זיך דערווייל פאַרגרעסערט. שטיינבערג האָט געקויפט נאָך א מינע (רודניק) דרייסיג וויאָרסט פון די ערשטע מינע, און ער איז געוואָרען דער קאָנטראַקטאָר פון א גרויסער קאָמפּאַניע אויסצואַרבייטען זייערע מינען. איינע פון זייערע מינען געפינען זיך 35 וויאָרסט פון דאַנען, און די צווייטע 25 וויאָרסט פון דער אַנדער זייט.

איינמאָל, ווען שטיינבערג איז געקומען, האָט ער געהאַט א לאַנגען געשפרעך מיט יוספ'ן און צום ענדע האָט ער געזאָגט:

— איך דארף איצט האָבען א מענטשען, אויף וועלכען איך זאָל קענען פאַרלאָזען זיך צו פאַרוואַלטען די אַלע אייזען-מינען,

און איך גלויב, אַז איר זייט דער פּאַסענדער מאַן, אויף וועלכען איך קען אָנפאַרטרויען דעם געשעפט אין אַלע הינזיכטען. אַ בוכ־האַלטער אַ גוטען קענען מיר באַקומען, און אונטער אייער אויפ־זיכט וועלען די ביכער אויך זיין אין גוטער אָרדענונג.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער צוטרוי — האָט יוסף געזאָגט — און איך האָף, אַז איר וועט ניט ענטוישט ווערען.

שטיינבערגט האָט פאַרדאָפּעלט יוסף'ס געהאַלט, דערצו גיט מען אים אַ גרויסאַרטיגע וואוינונג פון אַכט צימערען מיט באַ־הייצונג און באַלייכטונג. אפילו פאַר אַ דינסט אין הויז צאַלט דער געשעפט. דאָ געפינט זיך די קאַנטאָר (אָפּיס), און איין צימער איז פאַר שטיינבערג'ן, ווען ער קומט צו פאָרען. ער האָט אויסגע־דריקט זיין וואונש, אַז ער וויל בעסער שטיין דאָ איידער אין האָטעל.

שטיינבערג האָט געקויפט אַ פּאָר גוטע פערד צום אַרומפאָרען, און געדונגען אַ קוטשער. פאַרט יוסף אַרום פון איין רודניק צום צווייטען. אומעטום דאַרף מען אַלעס צוגרייטען צו דער אַרבייט. יוסף באַגרייפט גוט זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. זיין אָרענטליכקייט דיקטירט אים צו באַצאָלען שטיינ־בערג'ן פאַר זיין צוטרוי. ווענדעט ער אָן אַלע זיינע קרעפטען און אַרבייט מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט און געטרייהייט. זיין פּינקטליכקייט פאָדערט פון אים, אַז יעדע זאַך זאָל געטאָן ווערען פּינקטליך ווי געהעריג. ער אַרבייט אומערמידליך. אַ קוואַל פון ענערגיע האָט זיך געעפענט און שטראָמט אָהן אויפהער. מען בויט וואוינונגען פאַר אַרבייטער און אַנגעשטעלטע; פון די אייזענ־באַנען פירט מען אַליין צו צווייגען צו די מינען; מען שטעלט מאַ־שינען צו דער אַרבייט; און קיין זאַך ווערט ניט געטאָן אָהן יוסף'ס צושטימונג. אַלע פּלענער מוז ער זעהן איידער זיי ווערען דורכ־געפירט. אַלעס ווערט געקויפט דורך אים, ער זוכט און געפינט אויס וואו מען קען קויפען דאָס בעסטע פאַר די ביליגסטע פרייזען, און ער זעהט, אַז אַלץ זאָל פאַרברויכט ווערען ניצליך, קיין זאַך זאָל ניט פאַרשווענדעט ווערען גוצלאָז.

שטיינבערג, וועלכער איז געווען גענוג ערפארען אין אזעלכע ארבייט, ווי די וואָס זיינען דאָ דורכגעפירט געוואָרען, האָט ריכ־טיג אָפּגעשאַצט יוסף׳ס ארבייט. ער האָט געוואוסט, אז ער אליין וואָלט ניט קענען מאכען אזוי עקאָנאָמיש.

די צוגרייטונגס־ארבייט האָט זיך געענדיגט. מען האָט אָנגע־פאנגען אומעטום ארויסצונעמען די ערץ (רודא) פון דער ערד און טראַנספּאָרטירען. הונדערטער ארבייטער זיינען באשעפטיגט. אומעטום זיינען פאראַן גרעסערע און קלענערע אָנגעשטעלטע. יוסף׳ס באציהונגען צו אלעמען איז מיט גערעכטיגקייט. ער גיט יעדען דאָס בעסטע, וואָס מען קען געבען אונטער היינטיגע סאָ־ציאלע עקאָנאָמישע באדינגונגען, אָבער ער פאָדערט פון יעדערען צו ערפילען זיינע פליכטען. ער איז גאַנץ שטריינג אין זיינע פאָ־דערונגען. אָבער ער איז טאקטיש, און האָט די פולע אכטונג צו יעדען מענטשען. קיינער קען ניט פילען פון אים אַן ערנידעריגונג, און דעריבער איז ער ביי אלעמען שטארק באליבט.

יוסף האָט געהאַט פיל צו טאָן ניט נאָר מיט פריוואַטע גע־שעפטען, סיי מיט אידען און סיי מיט קריסטען, נאָר ער איז אויך געווען פארבונדען געשעפטליך מיט זעקס גרויסע מעטאלורגישע פאבריקען, צו וועלכע שטיינבערג האָט פארקויפט, אָדער אויסגע־ארבייט פאר זיי ערץ (רודא), אָדער אַנדערע מינעראַלען. אין די אלע געזעלשאַפטען זיינען די אָנגעשטעלטע געווען קריסטען, און אומעטום, ביי אלעמען, איז יוסף געווען פאררעכענט פאר אַ הויפּט־אָרענטליכער מאַן, פאר אַ זעלטענעם געטרייען אָנגעשטעלטען, און פאר זעהר אַ פּינקטליכען אין יעדער הינזיכט. די העכערע באאמטע האָבען צו אים באצויגען זיך מיט אכטונג און פאָלקאָמען צוטרוי. שטיינבערג האָט געוואוסט דערפון. און וואו עס איז געווען אַ מיספארשטענדעניש, אָדער פארפלאָנטערטע פּראָבלעמען, ווי עס טרעפט זיך אין געשעפטען, פלעגט ער שיקען יוסף׳ן, און יוסף איז געווען ערפאָלגרייך אין די אלע מיסיאָנען. זיין זעלבסטווירדע, אָהן דער קלענסטער אונטערטעניגקייט, זיין אָפענהאַרציגקייט,

ווארהאפטיגקייט און זיינע לאַגישע קורצע און צום פונקט ארגו־מענטען, האָבען אימער געווירקט.

שטיינבערג קומט אַפט. ער זיצט שטונדען לאַנג און רעדט מיט יוסף'ן ניט נאָר וועגען די געשעפטען, וואָס זיינען אונטער יוסף'ס אויפזיכט, נאָר ער דערציילט אויך וועגען זיינע אַנדערע געשעפטען; און עס טרעפט, אז יוסף זאָגט ארויס אַ מיינונג, מיט וועלכער שטיינבערג רעכענט זיך. איינמאָל האָט יוסף געזאָגט:

— איר זייט פארנומען מיט שאפען געשעפטען, פירען וויכטיגע פארהאנדלונגען, פארזאָרגען אַלע געשעפטען מיט געלט; אָבער איר האָט ניט גענוג צייט אָפצוגעבען זיך מיט יעדען געשעפט; און ווי איך פארשטיי איז ביי אייך יעדער געשעפט אַ וועלט פאר זיך. איך גלויב, אז ווען אַלע אייערע געשעפטען זאָלען האָבען אַ שטאַרקערען צוזאַמענבונד, וואָלט איר אויסמיידען פיל שווע־ריגקייטען.

שטיינבערג איז געזעסען אַ ווייַלע פארטראַכט, און נאָכהער זעהר פריינדליך געווענדעט זיך צו יוסף'ן:

— איר זייט גערעכט. צום באַדויערען אָבער קען איך אַליין ניט מאַכען דעם געהעריגען צוזאַמענבונד. איך בין צופיל פאר־נומען, ווי איר האָט געזאָגט. איך וואָלט וועלען מאַכען דאָ, אונ־טער אייער אויפזיכט. **מיין הויפט־קאַנטאָר** (אָפיס) פון אַלע גע־שעפטען. אַלע געלדער זאָלען אריינקומען אהער, און ארויסגיין פון דאנען; און דאָ זאָל מען וויסען דעם גאַנג און צושטאַנד פון יעדער געשעפט. איר וועט פון צייט צו צייט באַזוכען די גע־שעפטען; און איך בין זיכער, אז איר וועט גיך באַקענען זיך מיט זיי, און איינפירען אַ בעסערע אָרדענונג.

יוסף האָט געדאַנקט פאר דעם צוטרויען און איינגעשטימט. שטיינבערג האָט פארגרעסערט יוסף'ס געהאַלט און געגעבען יוסף'ן אַן אָפיציעלע שריפטליכע באַפאָלמעכטיגונג (דאָווערענאָסט) צו קויפען און פארקויפען, שליסען אַלערליי קאַנטראַקטען, עפענען קרעדיטען און אונטערשרייבען וועקסלען און טשעקען אין זיין, שטיינבערג'ס, נאָמען; דאָס הייסט, אינגאַנצען איבערגעגעבען זיך אין יוסף'ס הענט.

מיט א קורצער צייט שפּעטער איז שטיינבערג געקומען, און האָט אויסגעדריקט זיין דאַנקבאַרקייט צו יוספ'ן פאַר זיין גוטער פאַרוואַלטונג, און האָט אים דערלאַנגט אַ טשעק אויף פינף טויזענט רובעל אַלס מתנה, און האָט געזאָגט:

— נאָך פיל יאָרען שווערע אַרבייט קען איך ערשט נעמען מיין וואַקאַציע. איך פאָר מיט מיין פרוי קיין קאַרלסבאַד, און איך בין פאָלקאָם רוהיג און זיכער, אַז אַלץ וועט זיין אין בעסטער אָרדענונג.

אָט אַזוי איז דער געוועזענער ישיבה־בחור און מלמד געוואָרען אַ זעלטענער פאַרוואַלטער פון גרויסע געשעפטען; און דינה איז שטאָלץ, וואָס איר יוסף האָט דערוויזען ווער ער איז, און וואָס ער קען אויפטאָן, ווען ער האָט נאָר די געלעגענהייט. און זי איז צופרידען, וואָס זי האָט געהאַט די מעגליכקייט צו העלפען אים דערגרייכען אַזאַ הויכע שטופע. זי האָט אימער געוואוסט פון אַלעס, וואָס עס טוט זיך אין די געשעפטען. גאַנץ אָפט האָט גע־טראָפען, אַז זי האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל. איבערהויפּט, ווען יוסף איז ניט געווען אין דער היים, פלעגט זי אין פיל פעלע פאַרבייטען אים.

קאפיטעל 20.

א לעבען אין גוטע אומשטענדען.

אין דעם שטעטעל, וואו די סיגעלס וואוינען איצטער, זיינען פאראן אויפגעקומענע רייכע אידען. שפילען זיי א ראליע פון אריסטאקראטען; און די ארימערע טאנצען זיי נאך. מען קויפט די טייערסטע מעבעל, מען טראגט די בעסטע קליידער. איבערהויפט די פרויען שלעפען אויף זיך די נייעסטע מאדעס. אבער ביי די סיגעלס אין הויז איז איינפאכע מעבעל; און דינה האט גאר ניט דעם פארלאנג צו פוצען זיך אין טייערע קליידער און טראגען צירונג. און איר הויזווירטשאפט פירט זי זעהר עקאנאמיש. אין איין זאך איז דינה ניט שפארזאם—אין צונעמען געסט. יוסף איז אויך אין אלץ עקאנאמיש, נאר אויף ספרים גיט ער אוים געלט מיט אן אפענער האנט. ער האט א שיינע ביבליאטעק פון דער אלטער אידישער ליטעראטור און פון דער מאדערנער, ווי אויך די בעסטע ביכער, אריגינעלע און איבערזעצונגען, אין דער רוסישער שפראך.

וואס אנבאלאנגט יוסף'ס גייסטיגען לעבען אין איצטיגע גוטע אומשטענדען, קען מען זאגען, אז יוסף קען זיך צופאסען צו א נייער אומגעבונג און ער ווענדעט אן אלע מעגליכקייטען צוצו־פאסען די אומגעבונג צו זיין וועלט־אנשויאונג און צו זיינע גייס־טיגע פאדערונגען. ווען ער וואלט דאס ניט געקענט דורכפירען, וואלט ער, פיליכט, ניט געקענט אנהאלטען די שטעלע. ער קען גיין אויף קאמפראמיסען, אבער אינגאנצען אפזאגען זיך פון זיינע אידעאלען קען ער ניט. פארזונקען ווערען אינגאנצען אין די געשעפטען וואלט פאר אים אוממעגליך געווען. טעטיגקייט אין דער מאטעריעלער וועלט איז פאר אים נאר א מיטעל צום לעבען, אבער דאס לעבען אליין מוז ענטהאלטען אין זיך גייסטיגעס. ער מוז יעדען טאג נעמען זיך צייט, אפרייסען זיך פון דער געשעפטס־וועלט, און אויפהויבען זיך אין העכערע ספערען; און יוסף האט

די פּייאינקייט דורכצופירען דאָס מיט ערפאָלג. נאָך אַ טאָג שווערע קאָפּ־דרייעניש, מיט די פיל־געשעפטליכע אומאָנגענעמליכקייטען, קומט ער אריין אין דעם צימער, וואו עס געפינט זיך זיין ביבליאָטעק. ער ווערט ווי אַ ניי־געבאָרענער, ער לאָזט ארויס פון זינען אלע געשעפטען, וואָס ער האָט היינט געטאָן, און וואָס ער דאַרף מאָרגען טאָן, און ער קאָנצענטרירט איינגאנצען זיינע געדאנקען אין אַ גוטען אינטערעסאַנטען אידישען ספר, אָדער אין אַ גוטען בוך פון דער רוסישער ליטעראַטור. אַזוי טוט ער אין אָווענט און אין־דער־פרי. און דאָס שטאַרקט אים ניט נאָר גייסטיג, נאָר אויך קערפּערליך. ער ווערט מונטערער און פאַנגט אָן זיין טאָג ארבייט מיט פרישע ענערגיע און מיט אַ קלאָרען קאָפּ.

ניט נאָר אליין לערענט ער און לייענט, נאָר יעדער אָוועגט ניט ער אָפּ אַ טייל פון זיין צייט פאַר זיינע קינדער. מיט די עלטערע לייענט ער עפּעס, און מיט די קלענערע רעדט ער וועגען זייערע קינדערשע אינטערעסען. דינה זיצט אימער דערביי, הערט ווי דער פאָטער פאַרברייננגט מיט די קינדער, און נעמט אַנטייל אין אלע געשפּרעכען. אַמאָל בלייבען יוסף מיט דינה'ן אין צווייען. מען לייענט צוזאַמען עפּעס אַ גוטע זאַך, מען רעדט וועגען פאַרשיידענע זאַכען, און איבערהויפּט וועגען די אייגענע קינדער.

און ניט נאָר מיט זיין אייגענער פאַמיליע לערענט ער, נאָר אויך מיט פרעמדע. זיין קאַנטאָר (אָפיס) איז די איינציגע אין דער געגענט, וועלכע איז געשלאָסען שבת און יום־טוב. יעדער שבת און יום־טוב נאָך האלבען טאָג איז אין זיין הויז געוועזען אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרשיידענע מענטשען. אָהער זיינען געקומען די בעסטע לערער פון שטעטעל, אויך סוחרים און אָנגעשטעלטע אין געשעפטען, און איבערהויפּט די בעלי־מלאכה, שניידער, שוסטער, שמידען, און דאָס גלייכען. צווישען די פאַרזאַמעלטע זיינען אויך פאַראַן פרויען, און דוקא פון די אריסטאָקראַטקעס. אלע קומען הערען, וואָס יוסף וועט פאַר זיי פאָרלעזען, און וואָס פאַר ערקלערונגען ער וועט געבען. דאָס פאָרגעלעזענע ווערט געדיסקוטירט, און אלע נעמען אָנטייל אין די געשפּרעכען. מענטשען באַקומען אַ צוזאַמענבונד, פאַר־שיידענע קלאַסען מענטשען ווערען נעהענטער איינער צום צווייטען,

מען דערפילט געמיינשאפטליכעם אלס מענטשען און אלס אידען. און אלע פילען זיך היימיש, ווייל דינה מיט די קינדער ווייזען ארויס די גרעסטע גאסטפריינדליכקייט צו יעדען איינעם.

אין געזעלשאפטליכע ארבייט נעמט יוסף אויך אן אנטייל. אי־בערהויפט גיט ער זיך אפ מיט קינדער־ערציהונג און מיט ציוניזם. פון אן אלטער חורבה מיט א שטיקעל תלמוד־תורה מיט א פאר צענדליג קינדער מיט אן אומוויסענדען מלמד, האט יוסף אנט־וויקעלט א גרויסע שיינע מאדערנע תלמוד־תורה מיט מער פון הונדערט קינדער, מיט דריי גוטע לערער פון אידישע און אלגע־מיינע למודים. אין ציוניזם איז ער געווען ערפאלגרייך, ניט נאר אין קלייבען געלט, נאר אויך אין פארשפרייטען די אידייע. ער פלעגט אין שול האלטען פארטרעגע וועגען ציוניזם, און אפט מאכען עקסטרע ציוניסטישע פארזאמלונגען. אויך אין די געזעל־שאפטליכע ארבייט האט דינה געשפילט א וויכטיגע ראליע. זי האט ניט נאר ערמוטיגט יוסף'ן, נאר זי האט טאקע מיטגעהאלפען אין פיל הינזיכטען. ערשטענס, ווייל זי אליין איז אויך געווען איבערצייגט אין דער וויכטיגקייט פון דער ארבייט; און צוויי־טענס, ווייל זי האט געוואוסט, אז דאס איז יוסף'ס גרעסטער פאר־געניגען.

קאפיטעל 21.

זייערע גוטע פריינט.

פריינדשאפט איז איינע פון די שענסטע זאכען אין דעם מענטשענ׳ס לעבען, אָבער דאָס מיינט ניט אָט די וואולגארע פריינד־שאפט, וועלכע באשטייט נאָר דערינען, וואָס מענטשען קומען איי־נער צום צווייטען עסען, טרינקען, שפּילען אין קאָרטען און ריידען פוסטע רייד. אמת׳ע פריינדשאפט מיינט צוגעבונדענקייט, געטריי־שאפט און איבערגעבענהייט. און איבערהויפּט איז די פריינד־שאפט שיין און ערהאבען, ווען צווישען די פריינד איז פאראן א גייסטיגער צוזאמענבונד, ווען עס באגעגענען זיך צוויי מענטשען, וועלכע האָבען געמיינזאמע אידעאלען און שטרעמונגען, און זייערע נשמות געפינען א צופרידענהייט איינע אין דער צווייטער. גליק־ליך איז דער מענטש, וועלכער האָט גוטע פריינט, וועמען מען האָט ליב און מען אכטעט, און מען איז געליבט און געאַכטעט פון זיי. ניט אלע מענטשען קענען זיך שאפען אזעלכע גוטע פריינט, און ניט אלע קענען זיין גוטע פריינט. צו קענען שאפען זיך גוטע פריינט און קענען זיין א גוטער פריינד מוז מען זיין ערנסט, וואר־האפטיג, אָפענהארציג, געטריי, טאָלעראנט און טאַקטפול.

יוסף איז געווען איינער פון די גליקליכע, וועלכער האָט או־מעטום, אונטער אלע אומשטענדען, געהאט אמת׳ע, הארציגע, אינ־טימע גוטע פריינט, וועמען ער האָט ליב געהאט און געאַכטעט, און פון וועמען ער איז געווען געליבט און געאַכטעט. צווישען אים און איינינע גוטע פריינט האָט זיך די פריינטשאפט ענטוויקעלט צו דער העכסטער שטופע פון ליבשאפט, צו דער ליבע פון דוד און יהונתן. די מערסטע פון זיינע גוטע פריינט זיינען געווען מענטשען, וואָס האָבען צו טאָן מיט דעם גייסטיגען לעבען פון אידישען פאָלק, אידעאליסטישע לערער און שריפטשטעלער, אָבער

ער האָט צווישען זיינע גוטע פריינט אויך געהאַט מענטשען פון אַנדערע ריכטונגען און וועלט־אַנשויאונגען, גאַנץ פרומע און גאַנץ פרייע. אויב ער האָט נאָר אויסגעפונען, אַז דער מענטש איז אָרענט־ליך און ערנסט, און האָט שיינע שטרעבונגען, אַבוואָל ער גייט מיט אַן אַנדער וועג, האָט יוסף געקענט זיין זייער אמת'ער גוטער פריינט און זיין טאָלעראַנט צו יענעמ'ס מיינונגען. זיינע נאָענטע פריינט האָבען פארשטאַנען ווי אָפּצושאַצען זיינע גוטע זיטען. זיין דן זיין לכף זכות יעדען מענטשען, ניט צו באַשולדיגען, ניט צו זוכען פעלערען אין מענטשען. אין זיינע באַציאונגען צו זיינע פריינט איז ער געווען מיט אַ טיפער אַכטונג צו עלטערע און גרע־סערע פון אים, און צו אינגערע און קלענערע איז ער געווען מיט אַ הארציגער ערנסטער פריינטשאַפט. אין זיין געטריישאַפט האָט קיינער ניט געצווייפעלט. יעדער איינער האָט אין אים געפונען אַ פריינט, פאַר וועלכען מען קען אויסריידען דאָס הארץ און אַנט־פּלעקען די טיפעניש פון דער נשמה. ער הערט אויס יענעמס צער מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, מיט טיפען מיטלייד און מיטגעפיל. ער גיט צו, אַז יענעמ'ס וויטאָג איז טאַקע אַ וויטאָג, אָבער ער געפינט אַ פּאַסענדען טרייסט־וואָרט; און ער איז אימער גרייט צו העלפען מיט ראָט און טאָט, אָפּגעבענדיג מיה און צייט, און אויך מאַטעריעלע הילף. און געטאָן האָט ער דאָס אַלץ שטיל, באַשיידען און פריינדליך, אַז דער צווייטער זאָל ניט פילען קיין אומאַנגענעמליכקייט.

יוסף זאָגט, אַז פאַר זיינע פריינט וואָס ער האָט, האָט ער פיל צו פאַרדאַנקען דינה'ן. זי האָט אים געהאָלפען צו שאַפען און אויפצוהאַלטען די פריינטשאַפט. צו זיינע גוטע פריינט האָט זי זיך באַצויגען מיט ליבע און טיפער אַכטונג, און אַלע זיינען געווען מיט איר באַפריינדעט אַזוי ווי מיט יוסף'ן. פון די אַלע גוטע פריינד'ס פרויען איז זי געווען די איינציגע, וועלכע האָט געמאַכט, אַז אין איר הויז זאָל מען זיך פילען היימיש. מיט אַן ערנסטער פריינטשאַפט האָט זי יעדען איינעם אויפגענומען; און ניט נאָר זי, נאָר אויך די קינדער זיינען געווען פריינטליך און צוציענד. דעריבער זיינען ביי יוסף'ן געווען די מערסטע פאַרזאַמלונגען;

און ווי שיין עס זיינען געווען די פארזאמלונגען. מען לייענט, מען דיסקוטירט. מען רעדט מיט אכטונג פון איינעם צום צווייטען, אלע פילען זיך פריי, יעדערער האלט זיך פעסט ביי זיינע איבער־צייגונגען, אָבער ער וועט ניט מבטל זיין מיט שפּאָט דעם צוויי־טענס מיינונג. ביי יעדערען איז טייער דעם צווייטענס כבוד. יוסף מיט זיינע אייגענשאַפטען האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די פאַרזאַמלונגען. אין געשפרעך פאָדערט ער לאָגיק און אָרדענונג. אַז מען זאָל ניט נאָר קענען ריידען, נאָר אויך קענען הערען, וואָס דער צווייטער זאָגט.

דינה איז אימער אָנוועזענד געווען אויף די פאַרזאַמלונגען. זי הערט זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו אַלעם, וואָס ווערט געלייענט און דיסקוטירט; און ווען זי האָט עפּעס צו זאָגען, זאָגט זי דאָס גאַנץ באַשיידען. זי ווייס, אַז דאָ זיצען מענטשען מיט גרעסערע קענטעניש איידער זי באַזיצט.

און ניט נאָר צוליב געזעלשאַפטליכע ארבייט, אָדער צוליב פאַר־לעזונגען און דעבאַטען פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען צו יוסף׳ן, נאָר אויך אַלע ימים טובים, גרעסערע און קלענערע, האָט מען געפייערט צוזאַמען אין יוסף׳ס הויז; און דינה האָט אונטער אַלע אומשטענדען באַשיינט די שמחות. אין דער צייט, ווען זי איז אָרים געווען, האָט מען ביי איר פון אַ בולבע מיט הערינג מער הנאה געהאַט איידער פון די טייערסטע מאכלים אין אַן אַנדער הויז. אַן אַנדער פרוי אונטער אַזעלכע אומשטענדען וואָלט געווען אין אַ פאַרלעגענהייט, און וואָלט זיך געפילט אַראָפּגעפאַלען ביי זיך. דינה אָבער איז געווען אויפגעלעגט, געהאַלטען זיך מיט ווירדע, און אימער אין אַ גוטער שטימונג, פול מיט פרייד און ערנסטקייט. אין אַזאַ הויז איז אַ פאַרגעניגען צו פאַרברייגגען, און עס איז מעגליך אויפצוהאַלטען די בעסטע פריינטשאַפט.

◇○◇

קאַפּיטעל 22.

זייער קינדער ערציאונג.

יוסף האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אין קינדער־ערציאונג מוזען פאָטער און מוטער,ביידע גלייך, נעמען אַנטייל; און אין פיל הינזיכטען שפּילט די מוטער אַ וויכטיגערע ראָליע איידער דער פאָטער, איבערהויפּט אין די ערשטע קינדערשע יאָרען מוז די מוטער זיין אַ גוטער ארכיטעקטאָר אוועקצולעגען אַ פונדאַמענט, אויף וועלכען מען זאָל קענען בויען, וואָס מען פאַרלאַנגט.

און יוסף האָט באַגריפען זעהר גוט, אַז אויב מען וויל געבען די קינדער אַ נאָרמאַלע ערציאונג, אָהן שטערונגען, מוזען דער פאָטער מיט די מוטער זיין איינשטימיג. זיי מוזען צוזאַמען אויס־ארבייטען איינע און דיזעלבע פאָדערונגען און מעטאָדען אין ערציאונג. ווען דער פאָטער האָט איין וועג, און די מוטער אַן אַנדער וועג, דאַן קען דאָס קינד געפינען פאַר זיך גאָר אַן אַנדער וועג.

אָנפאַנגענדיג פון דעם ערשטען קינד האָט יוסף אָפּגעגעבען פיל צייט צו פאַרברייִנגען מיט דינה'ן וועגען קינדער־ערציאונג. זיי לייענען וואָס גרויסע אויטאָריטעטען זאָגען וועגען קינדער־ערציאונג; און זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז ניט אַלע טעאָריעס זיינען איינגאַנצען צוגעפּאַסט צו יעדען קינד. אָט האָבען זיי זעקס קינדער, זיינען זיי אין פיל הינזיכטען אַנדערש איינער פון צוויי־טען. ניט קיין גלייכע פּייאיגקייטען, פאַרשיידענע טעמפּעראַמענ־טען, און אפילו פאַרשיידענע איינגעבאָרענע נייגונגען, דעריבער קען מען פון די ביכער נעמען נאָר די הויפּט־פּרינציפּען, די אַלגע־מיינע רעגעלען און מעטאָדען, און דערצו מוז מען גוט קענען

יעדען קינד, און געפינען דעם בעסטען וועג, דורך וועלכען מען זאָל קענען צוקומען צום קינד'ס נשמה.

גיבען זיך אָפּ יוסף מיט דינה'ן צו באָאבאַכטען און אריינצו־דריגנען אין דער קינדערשער פּסיכאָלאָגיע פון יעדען איינעם; און אין אָט דער הינזיכט שפּילט דינה א גרעסערע ראָליע. זי איז מער מיט די קינדער, זי קען מער זעהן און הערען, און זי זעהט און הערט טאַקע. צו אַלעס וואָס די קינדער טוען קוקט זי זיך צו; און צו אַלעס, וואָס זיי ריידען, הערט זי זיך צו. זי ווייס, אז ווען דאָס קינד איז נאָך גאַנץ קליין, דאַרף מען ניט דערלאָזען קיינע שלעכטע געוואוינהייטען, ווייל שפּעטער אָפּצוגעוואוינען איז זעהר שווער, און אָפט אוממעגליך. זי לערענט די קינדער באַנוצענדיג זיך מיט ליבע און צערטליכקייט, אָבער ווען מען מוז איז זי שטרענג אין אירע פאָדערונגען. ניט געשריען, נאָר געזאָגט מיט'ן הארבען וואָרט, האָבען די קינדער שוין געוואוסט, אז אזוי מוז דאָס זיין. ווען א קינד האָט זיך מיט עפּעס פארזינדיגט, האָט זי קיינמאָל ניט געזאָגט „איך וועל דערציילען דעם טאַטען“. זי האָט געוואָלט זיין אליין אַן אויטאָריטעט אין די אויגען פון די קינדער, און זי האָט עס טאַקע אויסגעפירט. זי האָט קיינמאָל ניט דערציילט יוסף'ן וועגען א שלעכטער אויפפירונג פון א קינד אין דער אָנווע־זענהייט פון קינד. דערציילט האָט זי יוסף'ן נאָר דאַן, ווען ער איז פריי פון זיינע באַשעפטיגונגען און איז פאָלקאָם רואיג. הערט ער אירע רייד מיט א קלאָרען קאָפּ און מען בעראַט זיך צוזאמען ווי אזוי צו פירען זיך אין אזעלכע פעלע.

אין אַלגעמיין האָבען זיי ניט געהאַט קיינע שוועריגקייטען צו אנטוויקלען אין די קינדער א שיינע אויפפירונג און א פיינעם כאראקטער, ווייל אין דער ערציאונג פון אויפפירונג און כאראק־טער שפּילט די הויפּט־ראָליע, וואָס די קינדער זעהען פון די עלטע־רען. ניט מיט לעקציעס פון ווערטער קען מען איינפלאַנצען אין א קינד שיינע זיטען, נאָר די עלטערענ'ס אויפפירונג איז די בעסטע לעקציע פאַר קינדער; און יוסף'ס מיט דינה'ס שיינע, אָרענטליכע אויפפירונג צווישען זיך און מיט אנדערע מענטשען,

האט געקענט דינען פאר זייערע קינדער אלס דער בעסטער ביי־שפיל, אז זיי זאלען וואקסען ליבע, פריינטליכע, ארענטליכע און איידעלע מענטשען.

וואס אנבאלאנגט בילדונג פאר די קינדער, האט מען געהאט גרויסע שוועריגקייטען. זיי ווילען געבען זייערע קינדער אן אלגע־מיינע וועלטליכע בילדונג. און צו דערזעלבער צייט זאלען זיי נים פארנאכלעסיגען זייערע אידישע למודים. זיי ווילען זעהן זייערע קינדער אלס וועלטליכע מענטשען און גוטע באוואוסטזיניגע אידען.

מיט דער וועלטליכער בילדונג האט מען געהאט גרויסע שווע־ריגקייטען, ווייל די רוסישע מיטעל־שולען און הויך־שולען זיינען כמעט פארשפארט פאר אידישע קינדער. דער רוסישער צאר האט דערפילט, אז זיין טראן וואקעלט זיך, און אז זיין קרוין וויל מען אראפרייסען פון זיין קאפ, פיליכט מיט׳ן קאפ צוזאמען, און ער ווייס, אז די רעוואלוציע ווערט פארשפרייט דורך דער אינטעלי־גענציע, איבערהויפט פון דער יוגענט, דעריבער וויל ער האבען וואס ווייניגער געבילדעטע מענטשען, האט ער באגרעניצט ביז א מינימום די צאל סטודענטען פון די ארימע רוסישע קלאסען און פון אלע אידען. אין די מיטעל־שולען לאזט מען צו נאר פינף פראצענט אידען, און אין די הויך־שולען נאר דריי פראצענט. דער איד, וואס האט געוואלט געבען זיין קינד בילדונג, האט גע־מוזט נעמען פריוואטע לערער, גרייטען די קינדער אויסצוהאלטען עקזאמען פון א מיטעל־שולע. פון די וואס האבען געהאט די בעסטע אויסצייכענונגען אין לערנען, האט מען אריינגענומען אין אוניווערזיטעט נאר דריי פראצענט, דאס הייסט, דריי אידען אויף יעדערע הונדערט ניט־אידען. די איבעריגע האבען געמוזט פארען שטודירען אין אנדערע לענדער, אדער טויפען זיך.

אונטער אט אזעלכע אומשטענדען האט יוסף גענדארפט געבען בילדונג זיינע זעקס קינדער. די עלטערע שיקט ער אין די גרויסע שטעט צו פריוואטע לערער, און פאר די קלענערע האלט מען אין דער היים די בעסטע לערער צוליב וועלטליכע בילדונג, און דערצו נאך מוזען די קינדער, די זיהן און די טעכטער, לערנען אידישע

למודים. גיט מען זיי די בעסטע אידישע לערער. דאָס אַלעס קאָסט פיל געלט. מוזען די עלטערען ענטזאַגען זיך פון פיל זאכען. דינה טראָגט ניט קיין טייערע קליידער, ווי עס טראָגען אנדערע אין איר שטאנד. קיין צירונג ווילט זיך איר ניט. איר צירונג זיינען אירע קינדער, וועלכע זי וויל זעהן אַלס פיינע, געבילדעטע מענטשען, גוטע, געטרייע, שיינע אידען. יוסף האָט זיך ניט באַנוגענט דער־מיט, וואָס ער האָט געגעבען געלט צו לערנען, נאָר ער האָט גענומען אַ טיפען אינטערעס אין אַלעס וואָס זיי לערנען. ער האָט אימער נאָכגעפאָלגט זייער לערנען. יעדען טאָג גענומען זיך צייט צו פרעגען ביי יעדען וועגען זיין לערנען, און העלפען, ווען זיי האָבען זיך געניימיגט אין זיין הילף. דערצו נאָך האָט ער אָפט געלעזען און פאַרבראַכט מיט די קינדער אין דער אָנוועזענהייט פון דער מוטער.

אזוי איז צווישען די עלטערן און די קינדער אַנטוויקעלט גע־וואָרען אַ גייסטיגער צוזאַמענבונד מיט די שענסטע באַציאונגען פון די קינדער צו די עלטערען. קינדער, וועלכע זעהען, ווי אזוי זייער מוטער פארהייליגט זייער פאָטער, מוזען פון קינדווייז אָן אָנפאַנגען צו רעספּעקטירען זייער פאָטער; און שפּעטער, ווען זיי זיינען עלטער געוואָרען, האָבען זיי אַליין פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פאָטער פארדינט געאַכטעט צו ווערען. און זעהענדיג אימער מיט וואָס פאַר אַ ליבע און טיפער אַכטונג דער פאָטער באַציט זיך צו זייער מוטער, האָט עס געמוזט אַרויסרופען ביי די קינדער אַכטונג צו זייער מוטער.

אין אַלגעמיין זיינען די באַציאונגען פון די קינדער צו די על־טערען געוואָרען פריינדליכע און אָפענהארציגע. איבערהויפּט אויף יוסף'ן האָבען די עלטערע קינדער געקוקט ווי אויף אַ גוטען עלטערען חבר, ווייל ער האָט געקענט אַריינדרינגען אין זייערע נשמות, מיט־פילען זייערע איבערלעבונגען, אויסהערען זייערע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, און ריידען צו זיי פאַרזיכטיג, ניט אָנצוטרעטען זייערע געפילען.

קאַפּיטעל 23.

זיי פאַרלאָזען רוסלאַנד

שוין זיבען יאָר איז יוסף דער פאַרוואַלטער פון שטיינבערג'ס גרויסע געשעפטען. און אומערטערגליכע לאַסט האָט ער אויף זיך גענומען, שווערע קערפּערליכע אַרבייט און איבערמענטשליכע גייסטיגע אָנשטריינגונג צו לערנען גרינטלאַך די אַלע געשעפטען, צו באַרעכטיגען דעם גרויסען צוטרויען פון דעם אייגענטימער און צופרידענשטעלען אַלע מענטשען, מיט וועלכע ער קומט אין באַ־רירונג אין די געשעפטען; און ער איז דאָס אַלעס איבערגעקומען. ער האָט שוין די גרויסע ערפאַרונג אין די געשעפטען, סיי אין דער טעכנישער און סיי אין דער פינאַנציעלער. אַלץ איז איינגעאָרדענט סיסטעמאַטיש. עס טרעפען זיך איצטער אויך שוועריגקייטען, אָבער זיי שרעקען אים ניט ווי פריער. ער קען שטעלען דעם ריכטיגען דיאַגנאָז, און ער ווייס די מיטלען וועלכע צו געברויכען.

אַרבייט ער איצטער ניט שווער. ער האָט צייט אָפּצוגעבען זיך מער מיט געזעלשאַפטליכע אַרבייט, מיט זיך אַליין און מיט זיין פרוי און קינדער. אַלעס איז גוט, ווי ער האָט זיך געוואונשען. טאַקע אוועקגעלייגט פיל מיה און ענערגיע, אָבער דערגרייכט צו וואָס ער האָט געשטרעבט.

און מיטאַמאָל דאַרף ער דאָס אַלעס איבערלאָזען און אַנטלויפען פון רוסלאַנד. ער לויפט ניט זוכען מאַטעריעלע גליקען. ער וויל נאָר פרייהייט, מענטשליכע רעכטע און זיכערהייט מיט'ן לעבען פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

צום ענדע פון נייַנצענטען יאָרהונדערט האָט אין רוסלאַנד גע־נומען פאַרשטאַרקען זיך דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף געגען דעם

טיראנישען צאריזם. ווען דער צאר אלכסנדר דער צווייטער איז געטויטעט געווארען פון די ניהיליסטען, האט זיין זוהן, דער צאר אלכסנדר דער דריטער, זיין גאנצען ברענענדיגען צארן אויסגעגאסען אויף דעם אידענ'ס קאפ. צו הילף איז אים געקומען דער פראקוראר פון הייליגען סינאד, און צוזאמען — די רעגירונג מיט דער קירכע, האבען גענומען אויפהעצען די אומוויסענדע, ארימע, פינסטערע מאסען צו מאכען פאגראמען אויף אידען. אנגעפאנגען האבען זיך די פאגראמען מיט רויבען און פארניכטען אידישע האב און גוטס. שפעטער אבער, אין דער צייט פון ניקאלאי דעם לעצטען, האבען זיך די פאגראמען פארוואנדעלט אין שחיטות. דער ערשטער ספעקטאקעל האט זיך אפגעשפילט אין קעשינאו, אין אנפאנג פון צוואנציגסטען יארהונ־דערט, אין דעם טאג פון דעם קריסטליכען פסח, ווען די קריסט־ליכע וועלט פייערט די אויפלעבונג פון יעזוס'ען, פון אט דעם אידען פון נצרת, ווען די קריסטען רופען „דער פרינץ פון פרידען“, אין אט דעם זעלבען טאג זיינען די קריסטען, ווי ווילדע חיות, באפאלען די אידען אין קעשינאו. קליינע קינדער האט מען צושמעטערט די קעפלאך אן שטיינער, אידישע טעכטער האט מען פארגעוואל־טיגט, און איברים האט מען געשניטען פון לעבעדיגע מענטשען. דאס גאנצע אידישע פאלק איז אויפגעטרייסעלט געווארען, ווי פון א שרעקליכען וואולקאן. אלע זיינען נידערגעשלאגען, מען פילט זיך מאכטלאז און הילפלאז, מען איז ערגעץ ניט זיכער מיט'ן לעבען.

יוסף גייט ארום ווי א משוגע'נער. שרעקליכע נעכט לעבט ער איבער. די בילדער פון קעשינאו זעהט ער פאר זיינע אויגען, ווי ער ווערט נאר אנטדרעמעלט זעהט ער, ווי עס וואלגערען זיך אין גאס טויטע קערפערלאך פון אידישע קינדערלאך. אט לויפען טאטעס מיט אפגעשניטענע אויערען, און אט דערהערט ער די פארצווייפעלטע יאמער־געשרייען פון געפייניגטע אידישע טעכטער; און יוסף פאנגט אן פון שלאף צו שרייען מיט א ווילדען געשריי. דינה וועקט אים, ער כאפט זיך ארויף פון בעט א צומישטער, און לויפט ארום איבער די צימערען פול מיט האס און צארען צו דער גאנצער וועלט און צו זיך אליין

מיט יעדען טאָג ווערט פאַר יוסף'ן דער לעבען אומערטרעגליכער, און אַ גערדאַנק האָט גענומען עגבערען זיין מוח, אז מען מוז פאַרלאָזען רוסלאַנד, און ער באַשליסט צו ריידען וועגען דעם מיט דינה'ן.

— דינה — האָט ער זיך געווענדעט צו איר — הער מיך אויס מיט קאָפּ. באַטראַכט פריער און נאָכהער ענטפער. איך דענק, אז מיר מוזען פאַרלאָזען רוסלאַנד. דאָ שטעלט זיך מיר פאָר פאַר אונז אידען אַ שרעקליכע בילד אין די נעקסטע נאָהענטע יאָרען.

— אַלע מיליאָנען אידען קענען ניט און וועלען ניט לויפען — האָט דינה געזאָגט — וואָס עס וועט זיין מיט אַלעמען, וועט אויך זיין מיט אונז.

— ווער עס האָט מער מוט און זעלבסטווירדע, וועט געוויס אנטלויפען — האָט יוסף געזאָגט מיט זיכערהייט.

— פאַרגעס אָבער ניט, מיט וועלכע שוועריגקייטען עס וועט זיין פאַרבונדען פאַר דיר אָנצופאַנגען אַ נייעם לעבען אין אַ נייעם לאַנד — האָט דינה געזאָגט — ווי אַזוי קענסטו איבערלאָזען אַזאַ שטעלע, אַזאַ שיינע לאַגע אין געזעלשאַפט, און ווערען אַ נייגעבאָרענער אין אַ פרעמדער וועלט.

— דאָס אַלעס קען מיך ניט אָפּהאַלטען — זאָגט יוסף — ווייל אונזער פאָרען דאַרף זיין איבערהויפּט צוליב אונזערע קינדער. זאָלען זיי געניסען פון אַ פרייען לעבען.

— און וואוהין וואָלסטו וועלען פאָרען? — פרעגט דינה.

— מיין נשמה און מיין הארץ ציען מיר קיין פּאַלעסטינע — זאָגט יוסף — צו העלפען בויען אונזער היים, צו לעבען אין אַ אידישער אַטמאָספערע און צו געניסען אין דער ווירקליכקייט פון מיינע זיסע טרוימען.

— נאַר זיך ניט — זאָגט דינה. — פּאַלעסטינע פאָדערט פּיאָנערען, יונגע, געזונטע, פיזיש פּיאָנגע מענטשען צו אַרבייטען און צו קעמפען געגען אַלע שוועריגקייטען. דו מיט דיין שוואַכען געזונט, מיט אונזערע יונגע קינדער, קענען נאַר פאַלען דאָרט אַלס קרבנות אָהן נוצען.

יוסף האָט זיך פאַרטראַכט, און ענדליך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— פיליכט ביזטו גערעכט. דאַן דאַרפֿען מיר באַשליסען צו פֿאָרען קיין אַמעריקע.

— קיין אַמעריקע? — פרעגט דינה פאַרוואונדערט — וואָס וועסטו טאָן אין אַמעריקע? גענוג האָבען מיר געליטענט און גע־הערט וועגען דעם לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען, וואָס קומען קיין אַמעריקע. וועסטו קענען אָנפאַנגען פון פעדלעריי? ווערען אַ ראַזנאָשטשיק, אַרומשלעפּען זיך מיט אַ פּאַק וואַרע און קלאַפּען אין די טירען, אַזוי ווי עס האָבען אָנגעפאַנגען פילע פון די אַמערי־קאַנער מיליאָנערען?

— ניין — זאָגט יוסף — קיין פעדלער וועל איך ניט ווערען, און קיין מיליאָנער וויל איך ניט ווערען.

— נו, וואָס דען? — פרעגט דינה — גיין אַרבייטען אין אַ פאַבריק?

— מיר וועלען קויפען אַ פאַרם — ענטפערט יוסף — און מיר וועלען זיך לעבען אַ שטילען, רואיגען, אָרענטליכען לעבען.

— ווייסטו וואָס, יוסף — זאָגט דינה געלאַסען. — לאָמיר זיך נעמען צייט צו באַטראַכטען די פראַגע. דערווייל שרייב צו דיינע פריינט קיין אַמעריקע. פרעג זייער עצה.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך גענומען אַלץ מער פאַרשפּרייטען. פּאָגראָמען אויף אידען. פויערים פאַרבאַפּען לאַנד ביי די רייכע גוטסבאַזיצער, אַרבייטער אין די פאַבריקען וואַרפען די אַרבייט. די רעגירונג ווענדעט אָן אַלע אינקוויזיטאָרישע מיטלען צו דערשטיקען די רעוואָלוציע. די געפענגנישען זענען איבערפילט מיט מענטשען, גאַנצע דערפער פויערים שמייסט מען, אַרבייטער שיסט מען אין די גאַסען. דאָס העלפט אָבער ניט, די באַוועגונג וואַקסט. און די אידישע יוגענט נעמט אַ טיכטיגען אַנטייל, נאָך מער איידער פריער. דער צאַר האָט געוואָלט מיט אידישע בלוט לעשען דעם פייער פון דער רעוואָלוציע. בלוט איז אָבער ניט קיין וואַסער. דאָס בלוט איז געווען ווי אויל אויף אַ פייער. די פלאַמען האָבען זיך נאָך מער פאַרשפּרייט. אונזער יוגענט איז פון די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען, אַגיטאַטאָרען און דורכפירער פון די געפער־

ליכסטע טאַטען. זיי זיינען די איבערגעבענסטע טרעגער פון דער אידייע. פול מיט מוט, אָהן שרעק, גרייט אויף אַלעס, גייען זיי אויף דעם בלוטיגען וועג, וואו טויזענטער קרבנות פאַלען. די פּאָ־ליציי נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון דער אידישער יוגענט. פאַר דעם קלענסטען פאַרדאַכט וואַרפט מען אַריין אין געפענגעניש, אָדער מען שמייסט.

איינמאָל, ווען יוסף איז געווען אין דער שטאָט נ., האָט די פּאָליציי ענטדעקט אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון אידישע יונגעליים און מיידלאַך. האָבען די הויכע באַאַמטע באַשלאָסען צו באַשטראָ־פען די יוגענט אַזוי, אַז אַלע זאָלען הערען, און דאָס זאָל אַנוואַרפען אַ שרעק, אַז מען זאָל מער ניט וועלען מישען זיך אין דער רעוואָ־לוציע. האָט מען די אַלע יונגע מענטשען פון דער פאַרזאַמלונג אין מיטען נאַכט געבראַכט אין דעם הויף פון דער פּאָליציי. דער גובערנאַטאָר מיט די אַנדערע הויכע באַאַמטע זיינען אַנוועזענד געווען, און סאָלדאַטען האָבען מיט ריטער געשמיסען אויפ'ן הוילען לייב מענער און פרויען. די שרעקליכע געשרייען פון די געפּייניגטע האָבען אין די אַרומיגע גאַסען אַלעמען אויפגעוועקט פון שלאָף. יוסף האָט דערהערט די ווילדע געשרייען, וועלכע האָבען זיך צו־טראָגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. ער לויפט צום פענ־סטער. עס דערטראָגען זיך פון ווייטען שרעקליכע פרויען־געשרייען. ערגעץ ווייט קלינגט אָפּ דער עכאָ פון דעם מאַרטירער־געשריי. די גאַנצע וועלט ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ יאָמער־טאָל. יוסף לויפט אַרויס פון האָטעל אין דרויסען. ער טרעפט דאָרט צושראָקענע מענטשען. פּאָליציי־באַאַמטע גייען אַרום און פאָרען אַרום איבער די גאַסען. מען פרעגט איינעם פון זיי, וואָס קומט דאָרט פאָר, און ער דערציילט, אַז דאָס גיט מען אַ לעקציע די יונגע „זשידעס". אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדען אין יוסף'ס קאָפּ. דער מוח ברענט, דאָס האַרץ האַמערט, די אויגען ברייט צועפענט, און ער זעהט גאָר ניט. צוריק אין האָטעל האָט מען אים אַריינגעפירט באַוואוסט־לאָז. אויף מאָרגען פרי האָט מען דערציילט, אַז פילע פון די געפּייניגטע ליגען האַלב טויטע אין האָספּיטאַל, און איניגע מיידלאַך זיינען געווירט פון זינען.

צובראָכען, אויפגערעגט, נערוועז, איז יוסף אהיים געקומען. דינה האָט זיך דערשראָקען, דערזעהענדיג אים. ער דערציילט איר וואָס עס האָט געטראָפען. דינה הערט און וויינט ביטער, און יוסף טוט א זאָג פאַרצווייפעלט:

— מיט וואָס זיינען מיר זיכער, אז דאָס וועט ניט טרעפען מיט אונזערע קינדער?

יוסף בלייבט שטיל, קוקט אויף דינה'ן, און וואַרט, אז זי זאָל אָנפאַנגען ריידען וועגען פאָרען קיין אַמעריקע. דינה פאַרשטייט וואָס עס מיינט. זי וויל געוויס פאַרהיטען אירע קינדער, אָבער זי קען ביי זיך ניט רעכט מאַכען אוועקצוואַרפען אַזאַ שטעלע, אַזאַ שיינעם צושטאַנד, און לאָזען זיך וואַנדרעווען אין אַ פרעמדען לאַנד. אַ קאַמף קומט פאַר אין איר. יוסף פאַרשטייט און לאָזט זי איצטער צורו. ער גיט אָבער ניט אויף דעם געדאַנק, און פאַנגט אָן צו לערנען די ענגלישע שפּראַך.

יוסף האָט ערהאַלטען פון אמעריקע ענטפערס אויף זיינע בריוו. אַלע ראַטען אים צו קומען. זיי גלויבען, אז ער וועט געפינען וואָס צו טאָן, און פאַר די קינדער איז געוויס אַ בעסערע צוקונפט אין אַמע־ריקע. די בריף האָבען ערמוטיגט דינה'ן. איינינע מאָל האָבען זיי ביידע, יוסף מיט דינה'ן, אַרומגערעדט די פראַגע, און ביידע האָבען איינגעשטימט, אז מען מוז וואָס גיכער פאַרלאָזען רוס־לאַנד.

יוסף האָט באַלד אָנגעשריבען שטיינבערג'ן וועגען דעם באַ־שלוס. שטיינבערג איז גלייך געקומען, און גענומען איינריידען יוספ'ן, אז ער זאָל אויפגעבען דעם געדאַנק.

— ניט פאַר אייך איז אַמעריקע — האָט שטיינבערג געזאָגט — איר זייט צופיל אידעאַליסט פאַר דער אַמעריקאַנער „ביזנעס וועלט". פאַרבלייבט דאָ. אין אונזערע געשעפטען האָב איך אַריינגעלעגט געלט, און איר — אַרבייט, וועט איר פון איצטער אָן זיין אַ שותף אין געשעפט. וואָס עס וועט זיין מיט אַלע אידען, וועט אויך זיין מיט אונז. מען האָפט דאָך, אז עס וועלען קומען בע־סערע צייטען. מיר לעבען דאָך פאַרט אין צוואַנציגסטען יאָרהונ־דערט. עס מוזען קומען גרויסע ענדערונגען.

— איך גלויב אויך, אַז עס וועלען קומען ענדערונגען — האָט יוסף געזאָגט — אָבער מיר אידען וועלען זעהר טייער באַצאָלען דערפאַר. וואָס עס זאָל ניט טרעפען, וועלען מיר זיין דער שעיר לעזאזל. איך בין פעסט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען רוסלאַנד. אונזערע געשעפטען לאָז איך איבער אין דער בעסטער אָרדענונג. איך ווינש אייך גליק, און דאַנק אייך פאַר אייערע פריינטליכע באַציאונגען צו מיר.

— דערפאַר קומט מיר ניט קיין דאַנק — האָט שטיינבערג געזאָגט — איך פאַרליר ניט נאָר אַ גוטען פאַרוואַלטער, נאָר איך פאַרליר אויך מיין בעסטען פריינט — האָט שטיינבערג פאַרענדיגט מיט טרערען אין די אויגען.

די סיגנאַלען האָבען זיך צוגעגרייט אין דעם וויטען וועג. געקומען דער טאָג פון אוועקפאָרען. די הויז איז אַ גאַנצען טאָג פול מיט מענטשען, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, מען געזעגענט זיך און מען וויינט. דער שטאָלצער שטיינבערג וויינט אויך. הארציג זעגענט ער זיך מיט יוסף'ן און מיט דער געזינד. ער דערלאַנגט יוסף'ן טויזענט רובעל און זאָגט:

— דאָס זאָל אייך זיין אויף דער רייזע. אייער געלט זאָל אייך בלייבען פאַר אמעריקע.

די לעצטע צו זעגענען זיך זיינען געווען די עלטערע קינדער פון דער תלמוד תורה מיט זייערע לערער. איינציגווייז פאַלען די קינדער אויף יוסף'ס האַלדז, קושען אים און וויינען, און פון די טיפעניש פון זייערע קינדערשע הערצעלאַך ווינשען זיי אים אַ גליקליכע רייזע.

יוסף קושט יעדען קינד און וויינט ביטער, טראַכטענדיג: „גאָט וויים, אויב איך וועל דאָרט האָבען אַ מעגליכקייט צו טאָן עפּעס פאַר אזעלכע קינדער“.

אויפ'ן וואָקזאַל זיינען געווען די נאָהענטסטע גוטע פריינט. זיי ווילען נאָך אמאָל זעגענען זיך. ווען מען איז אַרויפגעפאַלען איינער דעם צווייטען אויפן האַלדז האָט מען זיך ניט געקענט צושיידען. די טרערען פון ביידענס אויגען האָבען זיך צוזאַמענגעמישט און געבריט די האַרץ און די נשמה. ווען דער צוג האָט

זיך גערירט פון אָרט זיינען איינינע, ווי די משוגעים, געלאָפען נאָכ'ן צוג און געשריען: „וואָס פאַרלאָזטע אונז?" ווי שפּיזען אין יוספ'ס הארץ האָבען געשטאָכען די ווערטער „וואָס פאַרלאָזטו אונז", און ער פילט, אַז ניט אינגאַנצען פאַרלאָזט ער זיי — זיין הארץ און זיין נשמה בלייבט פאַרבונדען מיט זיי.

די גאַנצע פאַמיליע איז אַוועקגעפאָרען צו דינה'ס עלטערען. יוספ'ס עלטערען זיינען שוין געשטאָרבען. די אדלער'ס, דינה'ס עלטערען, זיינען שוין עלטערע מענטשען. זייער ליבלינג דער איידעם, זייער גוטע טאָכטער און די בריליאַנטענע זעקס אייניקלאך זיינען געקומען זעגענען זיך אויף אייביג. טייכען טרערען זיינען פאַרגאָסען געוואָרען; און אין לעצטען מאָמענט, ווען יוסף מיט דער פאַמיליע זיינען שוין געזעסען אויף די פורען צו פאָרען צום באַהן, און אַלע גוטע פריינט זיינען געשטאַנען אַרום און געקלאָגט ווי צו אַ לויה, זיינען דינה'ס עלטערען געבליבען שטיין שטיל, אָנגעשפּאַרט איינער אָן צווייטען, די פּנים'ער ווי ביי טויטע, באַוועגלאָז ווי אַ שטיינערנער מאָנומענט פון צוויי מענטשען צוזאַמענגעגאָסען. קיין וואָרט, קיין טרער — נאָר פיר אויגען, ברייט צועפענט, קוקען אויף די פורען, וועלכע פירען אַוועק אַלעס וואָס איז ליב און טייער פאַר זיי. דאָס בילד האָט זיך איינגעקריצט אין יוספ'ס מוח, און האָט אים אַ לאַנגע צייט פאַרפאָלגט.

דריטער טייל

דער גרינער אידעאַליסט אין אַמעריקא

דריטער טייל.

דער גרינער אידעאַליסט אין אַמעריקא

קאַפּיטעל 24.

ווער איז אָט דער גרינער?

די סיגעלס זיינען אָנגעקומען צום ניו יאָרקער האַפען נאָך אין יענע גוטע צייטען, ווען די טויערען פון דעם פרייען לאַנד זיינען געווען אָפען פאַר אַלעמען. די באַאַמטע פון האַפען האָבען נאָר אונטערזוכט די אימיגראַנטען, אויב זיי זיינען געזונט, און מען האָט זיי געפרעגט, אויב זיי האָבען אַביסעל געלט. ווען די סיגעלס זיינען דורכגעגאַנגען דעם עקזאַמען, און געוויזען אַן אָנצייגונג אויף דריי טויזענד דאָלאַר, האָט דער באַאַמטער אַ זאָג געטאָן: „מיר וואָלטען וועלען האָבען מער אַזעלכע אימיגראַנטען“.

יעדער אימיגראַנט, אָהן אונטערשייד ווער ער איז און וואָס ער האָט געטאָן אין דער אַלטער היים, ווען ער קומט אריין קיין אַמעריקע, רופט מען אים „גרינער“; און ביז מען גרינט זיך אויס, ווערט יעדערער גוט פאַרשוואַרצט — ווער ווייניגער און ווער מער.

פאַר דעם גרינעם עפענט זיך אַ נייע וועלט, אַ וועלט מיט נייע באַגריפען, מיט אַן אַנדער וועלט־אַנשויאונג און גאַנץ אַנדערע אויפפירונגען; אַ לאַנד, וועלכע איז אין פיל הינזיכטען פרייער פון פיל אַנדערע לענדער; אַ לאַנד, וועלכע גיט מעגליכקייטען און געלעגענהייטען צו ווערען רייך; און אָט צו דעם לאַנד דאַרף מען זיך צופּאַסען אויסערליך און אינערליך. דאָ צושיידען זיך די גרינע אין פיר קלאַסען:

צום ערשטען קלאַס באַלאַנגען ווייניג מענטשען, וועלכע בלייבען איינגעשפּאַרט — זיי ווילען זיך ניט ענדערען אין קיין זאַך. זיי בלייבען לעבען זייער אייגענעם אַרט לעבען, און זיי בלייבען

אינגאַנצען פרעמד ניט נאָר צו דער ארומיגער וועלט, נאָר אויך צו זייערע אייגענע קינדער, וועלכע ווערען אַמעריקאַניזירט.

צום צווייטען קלאַס געהערען די מערסטע, וועלכע פאַנגען אָן שנעל צופּאַסען זיך סיי אויסערליך און סיי אינערליך. מען ווערט אינגאַנצען אַן אַנדער מענטש. גאָר ניט צו דערקענען. די, וואָס זיינען אין דער אַלטער היים געווען פרום, וואַרפען פון זיך אַראָפּ אינגאַנצען זייערע רעליגיעזע פליכטען. ניטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב. מען טרעט אויף אַלעס, וואָס פריער איז הייליג געווען. און די, וואָס האָבען אין דער אַלטער היים גערעכענט זיך פאַר אידעאַליסטען, פאַר סאָציאַליסטען, ווערען דאָ עקספּלואַטאַטאָרען מיט אַלע קאַפּיטאַליסטען צוגלייך. און די אַלע קומט אָן די ענדערונג ניט שווער, ווייל דאָס זיינען מענטשען אָהן טיפע איבער־צייגונגען, מענטשען, וועלכע לאָזען זיך גרינג בויגען וואוהין דער ווינט בלאָזט.

צו דעם דריטען קלאַס באַלאַנגען מענשען, ביי וועלכע זייערע באַגריפען און זייערע געוואוינהייטען זיינען שטאַרקער איינגע־וואָרצעלט; אָבער זיי פעלט די גייסטיגע ווידערשטאַנדס־קראַפט צו באַקעמפען די רייצונג פון דער ארומיגער וועלט. זיי פאַנגען אָן ביסלאַכווייז צו בויגען זיך, ביז זיי ווערען אינגאַנצען צובראָ־כען, און זיי בלייבען גייסטיג צובראָכען אינגאַנצען זייער לעבען.

צו דעם פערטען קלאַס געהערען פּרינציפּיעלע מענטשען, וועלכע ווילען ניט און קענען ניט ברעכען זיך. זיי אַמעריקאַניזירען זיך אין דעם בעסערען זינען פון דעם וואָרט. זיי ווערען גוטע, ניצליכע בירגער פון לאַנד, זיי נוצען אויס די אַמעריקאַנער געלעגענהייטען און מעגליכקייטען, אויב דאָס איז ניט געגען זייערע פּרינציפּען און זייער וועלט־אַנשויאונג.

ווען יוסף איז אַראָפּ פון שיף צווישען די טויזענטע אַנדערע אימיגראַנטען, האָט דער גוטער באָאָבאַכטער געקענט באַמערקען, אַז יוסף איז אַנדערש פון די מערסטע, און ער האָט זיך געפרעגט: „וועלר איז אָט דער גרינער?“

מיין ליבער באַאָבאַכטער! איך וועל דיר צופרידענשטעלען דיין נייגעריגקייט. איך וועל דיר דערציילען ווער יוסף איז. ער איז אַ מאָדערנער איד מיט אַ גאַנצער נשמה. אַ געטרייער זוהן פון זיין פאָלק, און אַ גוטער מיטגליד אין דער מענטשהייט. ניט נאָר פון דער אידישער לערע האָט ער געשעפּט דאָס שענסטע און בעסטע, נאָר אויך פון די גייסטיגע שאַפונגען, וואָס אַנדערע פעלקער האָבען געשאַפען, האָט ער אַנגעקליבען דאָס בעסטע און באַרייכערט זיין גייסטיגען אוצר, און ניט נאָר פון ביכער האָט ער געלערענט, נאָר אויך פון דעם אַלטעגליכען לעבען האָט ער געלערענט. ניט נאָר אין דער ביסעל וועלטליכער פרייד האָט ער אַנטייל גענומען, נאָר ער האָט אימער געזוכט אויך דעם טרויער פון לעבען, און טיף אין זיין נשמה האָט זיך איינגעוואָרצעלט דער גרויסער וועלט־צער.

ווען זיין נשמה האָט אין העכערע וועלטען געשוועבט, איז ער דאָרט ניט פאַר׳חלומ׳ט געוואָרען, ווי אַנדערע, וועלכע רייסען זיך אָפּ פון דער וועלט. ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער ערד, טראַגענדיג מיט זיך עטוואָס העכערס אין זיין נשמה. און ווען ער איז געצוואונגען געווען אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אַראָפּלאָזען זיך אין די טיפענישען פון לעבענס־ים, וואו פילענדע מענטשען ווערען אָפט צובראָכען, אַנטוישט און פעסימיסטיש, איז ער פון דאָרט אויך אַרויס גאַנץ, נאָך באַרייכערט מיט געפילען פון מיט־לייד און ליבע צו אַלע מענטשען, און מיט שטרעבונגען צו העלפען.

ער האָט זעהר ליב געהאַט געזעלשאַפט, און געשאַפען האָט ער זיך איבערגעגעבענע פריינט, וועמעס אַנוועזענהייט האָט אים פאַרשאַפט דעם גרעסטען פאַרגעניגען, אָבער אַמאָל פלעגט ער פאַרבענקען זיך נאָך איינזאַמקייט, פלעגט ער פאַרבלייבען אַליין, און גריבלען זיך אין זיין נשמה, אונטערפירען אַ רעכענונג צווישען אים און דער וועלט: ער דאַרף נאָך עפּעס טאָן פאַר אַנדערע.

אויסגעאַרבייט האָט ער זיינע פּרינציפּען אַלס אַ מענטש און אַלס אַ איד. דער מענטש און דער איד אין אים זיינען קיינמאָל ניט געקומען צו קיינע קאָנפליקטען. אָרענטליכקייט, ערנסטקייט און ווארהאַפטיגקייט זיינען דער פונדאַמענט פון זיין וועלט־אַנשוי־

אונג. צו ווערען רייך האָט ער קיינמאָל ניט געהאט קיין פאר־לאנג, ערשטענס, ,ווייל צו באקומען רייכטום מוז מען זיך באנוצען מיט מיטלען, וואָס זיינען געגען זיינע פרינציפּען; און צווייטענס, ווייל רייכטום פארדארבט דעם מענטשען.

זעקס־און־פערציג יאָר האָט ער געלעבט אין דער אַלטער וועלט. פארשיידענע ציימען געהאט, און קיינמאָל ניט געטאָן קיין זאך, וואָס זאָל זיין געגען זיינע פרינציפּען, און היינט לאָמיר זעהן, וואָס וועט פון אים ווערען אין אמעריקע.

קאפיטעל 25.

די ערשטע איינדרוקען אין אמעריקע.

יוסף׳ם ברודער, וועלכער איז שוין צוואנציג יאָר אין אמע־ריקע, האָט זיי באגעגענט ביים שיף און איינגעלאדען צו זיך. ער האָט זיי אריינגעפירט אין דעם אידישען געדיכט־באפעלקערטען טייל פון שטאָט, וואו ער, ,דער ברודער, האָט געהאט א שוך־סטאָר (קראָם), און הינטערן סטאָר האָט ער זיין וואוינונג פון דריי צי־מערען אין דער לענג. אין דעם ערשטען צימער שיינט אריין עטוואָס ליכטיגקייט פון סטאָר, דער לעצטער צימער געניסט אבי־סעל ליכטיגקייט, וואָס קומט אריין דורך א שפאלט צווישען צוויי הויכע הייזער, און דער מיטעלסטער צימער אינגאנצען פינסטער, און דאָס איז א וואוינונג פאר א פאמיליע פון אכט מענטשען. זעלבסטפארשטענדליך, אז אין אזא וואוינונג איז די ריינליכקייט א צוויטפעלהאפטע. די זויבערע דינה האָט דערפילט אן עקעל, און יוסף׳ן איז זויער געוואָרען אויפ׳ן הארצען.

אָפגעגעסען, איז מען אוועק באזוכען יוסף׳ם שוועסטער און אנדערע פריינט. אומעטום געפונען איינגשאפט, און אלע זעהען אויס מיד, אויסגעמאטערט פון שווערער ארבייט. די ערשטע נאכט אין אמעריקע איבערגענעכטיגט אין איינגשאפט. ניט געשלאָפען די גאנצע נאכט. אלעס, וואָס יוסף האָט געזעהן דעם ערשטען טאָג, האָט אויף אים געמאכט א שווערען איינדרוק. אויף מאָרגען פרי איז יוסף מיט׳ן ברודער ארויסגעגאנגען זוכען א וואוינונג. אין די גאסען פון ביידע זייטען שטייען וועגעלאך (פושקארדס) מיט פארשיידענע ארטיקלען. די פארקויפער שרייען אויס מיט ווילדע קולות דעם נאָמען פון זייער ווארע און דעם פרייז. די ווייבער, די קויפער, שלעפען אוןווארפען ווארע און דינגען זיך. אין מיטען גאס שטופט איינער א וועגעלע, און מיט זיין באסאָווער

שטימע שרייט ער אלעמען אריבער, אויסרופענדיג זיין ווארע מיט א מעלאדיע פון עפעס א אידיש לידעל. און אט שטייט נעבען א פושקארד אן עלטערער איד מיט א שיינעם איידעלען פאר־חושב'טען פנים. א פיינליכער אומעט דריקען אוים זיינע טיף־איינגעפאלענע אויגען. ער שטייט שטיל. ער מוז טראכטען וועגען זיין פארגאנגענהייט, פון דער אלטער היים, וואו ער האט געשפילט א ראליע פון א שיינעם בעל־הבית. יוסף קוקט אויף דעם אלטען מיט א טיפען געפיל פון מיטלייד, און פלוצלונג דערהערט ער א הילכיגען אויסרוף: „וואַרימע געבאַקטע פּאַטייטאָס!" יוסף דער־זעהט א הויכען אידען מיט א לאנגער בארד, דער פנים שווארץ ווי ביי א קוימען־קערער. ער שטופּט א וועגעלע, פון וועלכען עס שפּארט א רויך. אויף דעם וועגעלע הייצט זיך א בלעכענע אויוועלע, וואו עס באַקען זיך פּאַטייטאָס. „א קלוגע אידישע אמע־ריקאנער ערפינדונג, א נייער קוואל פון פרנסה", טראכט יוסף מיט א ביטערקייט אין הארצען. זיין פארטראַכטקייט האט איבער־געריסען א שוואכע שטימע. ער הערט ווערטער פון א מויל אהן ציין: „אידען, גיט עפעס צו לייזען" — און ער דערזעהט אויף א קליין קעסטעלע, נאהענט צו דער ערד, זיצט איינגעבויגען א פרוי פון א יאר זיבעציג. דער פנים צוקנייטשט, געל ווי וואַקס, די אויגען אויסגעלאשען, און די הענט טרייסלען זיך. אויף דער ערד אויף א שמאטע איז צולעגט איהר ווארע: „שוועבעלאך, נאָד־לען, קנעפּלאך און העקלאך. „איז זי דען אזא עלענדע — טראכט יוסף — האט זי דען ניט קיין איין קינד?" יוסף קויפט ביי איהר פון אלע איהרע סחורות, וועלכע ער דארף ניט, און גייט אוועק מיט טרערען אין די אויגען.

יוסף בעט דעם ברודער, אז מען זאל זוכען א דירה אין א שטילערער און שענערער געגענט. איז מען געפארען איבער א וואסער, געקומען אין א ריינער גאס, וואו מען האט געדונגען א דירה פון פינף צימערען און אלע ליכטיגע. א גאנץ שיינע דירה, נאר ווען מען האט געבראכט דעם באגאזש פון דער שיף איז ענג געוואָרען. די ביבליאָטעק אליין פארנעמט א האלבען צימער. הייננט די גרויסע קאסטענס געפּאקט מיט וועש און מיט די בעסטע לינען,

און די פּעק בעטגעוואַנט, קישענס מיט פּערענעס, וואָס וועט זיין געגוג פאַר קינדס־קינדער. היינט די קליידער, זומערדיגע מיט ווינ־טערדיגע, מיט מאַנטלען פון פוטערוואַרג. אפילו די געשיר האָט מען געבראַכט. אין אַלע צימערען איז ניט געבליבען קיין פּלאַץ וואו א קער צו טאָן זיך. בעטלאך פאַר יעדען קינד איז ניטאָ וואו צו שטעלען. שלאָפען צוויי מיידלאך אין איין בעט אין זייער שלאָף־צימער, און נעבען זיי די דריטע טאָכטער שלאָפט אויף א קאַסטען. איין זוהן שלאָפט אין עס־צימער אויף בענקלאך, דער צווייטער אין קיך אויף אַ קאַסטען, און דער קלענסטער זוהן האָט אויסגעפונען, אז דער באַקוועמליכסטער פּלאַץ, וואו ער קען זיך צולעגען ווי אַ באַראָן, איז אונטער'ן טיש. די קינדער צווישען זיך וויצלען זיך. דינה העלפט יעדערען שמייכלענדיג. וואָס ביי איר טוט זיך אין הארצען וויים קיינער ניט. אָבער אויף יוספ'ן קען מען דערקענען, אז ביי אים איז אויפ'ן הארצען ניט גאָר פרייליג.

קאַפּיטעל 26.

די קינדער זיינען שוין באַשעפטיגט.

אזוי זיינען די גרינע געוואָרען ניו יאָרקער איינוואוינער. דאָס ערשטע האָבען די גוטע פריינט גענומען פאַרזאָרגען יוספ'ס קינדער. פאַר די יונגע קען מען גרינגער געפינען וואָס צו טאָן, איידער פאַר אָן עלטערען מענטשען. פאַר דעם עלטערען זוהן, וואָס האָט געשטודירט אויף אינזשינער, האָט מען געפונען אַ שטעלע אין אַ פעקטאָרי פון קינדערשע קליידער. מען האָט פון אים ניט געפאָדערט קיינע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען און ניט קיין פּלענער, נאָר גאַנץ איינפאַך — מען בינדט צונויף אַ גאַנץ גרויסען פּאַק מיט די קינדערשע קליידער, מען לעגט עס אַרויף אויף זיין אַקסעל, און מען הייסט אַוועקטראָגען אין אַ סטאָר פאַר פופצען אָדער צוואַנציג בלאָק ווייט. ער באַקומט פיר דאָלאר אַ וואָך. אזוי האָט מען פאַר־זאָרגט דעם אינזשינער. טאַקע אַ שווערליכע אַרבייט, אָבער אַ ריינע. דערפאַר האָט שוין דער צווייטער זוהן ווייניגער גליק געהאַט. ער האָט ליב צו גיין שיין און ריין געקליידעט, און זעהט אויס מער ווי אַ שיינע אויסגעפוצטע מיידעל. דאַרף אים גראד גאָט העלפען, אַז מען האָט פאַר אים געפונען אַ שטעלע ביי אַ בילדער, דאָס הייסט, אַזאַ וואָס בויט הייזער פאַר אַנדערע, און אונזער גרינער פראַנט איז געוואָרען אַן אויסהעלפער ביי דעם מאַן, וואָס צופירט מיט אַ פערד און וואָגען די פאַרשיידענע בלעכענע און אייזערנע טיילען, וואָס מען דאַרף צו די געביידען. איז מען מכבד דעם יונגען חברה'מאַן שלעפּען פון קעלער שטיקער געפּרעסטע בלעך צוליב קאַרניזען, און לאַנגע אייזערנע רערען. דאָס אַלעס דאַרף מען הויבען און לעגען אויפ'ן וואָגען, און נאכהער שלעפּען פון וואָגען. מילא, די שווערקייט וואָלט ער שוין אָנגענומען פאַר ליב, אָבער ער קען ניט ליידען, וואָס ער מוז גיין אָנגעטאָן אין שמאַטעס און זיין אימער אויסגעשמירט ווי אַ טייוועל. ער באַקומט דריי דאָלאר אַ וואָך. דער קלענסטער זון, אַ דרייצען יאָריגער אינגעל,

גייט אין פּובליק סקול, און נאָכ'ן סקול טראָגט ער ארום צייטונגען פאַרקויפען. ער האָט אויסגעפונען פון זיינע חברים אין סקול, אז דאָס איז אַ גוטע פּרנסה. האָט ער גענומען ביי דעם טאַטען געלט און אָנגעפאַנגען דעם געשעפט. ער שפּאַרט אָן אין אַלע גרויסע אידישע רעסטאָראַנען. צווישען די אינגלאַך, וואָס צוטראָגען די צייטונגען, איז ער דער אריסטאָקראַט, סיי מיט זיין קליידונג און סיי מיט זיינע מאַנערען און שטאָלץ; און דערפאַר טוט ער זייער גוטע געשעפטען. ער פאַרדינט מער פון די עלטערע ברידער, וועלכע ארבייטען אזוי שווער. פאַר דער עלטערער טאָכטער, מיט אַ דיפּלאָם פון אַ רוסישער לערערין, וואָס קען אויך גוט העברעאיש, האָט מען געפונען ארבייט ביי לעדערנע בייטעלאך. זיצט זי אַ גאַנצען טאָג אין אַ האַלב־פינסטערער פעקטאָרי און ארבייט פאַר דריי דאָלאַר אַ וואָך. די צווייטע טאָכטער, אַ יונגע, שיינע, ווי אַ בליענדע רויז, האָט מען אריינגעשפּאַרט אין אַ שאַפּ אָהן לופט און אָהן ליכט, וואו מען נייט פרויען־קליידער, און זי באַקומט צוויי דאָלאַר אַ וואָך. די קלענסטע טאָכטער, די מיזינקע, גייט אין סקול, און יוסף אַליין זעצט פאַר צו לערנען די ענגלישע שפּראַך. ער פאַרשטייט ניט ווי מענטשען קענען לעבען אין אַ לאַנד און ניט קענען די לאַנד־שפּראַך.

קאַפּיטעל 27.

פריינט זוכען אַ געשעפט פאַר דעם גרינעם.

יוספ׳ס ברודער מיט איניגע גוטע פריינט, צווישען זיי אַ דאָקטאָר, זיינען געקומען צו יוספ׳ן באַראַטען זיך, וואָס יוסף זאָל טאָן.

— איך וואָלט וועלען קויפען אַ פאַרם — זאָגט יוסף — איך בין געקומען קיין אַמעריקע ניט צו זוכען רייכטום און לוקסוס, איך וויל לעבען אַ שטילען רוהיגען לעבען, און פאַרדינען אָרענטליך מיין שטיקעל ברויט.

— שטילקייט קענסטו דאָרט געפינען — האָט איינער פון די פריינט אַ זאָג געטאָן סאַרקאַסטיש — אָבער וועגען רואיגקייט איז אַ פראַגע ,ווי קען מען זיין רואיג, ווען מען האָט ניט דעם שטיקעל ברויט ?

יעדערער פון די אָנוועזענדע האָט גענומען דערציילען טרויעריגע געשיכטעס וועגען זייערע פריינט און באַקאַנטע, וועלכע האָבען געקויפט פאַרמס, אָנגעליטען זיך דאָרט גענוג צרות און געקומען צוריק אין שטאָט.

— מיין מיינונג איז — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — אַז דו דאַרפסט פריער גוט באַקענען זיך מיט׳ן לאַנד, קענען די שפּראַך און לערנען די באַדינגונגען און צושטאַנד אין פאַרמעריי ; און דאַן, אויב דו ועסט עס געפינען פאַר ראַטזאַם, וועסטו קויפען אַ פאַרם. דערווייל דאַרפסטו טאָן עפּעס אַן אַנדער זאַך.

— איך דענק, אַז דער דאָקטאָר איז גערעכט — האָט זיך אָפּגערופען דינה. — דו האָסט דאָך פיינט צו טאָן אַ זאַך בלינדערהייט. לאָמיר זיך פריער „אויסגרינען“ און דערנאָך וועסטו ווערען אַן אַמעריקאַנער גוטסבאַזיצער — האָט פאַרענדיגט דינה מיט אַ שמייכעל.

— איך וואָלט זאָגען — האָט געזאָגט יוספ׳ס ברודער, אַז ער זאָל קויפען אַ הויז, און פון די איינקינפטע זאָל ער לעבען.

— יוסף, ניט אויפגעבענדיג די האַפענונג צו ווערען אַ פּאָר־מער, האָט איינגעשטימט.

מען האָט געלאַזט וויסען אַ פּאָר איידזשענטס, אַז דער גרינער וויל קויפען אַ הויז, איז מען אים באַפאַלען ווי די היישעריקען. מען שלעפּט אים אַרום און מען ווייזט אים הייזער. גייט ער זיך אַזוי אין גאַס, און דערזעט ווי נעבען זייט פון גאַס איז אָנגעוואָרפען אַ באַרג מיט שמוציגע בעטגעוואַנט, אַלטע צוריסענע קליידער, צו־בראָכענע מעבעל און געשיר, און אויף אַ באַנק זיצט אַ פרוי, אַרום איר שטייען עטליכע קינדערלאַך, און נעבען איר שטייט אַ שיסעלע, און פאַרבייגייער וואַרפען אין שיסעלע זייערע נדבות. יוסף פרעגט דעם איידזשענט:

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז אַ געוויינליכע ערשיינונג — זאָגט דער אייד־זשענט — אַז מען צאָלט ניט קיין רענט, וואַרפט מען אַרויס אין גאַס. דאָס געריכט באַשיצט און פאַרהיט די אייגענטימער פון די הייזער.

יוסף וואַרפט אַריין אין שיסעלע אַ זילבערנע מטבע, און שעמט זיך צוקוקען דער פרוי אין די אויגען.

אין אָוועגט האָבען זיך ווייטער צונויפגעקליבען יוסף'ס ראַט־געבער, און יוסף דערציילט מיט אַ פאַרביטערטקייט וועגען דער אַרויסגעוואָרפענער פאַמיליע, וואָס ער האָט געזעהן.

— און וואָס וואָלסטו וועלען? — פרעגט דער ברודער אירא־ניש — אַז מען זאָל לאָזען וואוינען אָהן רענט? אַז דו וועסט זיין אַ לענדלאָרד, וועסטו אויך אַזוי טאָן.

— איר האָט אַ טעות — האָט דינה געזאָגט מיט פאַרדרוס. — איר זייט טאַקע אַ ברודער, אָבער איר קענט ניט מיין יוסף'ן. ער וועט זיכער ניט וואַרפען אַן אָרימע פאַמיליע אין גאַס; און שלעכטע מענטשען וועלען אים דערקענען און אויסנוצען, זיי וועלען ניט צאָלען קיין רענט.

— אויב אַזוי — זאָגט דער ברודער — קענסטו קויפען הייזער צוליב איבערפאַרקויפען, און דו וועסט ניט האָבען וואָס צו טאָן מיט טענענטס, און מיט דער צייט וועסטו נאָך ווערען אַ רייכער ריעל־עסטייטניק.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט — ענטפערט יוסף — אז איך בין ניט געקומען זוכען קיין רייכקייט.

— עס מאַכט ניט — זאָגט דער ברודער מיט אַ ברייטען שמייכעל — מיט'ן עסען קומט דער אַפּעטיט.

— איר האָט ווייטער אַ טעות — זאָגט דינה — יוסף האָט געהאַט געגוג געלעגענהייטען. ער איז געזעסען איבער אַ פעטער שיסעל, און דער אַפּעטיט צו ווערען רייך איז ניט געקומען. ער האָט פיינט רייכטום.

אַלע האָבען זיך ציניש צולאַכט. נאָר דער דאָקטאָר האָט גאַנץ ערנסט געזאָגט:

—יוסף איז געבליבען דערזעלבער אידעאַליסט, וועלכען איך האָב איבערגעלאָזען אין רוסלאַנד מיט פופצען יאָר צוריק, אָבער דערווייל פּרוביר קויפען א הויז. גיי און קוק אָן הייזער. נאָכהער וועלען מיר גיין מיט דיר אָפּשאַצען, אויסרעכענען, און קויפען.

יוסף האָט געפאָלגט און גייט מיט אַן איידזשענט אָנקוקען הייזער. באַגעגענט מען נאָך אַן איידזשענט, דערציילט ער, אַז ער האָט אַ גרויסע מציאה. אַן אַלמנה מוז פאַרקויפען אַ הויז. גייט מען שוין אין דרייען אָנקוקען דאָס הויז. יוסף זעהט, אַז אין דעם קעלער פון הויז זיצט אַ שוסטער און פאַרריכט שיך. לאָזט ער זיך אַראָפּ אין קעלער. אַ דאַרער, פאַרפינסטערטער איד זיצט צווישען אַ באַרג צוריסענע שיך און לאַטעט זיי. פון אַ זייטיגער טירעל באַווייזט זיך אַ אידענע מיט אַ קינד נעבען איר ברוסט, און נאָך דריי קינדער דרייען זיך אַרום איר.

— מען פאַרקויפט שוין ווייטער דאָס הויז? — פרעגט די פרוי פאַרצווייפעלט.

— וואָס אַרט דאָס אייך, אויב מען פאַרקויפט? — פרעגט יוסף גאַנץ נאַאיוו.

— וואָס הייסט, וואָס אַרט עס מיך? — טענה'ט די פרוי ווייגענדיג. — מיר האָבען געצאָלט ניין דאָלאַר אַ מאָנאַט פאַר אָט דעם קבר, איך זאָל ניט זינדיגען מיט די רייד. האָט אַן אַנדערער אָפּגעקויפט דאָס הויז, און גלייך געהעכערט די דירה־געלט אויף צוועלף דאָלאַר אַ מאָנאַט, און איצטער האָט עס אָפּגעקויפט עפּעס אַ אידענע, און הייסט זיך צאָלען פערצען דאָלאַר. דעם לעצטען

ביסען ביי מיינע קינדער אַרויסגעריסען. אונז קבצנים העכערט מען די רענט און מען פאַרקויפט מיט גוטע פּרנסה.

יוסף איז אַוועק פון דעם הויז מיט זעהר אַ שווער געפיל. אין יעדען הויז, וואָס ער האָט אַנגעקוקט, האָט ער זיך צופרעגט ביי די איינוואוינער, און האָט אומעטום געהערט דעם זעלבען געשריי, אַז מען קויפט הייזער, מען העכערט די רענט, און מען פאַרקויפט מיט פּרנסה.

יוסף קומט אהיים, דערציילט דינה׳ן אַלץ וואָס ער האָט געהערט, און זיי גיבען אויף דעם פּלאַן צו קויפען הייזער.

— איך גיב ניט אויף מיין האָפענונג צו ווערען אַ פאַרמער — זאָגט יוסף צו דינה׳ן.

— דו האָסט דאָך געהערט, וואָס מען דערציילט וועגען די אידישע פאַרמער — ענטפערט דינה.

— איך וועל פאָלגען דעם דאָקטאָר — זאָגט יוסף — איך וועל לערנען און באַקענען זיך מיט די באַדינגונגען און פאָדערונגען אין דער מאָדערנער פאַרמעריי אין אַמעריקע, און נאָכהער וועלען מיר קויפען אַ פאַרם, און לעבען אַזוי ווי איך פאַרשטיי.

— זאָל דיר גאָט העלפען — ענטפערט דינה מיט אַן אויסדרוק פון צווייפעל.

יוסף האָט באַלד געקויפט אַ בוך אין דער ענגלישער שפּראַך וועגען אַגריקולטור אין אַלגעמיין, און אויסגעשריבען פון אַגריקולטור דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען בולעטינס וועגען פאַרשיידענע צווייגען אין פאַרמעריי. און דערצו געקויפט אַ גרויסען ענגלישען ווערטערבוך, אויך אַן ענגליש־רוסישען און אַן ענגליש־אידישען ווערטערבוך, און האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען אַגריקולטור. אַ גאַנצען טאָג לויפט ער אַרום זוכען עפּעס אַ באַשעפטיגונג דערווייל, און שפּעט ביי נאַכט און גאַנץ פרי אין מאָרגען זיצט ער און לערנט מיט דער זעלבער פלייסיגקייט און פאַרטיפען זיך ווי אין זיינע יונגע יאָרען.

יוסף׳ס ברודער מיט די גוטע פריינט זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז יוסף זאָל שוין אָנפאַנגען עפּעס צו טאָן. זיינען זיי זיך צונויפגעקומען הערען, וואָס פאַר הייזער ער האָט אָנגעקוקט.

— איך האָב אַ גאַנצע ליסט פון הייזער — דערציילט זיי יוסף — אָבער קויפען זאָלען אַנדערע. איך בין ניט קיין ספּעקו־לאַנט, און איך קען ניט ריזיקירען. איך האָב פיינט אַ קאָרטען־שפּיל; און העכערען רענט וועל איך געוויס ניט.

— אויב אַזוי ? — פרעגט דער ברודער ברוגז'דיג — טאָ וואָס ביזטו געקומען קיין אַמעריקע ?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט — ענטפערט יוסף — אַז איך בין ניט געקומען זוכען אַמעריקאַנער רייכטום, נאָר איך בין גע־קומען צו געניסען אַמעריקאַנער פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשען.

— מיט פרייהייט אַליין קען מען ניט לעבען — זאָגט איינער פון די פריינט, — און די גלייכהייט פאַר אַלע מענטשען דאַרף מען אויסנוצען.

— איך וויל טאַקע אויסנוצען — זאָגט יוסף — אין רוסלאַנד האָט אַ איד ניט געטאָרט קויפען קיין ערד, און דאָ מעגען אַלע גלייך, וועל איך טאַקע קויפען אַ פאַרם.

— ווייטער אַ פאַרם ! — זאָגט דער ברודער גאַנץ בייז.

— איך וואָלט פאָרגעשלאָגען — זאָגט דער דאָקטאָר — אַז יוסף זאָל טאָן, וואָס איך האָב געטאָן, ווען איך האָב געשטודירט, נאָר ער זאָל דאָס טאָן אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב. זאָל ער קויפען אַ גרויסען פּייפּער־ראָוט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געשעפט ? — פרעגט דינה.

— איך וועל דיר דערצעהלען, וואָס דאָס איז — זאָגט יוסף — איך ווייס שוין. דאָס זיינען אַמאָל די גרינע אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, און איינגעבעטען זיך, אַז מען זאָל ביי זיי קויפען די צייטונגען; און אַזוי האָט מען זיך ערוואָרבען עטליכע גאַסען, וואוהין מען שטעלט צו די צייטונגען אין־דער־פרי און פאַרנאַכט. אין שטורם, אין רעגען, מוז מען אויפשטיין פאַרטאָג, גיין צום סטיישאָן נעמען און שלעפּען אויף זיך די שווערע פּעק צייטונגען, און אַרומלויפען צו ברייגגען יעדערען אין צייט זיין צייטונג; און דאָס מוז מען טאָן יעדען טאָג אין יאָר, און דער אייגענטימער פון אַזאַ געשעפט קען דאָס פאַרקויפען צו וועמען ער וויל.

— אַ שיין שטיקעל אַרבייט פאַר דיר! — זאָגט דינה, און טרערען האָבען זיך געשטעלט אין אירע אויגען.

— פיליכט וואָלט פאַר זיי גוט געווען אַ גראָסערי (שפּייז־געשעפט) אין אַ אידישער געגענט — זאָגט איינער פון די פריינט.

יוסף האָט איינגעשטימט, און אין דעם נעקסטען פרימאָרגען אוועק צו זיינעם אַ קאָזין, וועלכער האָט אַ גראָסערי זייט ער איז אין אַ אמעריקע.

— דו מיט דיין דינה'ן גראָסערי־לייט? — פרעגט דער קאָזין פאַרוואונדערט. — דאָס איז דאָך שווערער פון רוסישער קאַטאָרגע. ביידע דאַרפען אַרבייטען אַכצען שעה אין מעת־לעת, און גיי זיי אַ בריה אויסצוקומען מיט די קאַשטענירערקעס. אויב דו ווערסט וועלען זיין אָרענטליך און זאָגען זיי דעם אמת, וועסטו זיצען אָהן ברויט.

יוסף איז געקומען אַהיים. איבערגעגעבען דינה'ן דעם קאָזינס רייד.

— איך האָב געוואוסט — זאָגט דינה — אַז דאָס איז ניט פאַר אונז. איך גיי דאָך אין גראָסערי, זעה איך, ווי שווער עס איז צו האַנדלען מיט די מערסטע פרויען. ווי קומסטו צו זיין אַ גראָסערי־מאַן?

קאַפּיטעל 28.

יוסף אַ מאַנופעקטשורער (פאַבריקאַנט)

יוספ'ס פריינט זוכען נאָך אַלץ אַ באַשעפטיגונג פאַר אים. איינמאָל קומט צולויפען זיין פריינד, דער דאָקטאָר, און זאָגט:

— איצטער האָסטו אַ גוטע געלעגענהייט. איך האָב אַ באַקאַנ־טען, וועלכער מאַנופעקטשורט פאַקעט־בוקס (ראַדיקיולען), און ער וויל דיך צונעמען פאַר אַ שותף, אויב דו וועסט אַריינלעגען דיין געלט, און וועסט אַליין אַרבייטען אין דעם געשעפט.

— גוט — האָט יוסף געענטפערט — נאָר מיט דער באַדינגונג, אַז איך זאָל ניט אַריינלעגען קיין געלט ביז איך וועל זיך אַביסעל באַקענען מיט דעם געשעפט.

— איך וועל דיך באַקענען מיט דעם מאַן — זאָגט דער דאָקטאָר און איר וועט זיך צוזאַמענריידען.

דער דאָקטאָר האָט זיי צונויפגעפירט, און דער מאַן האָט איינ־געשטימט אויף יוספ'ס פאַרלאַנג, און האָט אים גלייך איינגעלאַדען צו זיך אין פאַבריק. דער מאַן האָט אויף יוספ'ן געמאַכט אַ שלעכ־טען איינדרוק. יוסף זעהט, אַז דאָס איז אַן אומוויסענדער מאַן, וועלכער וויל מיט אַלע מיטלען רייך ווערען. די פראַגע איז נאָר, אויב ער איז טאַקע אַ שווינדלער, אָדער איינער פון די, וואָס נאַרען זיך אַליין. ווי קען מען צו אַזאַ מענטשען האָבען צוטרוי? דאָך איז יוסף אַוועקגעגאַנגען מיט אים. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער פאַבריק, איז אים פינסטער געוואָרען אין די אויגען. דער שטאַל, וואו ער האָט געהאַלטען די פערד אין רוסלאַנד, איז געווען שענער און ריינער פון אָט דעם פּלאַץ. דאָס איז אַ לאַנגער שמאָלער צימער פון איין זייט אַביסעל באַלויכטען. אונטען, אויפ'ן דיל, איז מיסט ביז די קני, אין די ווינקלען שפּינען־וועבעכץ, די לופט דערשטיקט צו ווערען, און אָט דאָ דאַרפען זיצען מענטשען און אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג. ער טוט אַ קוק אויף די בלייכע, אויסגעדאַרטע, איינגעהויקערטע אַרבייטער, ווערט ער פאַרשעמט. „אָט פון אָט די

פאַרשקלאַפטע, עקספּלואַטירטע וועל איך מיין פּרנסה ציען — טוט יוסף אַ טראַכט — פון זייער מיה זאָל איך עסען מיין ברויט?"

ווי ער שטייט אַזוי און טראַכט, גייט צו דער פאַבריקאַנט, און שטעלט אים פאָר פאַר די ארבייטער:

— מיסטער סיגעל ווערט אַ פּאַרטנער אין די ביזנעס.

יוסף מיט דעם מאַן זיינען אריין אין אַ שמוציגען צימערל, וואָס מען רופט אָפיס.

— איך וואָלט וועלען זעהן אייערע ביכער פון געשעפט — זאָגט יוסף.

— קיין ביכער האָב איך ניט געפירט — ענטפערט דער פאַבריקאַנט — אָבער איך קען אייך אַלץ ערקלערען. — און דערציילט וויפיל פּרנסה עס בלייבט פון יעדען דוצענט ווארע, און וואָס עס וועט זיין, ווען מען וועט פאַרגרעסערען דעם געשעפט. ער האָט אָפּגערעדט און איז אוועקגעגאַנגען, און יוסף האָט גענומען צו־קוקען זיך וואָס דאָ טוט זיך. ער צופרעגט זיך ביי יעדען ארבייטער וויפיל ער פאַרדינט, און ער געפינט אויס, אַז פאַמיליע־מענטשען פאַרדינען פון אכט ביז צען דאָלאַר אַ וואָך.

— ווי אַזוי קען מען לעבען מיט אַ פאַמיליע פון אַזעלכע פאַר־דינסטען? — פרעגט יוסף.

די ארבייטער קוקען אים אָן פאַרוואונדערט. און איינער זאָגט:

— אָט אַזאַ לעבען איז דאָס.

— אָט אַזוי עקספּלואַטירט מען אונז — זאָגט אַ צווייטער — און איבערהויפּט די גרינע. פון אונזער בלוט און שוויס ווערען זיי דאָ רייך.

יוסף הערט און יעדעס וואָרט שטעכט אים אין הארצען. ער וואָלט גלייך פאַרלאָזען דעם פּלאַץ, נאָר ער שעמט זיך.

פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער דערציילט דינה'ן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, קוקענדיג אויף די ארבייטער און ריידענדיג מיט זיי.

— געוויס איז אַ גרויסער רחמנות אויף זיי — זאָגט דינה — טאָ פּרוב דו אויסצובעסערען זייער צושטאַנד. מיט דיין געלט און מיט דיין פייאיגקייט וועט דער געשעפט פאַרגרעסערט ווערען, וועט

איר קענען נעמען אַ שענערען, געזינטערען פּלאַץ, און איר וועט מער צאָלען די ארבייטער.

— ביז דאָס וועט אמאָל זיין — זאָגט יוסף — וועל איך דער־וואַרגען ווערען מיט דעם ביסען ברויט, וואָס איך וועל עסען. איך וויל ניט לעבען פון פרעמדע מיה. איך וויל ניט זיין קיין שקלאַף, און וויל ניט זיין קיין באָס — האָט יוסף פאַרענדיגט אביסעל אויפּ־געדעגט.

— אויב אזוי — זאָגט דינה ברוגז'דיג — ווערסטו וואַרטען אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

— זאָל זיין אזוי, אָבער קיין מאַנופעקטשורער ווער איך ניט — האָט יוסף געענטפערט — און געזעצט זיך לערנען זיין אַגריקולטור.

קאַפּיטעל 29.

ווי אַזוי לעבען די גרינע?

אין די טומעלדיגע גאַסען פון ניו יאָרק גייט יוסף אַרום אַ פאַר׳חלום׳טער. ער זוכט נאָך אַלץ עפּעס אַ באַשעפטיגונג, אָדער אַ שטעלע, און געפינט גאָר ניט. אַן אויסגעמאַטערטער, אַ פאַר־ביטערטער קומט ער אהיים. מיט יעדען טאָג ווערט ער אַלץ מער נידערגעשלאָגען, אויפגערעגט און אנטוישט. דערצו נאָך האָט זיך ביי אים אנטוויקעלט אַ ביינקעניש, וועלכע דערגייט צו דער קראַנק־הייט, וואָס מען רופט „האָם סיקנעס". ער ביינקט נאָך אַלעמען און נאָך אַלעס. ער ביינקט נאָך זיין מאַטעריעלען צושטאַנד, וועל־כען ער האָט מיט פיל שוועריגקייטען ערוואָרבען. אַט ערשט, מיט אַ קורצער צייט צוריק געפירט גרויסע געשעפטען, גערעדט מיט גובערנאַטאָרען, מיט דירעקטאָרען פון בענק און פון די גרעסטע געשעפטען; און מיט אמאָל געוואָרען אַ טויגעניכטס, אַ ליידיג־גייער, אַ שטומער „גרינהאָרן", וואָס טויג ניט אויף דער וויסער וועלט, סיידען נאָר ציטונגען ארומטראָגען צום פאַרקויפען, אַט ערשט אויפגעהאַלטען אַ געזינט, געגעבען קינדער אַ שיינע בילדונג; און היינט וועט אים אויסקומען ארויסקוקען אויף די קינדער׳ס שווערע פאַרהאָרעוועטע סענטען, ווייל זיין געלט ווערט דאָך מיט יעדען טאָג וויי[ני]גער.

אויך ביינקט ער שטערבליך נאָך זיינע גוטע פריינט, מיט וועל־כע ער איז געוועזען פאַרבונדען מיט זיין גאַנצע נשמה. ער ביינקט נאָך זיין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, און ער ביינקט ניט נאָר נאָך זיין אידישער וועלט, וואָס ער האָט פאַרלאָרען, נאָר ער ביינקט אויך שטאַרק נאָך גאַנץ רוסלאַנד.

ער שטאַרקט זיך, ער וויל ניט ארויסווייזען זיין ביטערען גע־מיט, זעצט ער זיך לערנען וועגען אגריקולטור אין דער ענגלישער שפּראַך.

דערווייל פאַנגען אָן די קינדער צו קומען פון זייער אַרבייט. אַלע בלייבע אויסגעמאַטערטע. די עלטערע טאָכטער איז אַ קוואַל פון פעסימיזם. אין איינציגע שאַרפע שניידענדיגע ווערטער דריקט זי אויס אירע גייסטיגע און קערפּערליכע ליידען, וואָס זי ליידעט ביי איר אַרבייט אין שאַפּ. די קלענערע טאָכטער איז ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. זי רעדט ניט, נאָר זי ברומט ווי אַ צוגעדריקטע טייבעלע. דער עלטערער זוהן וויצעלט זיך, דערציילענדיג עפּיזאָ־דען פון זיין אַרבייט, פון די פּעקלאַך קינדערשע הויזקעס, וואָס ער שלעפּט אויף זיינע אַקסלען אין די גרויסע היצען. ער כאַפּט אָפּ זיין עסען, און לויפט אין דער נאַכט־סקול צו לערנען ענגליש. דער צווייטער זוהן, דער צוכט, וואשט זיך לאַנג און רייניגט זיך פון זיין שמוציגער אַרבייט. ער שווייגט, אָבער זיינע אויגען דריקען אויס אַ ים פון שמערצען.

יוסף קוקט אויף די קינדער און זיין האַרץ ווערט צופּלאַצט. ער שעמט זיך צו קוקען די קינדער אין די אויגען. פאַרשלעפּט זיי אין דעם פרייען גאָלדענעם לאַנד, וואו זיי ווערען פאַרשקלאַפט און עקספּלואַטירט.

און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אונזער גוטער דינה'ן ? — אַ וואולקאַן איז אין איר האַרצען. זי ליידעט שרעקליך פאַר איר יוסף'ן. זי פאַרשטייט און פילט זיינע ליידען, און זי קען אפילו קיין טרייסט־וואָרט ניט געפינען פאַר אים ; און גרויס איז איר ווייטאָג פאַר אירע קינדער. איר מוטערשע האַרץ איז איבערגעפילט מיט ליידען און רחמנות, זעענדיג ווי אירע יונגע איידעלע קינדער זיינען פאַרקויפט געוואָרען פאַר קנעכט און פאַר דינסטען. ווען זי בלייבט אַליין אין הויז, פאַרגיסט זי טייכען טרערען, אָבער זי טראָגט עס אַלעם טיף אין איר האַרצען, זי ווענדעט אָן אַלע אירע קרעפטען ניט צו פאַרלירען איר מוט, און זי פאַרלירט ניט. ענערגיש, טעטיג איז זי, אום צו מאַכען איר היים באַקוועם און אנגענעם פאַר איר מאַן און אירע קינדער. זי שטייט אויף גאַנץ פרי, גרייט צו עסען פאַר די קינדער, פאַר יעדערען וואָס ער האָט בעסער ליב. אַ גאַנצען טאָג רוט זי ניט, זי וואשט און זי נייט. פאַרנאַכט גרייט

זי צו אַ שיינעם מאָלצייט, וואשט זיך אָרום, טוט זיך אָן ריין און שיין, און באגעגענט יעדערען מיט איר געוויינליכען ליבען און פריינטליכען וואָרט, צייגט ניט אַרוים קיין מידקייט און קיין אומ־צופרידענהייט. איר שיינע גוטמוטיגע האַלטונג צוטרייבט אביסעל די שווערע וואָלקענס, און ברייגנט אַריין אַ שטראַל ליכטיגקייט אין יעדערענס נשמה.

קאפיטעל 30.

פרנסה פון אידישקייט.

באלד ווי יוסף איז אריינגעקומען קיין אמעריקע האט ער גע־נומען אריינקוקען אין דעם אמעריקאנעם אידישען לעבען; און אין ערגעץ האט ער ניט געפונען קיין צופרידענהייט. די אידישע קינדער־ערציאונג איז שרעקליך פארנאכלעסיגט. דער גרעסטער טייל קינדער באקומט ניט קיין אידישע לערע, און די וואס לערנען, לערנען זיך אויס נאר דאוונען מיט שוועריגקייטען. מען גרייט זיי צו בר־מצוה, אז זיי זאלען זינגען די הפטרה, ניט וויסענדיג וואס זיי זאגען, און מען לערענט זיי א בר־מצוה רעדע, וועלכע זיי זאגען איבער ווי די פאפוגייען (פעראט), און אזוי וואקסט א נייער אי־דישער דור.

די שולען שטעלען אים אויך ניט צופרידען. קומט ער אין אן ארטאדאקסישער שול, זעט ער, אז די אידישע שול האט דא פארלארען איר הייליגקייט, אלעס איז געשעפטסמעסיג, ביזנעס, אזוי ווי אין מארק.

גייט ער אין א רעפארמער טעמפעל, געפינט ער דארט שיינקייט, אבער ניט קיין אידישע שיינקייט. עס פעלט די אמת'ע אידישע גייסטיגקייט. אלעס איז אויבערפלעכליך, אהן טיפקייט, אויסערליך פארשענערט אין א פרעמדען גייסט. א קערפער אהן א נשמה.

מיט די אידישע צייטונגען איז יוסף אויך אומצופרידען. ניטא קיין ערנסטקייט, עס פעלט אמת, מען זוכט נאר צו געפעלען דעם לעזער, גיט מען איבער ניט קיין ריכטיגע באריכטען, און מען שרייבט זאכען, אין וועלכע מען גלויבט אליין ניט. איינמאל איז יוסף געווען אויף א פארזאמלונג, וואו ער האט זיך אנגעהערט נארישע דעבאטען, און פאלשע ארגומענטען, און געזעהן פאר זיך נאר א סך חוצפה. און מען איז ניט געקומען צו א באשטימטען באשלוס. אויף מארגען לעזט יוסף אין א צייטונג א באריכט וועגען אט דער פארזאמלונג, אז דאס איז געווען א זעהר אינטערעסאנטע

פאַרזאַמלונג, וואו עס זיינען דיסקוטירט געוואָרען די וויכטיגסטע פראַגען און עס זיינען אָנגענומען געוואָרען גוטע רעזאָלוציעס. יוסף איז אויפגערעגט געוואָרען פון אַזאַ פאַלשען באַריכט, און איז גלייך אוועק אין רעדאַקציע, צוגעקומען צום רעדאַקטאָר און זאָגט צו אים:

— אייער רעפּאָרטער האָט ניט ריכטיג איבערגעגעבען וועגען דער נעכטיגער פאַרזאַמלונג. און יוסף דערציילט אים וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

— איר זייט נאָך „גרין“, מיין פריינט — האָט דער רעדאַקטאָר געענטפערט גאַנץ העפליך מיט אַ שמייכעל — איר וועט זיך אויסגרינען, וועט איר וויסען, אַז איר זייט אין אַמעריקע.

יוסף גייט אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, און זעט, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ ספּאָרט, אַזוי ווי אַלע אַמעריקאַנער ספּאָרטס. מען שפּילט זיך אין ציוניזם. אויף איינער פון אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָבען מיידלאַך געזונגען עפּעס ענגלישע לידלאַך, און דער עולם האָט געקוואָלען. דערנאָך האָט איינער גערעדט וועגען „זייאָניזם“, און האָט אַרויסגעוויזען, אַז ער פאַרשטייט ניט דעם אידעאַל פון ציוניזם. האָט יוסף געבעטען אַן ערלויבעניש צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער. מען האָט אים גאַנץ העפליך ערלויבט, און נאָך די ערשטע עטליכע זאַצען האָט מען אים אַפּלאָדירט. איז ער געוואָרען מוטיג, און אָנשטאָט אַ פּאָר ווערטער האָט ער געהאַלטען אַ גאַנצען פאָרטראַג. נאָך דער רעדע האָט מען שטאַרק אַפּלאָדירט און געדאַנקט. איינער פון יוסף'ס פריינט, וועלכער איז אויך אָנוועזענד געווען, האָט געזאָגט צו יוסף'ן:

— קומט צו מיר אויף אַ גלעזעל טיי, איך וויל מיט אייך עפּעס ריידען.

— קומט בעסער צו מיר אויף אַ גלעזעל טיי — זאָגט יוסף — מיין פרוי וועט מיינען, אַז איר „גרינער“ איז פאַרלאָרען געגאַנגען.

זיי זיינען געקומען צו יוסף'ן אַהיים. די קינדער, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבייט, זיינען אַרויסגעגאַנגען כאַפּען אַביסעל לופט, און דינה זיצט און לייענט אַ צייטונג. זי האָט באַלד געמאַכט טיי און מען האָט זיך אין דרייען געזעצט טרינקען טיי.

— איך האָב מיט איך געוואָלט אָט וואָס ריידען — זאָגט דער פריינט — אזוי ווי איר ווילט ניט אָנפאנגען עפּעס א ביזנעס, איז מיר היינט אָוועגט אריינגעפאלען א געדאנק, אז איר קענט מאכען א שיינעם לעבען פון א גייסטיגער ארבייט. איר זייט זעהר א גוטער רעדנער. איר רעדט לאָגיש, ערנסט און ווארים; איר ווייסט וואָס איר רעדט, און איר גיט ארויס אייערע געדאנקען אזוי קלאָר און דייטליך, אז יעדער איינער קען פארשטיין. און איבער־הויפּט איז וויכטיג, וואָס אייערע ווערטער גייען ארויס פון טיפען הארצען און מוזען אריינדרינגען אין די הערצער פון צוהערער. איך גלויב, אז מיר וועלען קענען געפינען פאר אייך א געמיינדע, וועלכע זאָל אייך אָננעמען פאר א רעוורענד און א רעדנער. אויסער דער אייגענער געמיינדע קען מען האָבען איינקינפטע פון רעדעם אויף פארשיידענע פארזאמלונגען, און אלס רעוורענד פארדינט מען גאנץ גוט פון מסדר קדושין זיין, און דאָס גלייכען. איך בין זיכער, אז איר וועט באקומען א גוטען נאָמען, און איר וועט זיין ערפאָלגרייך.

— מעגליך, אז איך וואָלט מאכען אן ערפאָלג — אָבער איך וויל ניט, און קען ניט מאכען קיינע געשעפטען מיט מיין אידישקייט. ווערען אן אמעריקאנער אידישער רעדנער פאר געלט איז פאר מיר אוממעגליך. מענדעלי מוכר ספרים האָט געשריבען, אז מגידות אנטוויקעלט אין דעם רעדנער נארישקייט, פרעכהייט און היפּאָ־קריטסטווע. פאר נארישקייט וואָלט איך פיליינט ניט געשראָקען זיך. איך וואָלט דאָס אָננעמען פאר ליב, וואָרים ווער פון אונז מאכט זיך ניט נאריש אין דעם אלטעגליכען לעבען? וועגען פרעכ־הייט אָבער איז שוין א שווערע פראגע פאר מיר. איך האָב באַ־מערקט די עזות, מיט וועלכע אייערע רעדנער שטעלען זיך ריידען, און מיר פעלט עס. איך האָב פיל רעספּעקט פאר מענטשען; און ערגער פון אלץ איז צו ווערען א היפּאָקריט, ווי אייערע מערסטע רעדנער זיינען, וועלכע לויבען און הויבען אין הימעל, ווען מען דארף ווייזען פעלערען. זיי פארהייליגען זאכען אין זייערע רעדעס, פון וועלכע זיי אליין לאכען זיך אויס ציניש. דאָס מיינט, אז איך זאָל פארקויפען מיין נשמה פאר א שטיקעל ברויט. און ווען איך

זאָל ריידען, וואָס איך וויל און וואָס איך פיהל, ווען מען מיך פאַר־שפאַרען אין געפענגעניש אָדער אין אַ דול־הויז.

— ניין, ליבער פריינט — זאָגט דינה — דאָס איז אַ פרנסה ניט פאַר מיין יוסף'ן. ער האָט געקענט ריידען דאָרט אין דער אַלטער היים, ווען ער האָט ניט געקומען קיין געצאָלט דערפאַר, ווען ער איז געווען איינער פון די „געבער" און ניט אַ „נעמער"; וואו ער האָט געקענט זאָגען וואָס זיין געוויסען האָט אים גע־דיקטירט.

— טאָ וואָס זשע וועט זיין די ענדע? — האָט דער פריינט געפרעגט גאַנץ ערנסט.

— די ענדע וועט זיין — זאָגט יוסף — אַז איך וועל קויפען אַ פאַרם, און איך וועל בעסער לערנען זיך ריידען צו מיינע פערד, קיה און הינער, וועלכע מען קען ניט אָפּנאַרען מיט ליגענס און מיט חניפה.

קאַפּיטעל 31.

פאַרמערײ אַלס אַן אידעאַל.

יוסף זעצט פאָר צו לערנען אַגריקולטור; און ער האָט אויסגעפונען, אַז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן פיל אידישע פאַרמער, און אין דער לעצטער צייט זיינען געקומען אייניגע אידען פון זיד־רוסלאַנד, און האָבען געקויפט פאַרמס, אַלע אין איין געגענט, און זיי זיינען זעהר צופרידען.

— לאָמיר פאָרען אַהין — זאָגט יוסף צו דינה'ן — און זעהן וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרט לעבען. פילייכט וועט דיר אויך געפעלען ווערען.

— און פילייכט וועט דיר אויך ניט געפעלען ווערען — ענטפערט דינה מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל. — אויב דו ווילסט פאָרען, לאָמיר פאָרען.

יוסף מיט דינה'ן זיינען געקומען אין יענער געגענט, און האָבען געפונען דאָרט צווישען די אידישע פאַרמער אינטעליגענטע געזינדען: מענטשען, וועלכע האָבען אין רוסלאַנד געפירט גרויסע געשעפטען; קינדער, וועלכע האָבען געשטודירט, און פרויען, וועלכע זיינען דאָרט געווען גאַנצע דאַמעס; און דאָ אַרבייטען אַלע אויף די פאַרמס און זיינען העכסט צופרידען. און עס איז טאַקע פאַראַן מיט וואָס צופרידען צו זיין. די לאַנדשאַפטען זיינען פראַכטפול שיין, די הייזער גרויסע, שיינע; שטאַלען פול מיט פערד און קיה, הויפען פול מיט עופות, און קעלערס מיט גאָרטענוואַרג און פרוכטען. מיט איין וואָרט — פון אַלעם גוטען. און דאָס לעבען איז אַזוי שטיל און רואיג.

— איז דאָס ניט אמת'ער גן־עדן? — פרעגט יוסף דינה'ן.

THIS BOOK IS THE PROPERTY
OF THE LIBRARY OF THE
EAST MIDWOOD JEWISH CENTER
1625 OCEAN AVENUE
BROOKLYN, NEW YORK

— יאָ, שיין איז דאָס — זאָגט דינה — אָבער ווי איך זעה איז דאָס פאַרבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען; און די פראַגע איז, אויב דו וועסט קענען דאָס דורכפירען.

— איך האָף, אַז איך וועל דורכפירען — זאָגט יוסף.

— לאָמיר פּרובען — זאָגט דינה — אויב עס וועט זיין גוט, איז דאָך געוויס גוט; און אויב, חלילה, דאָס וועט זיין אַ דורכפאַל, וועסטו באַפרייען זיך פון דיין שטאַרקען פאַרלאַנג צו ווערען אַ פאַרמער.

— הייסט עס, אַז איך האָב דיין צושטימונג — זאָגט יוסף אַ צופרידענער — איצטער וועלען מיר קויפען אַ פאַרם.

די פאַרמער האָבען זיך פאַראינטערעסירט צו האָבען די סיגעלס פאַר שכנים, און האָבען געהאָלפען קויפען אַ פאַרם. איינגעצאָלט אַ טייל פון פּרייז, און דאָס איבעריגע איז אויף יערליכע אויס־צאָלונגען, און ער האָט זיך איבערגעלאָזען זיבען הונדערט דאָלאַר צו פירען די פאַרמעריי. אזוי איז יוסף געוואָרען אַן אַמעריקאַנער פאַרמער, ווי זיין הארץ האָט געגלוסט, און ניט אַבי אַן ערד־אַרביי־טער, ווי דער רוסישער מוזשיק, נאָר טאַקע ווי אַן אמת'ער גוטס־באַזיצער. ער האָט הונדערט אַקער לאַנד מיט אַ וואַלד, אַ פרוכט־גאָרטען, צוויי פערד, דריי קיה, קעלבער, הינער און אַלערליי ווערקצייג און מאַשינעס, און אַ הויז — אַן אמת'ער פּאַלאַץ. דערצו נאָך לויפט אַ טייכעלע דורך זיין לאַנד.

אין ניו יאָרק איז געבליבען נאָר דער עלטערער זוהן, וועלכער האָט שוין באַקומען ביי אַן אינזשענער אַ שטעלע פאַר זעקס דאָלאַר אַ וואָך. און אין אָווענט נעמט ער אַ קורס אין אַ האָכשולע. די גאַנצע געזינט איז געקומען אויפ'ן פאַרם און אַלע זיינען שטאַרק צופרידען. עס איז פרילינג, אַלעס אַרום איז שיין און צושיענד, איבערהויפט נאָך ,ווען מען קומט פון ניו יאָרקער טומעל און איינגעשאַפּט.

דאָס ערשטע האָט יוסף באַראַטען זיך מיט די אַלטע פאַרמערס, וואָס צו זעען און וויפיל צו זעען. אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן אויפ'ן פּאַפּיר, אויסגעמאָסטען יעדען פעלד באַזונדער, אום צו וויסען

פינקטליך וויפיל אַקער לאַנד מען פאַרזייעט. ער האָט געקויפט זריעה, פוירטיליייזער און לאַים (קאַלך), איינגעצאָלט אַביסעל, און דאָס איבעריגע וועט מען צאָלן, ווען מען וועט אַראָפּנעמען אַלעס פון די פעלדער.

באַלד איז געקומען די צייט פון פעלד־אַרבייט; און יוסף'ס טעאָריעס אין אַגריקולטור זיינען ניט גענוג צו ווערען אַ פאַרמער. מען מוז אויך קענען די פּראַקטישע זייט. מען דאַרף זעהען ווי אַזוי יעדע זאַך ווערט געטאָן. דינגט ער אויף אַ מאָנאַט אַן אַמע־ריקאַנער פאַרמער, וועלכער זאָל לערנען די זיהן ווי אַזוי צו שפּאַ־נען אַ פערד, ווי אַזוי צו אַקערען, זעען, און טאָן אַנדערע פעלד־אַרבייט. דער רבי פאַנגט אָן צו קנעלען מיט די תלמידים, און ער איז שטאַרק צופרידען מיט זייער ערפאָלג. ער פאַרזיכערט, אַז זיי וועלען זיין גוטע פאַרמער. די צרה איז נאָר וואָס די האָרנעס (זברויע) רייסט זיך, דער אַקער־אייזען און די אַנדערע מאַשינעריע ווילען ניט טאָן זייער אַרבייט. אַלעס איז אַלט און ברעכט זיך. לויפט יוסף אין שטאָט און קויפט אַלעס נייע, כדי די אַרבייט זאָל אָנגעהן אומגעשטערט. אייגענטלאַך האָט מען אויך געדאַרפט האָבען אַנ־דערע פערד. די פערד זיינען אַלט און שוואַך. זעהר אָפט בלייבען זיי שטיין אין מיטען דער אַרבייט פאַרשוויצטע, פאַרסאָפּעטע, און קוקען זיך אַרום מיט אַזאַ בליק, ווי איינער זאָגט: „מיר האָבען זיך שוין אויסגעאַרבייט אין אונזער לעבען, האָט רחמנות אויף אונזערע עלטערע יאָרען און לאָזט אונז צורו". יוסף האָט אויף זיי שטאַרק רחמנות, אָבער ער האָט ניט אַזוי פיל געלט צו קויפען אַנדערע פערד.

ער מוז נאָר קויפען אַ פּאָר קיה, ווייל איין קוה פון זיינע דריי קיה איז געפאַלען טויט, און די אַנדערע צוויי קיה און די קעלבער זיינען מאָגער און הוסטען. ער פאַרשטייט, אַז די אורזאַך איז דער שטאַל, וועלכער איז צו נידעריג, פינסטער און שמוציג. ווייל ער ניט האַלטען קיין קראַנקע קיה. פאַרקויפט ער זיי צו אַ קצב (בוטשער), און שטעלט זיך אַליין אַרבייטען אויסצובעסערען דעם שטאַל. אויסגעגראָבען און טיפער געמאַכט אויף צוויי פוס, אויס־געשניטען לעבער אין וואַנט, און אַריינגעשטעלט פענסטער. אַר־מעטום גוט אויסגערייניגט און אויסגעקאַלכט, געמאַכט אַ גוטע

ווענטילאַציע, און געמאַכט דעם ריכטיגען פּלאַץ, וואו די קיה זאָל זיין באַקוועם צו שטיין און צו ליגען. ער האָט טאַקע פּיל מאָל גוט צוקלאַפּט זיך די פינגער און אָנגעמאַכט גרויסע מאַ־זאָליעס (קאָרנס) אויף די הענט. אָבער ער האָט געמאַכט אַ מאָ־דערנעם גוטען שטאַל, און איצטער האָט ער געקויפט צווי קיה.

פון זיינע הינער איז ער אויך אומצופרידען. עפּעס אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע סאָרטען. קיין אייער לייגען זיי ניט, טויגען נאָר אויף כּפּרות. פאַרקויפט ער זיי צוליב פליש, בויט איבער אינ־גאַנצען די אַלטע הינער־הויז, געמאַכט אַ מאָדערנע הויז, ווי די וויסענשאַפט פאָדערט, און געקויפט אַ פּאָר צענדליק גוטע הינער פון איין סאָרט. מיט איין וואָרט — דאָס געלט ווערט שנעל פאַר־שוואונדען.

אַלע ארבייטען זעהר פלייסיג. די זיהן טוען אַלע פעלד־ארבייט. די טעכטער העלפען אויך אין פעלד און אין גאָרטען. יוסף'ן לאָזען ניט די זיהן ארבייטען מיט די פערד. צו שווער פאַר אים, זאָגען זיי. אָבער ער טוט אַנדערע ארבייט; ער ארבייט שווער און לאַנגע שטונדען. ער האָט ניט קיין מאַשינעס צו שפּרייטען מיסט, פּוירטיליזער און קאַלך, טוט מען דאָס אַלעס מיט די הענט. דאָס איז ניט גאָר קיין געשמאַקע שטיקעל ארבייט. מילא, שפּרייטען די מיסט איז צו דערליידען; אָבער די פּוירטיליזער שפּרייטען איז שווער. דער שטויב און דער שלעכטער גערוך איז דערשטיקט צו ווערען, אָבער יוסף נעמט עס אָן פאַר ליב. נאָכהער האָט ער דעם גאָרטען פאַרזעעט און קולטיווירט מיט די הענט. פון די פרוכט־בוימער האָט ער אויסגעשניטען די צובראָכענע צווייגען, שיטערער געמאַכט די צווייגען, וואו זיי זיינען געווען צו געדיכט, און די נעסטען פון די ווערים אויף די בוימער פאַרניכטעט.

אַזוי שטייט ער און ארבייט פלייסיג; נאָר די שיינע נאַטור רייסט אים אָפּ פון דער ארבייט; מיט אָפענע דורכדרינגענדע אויגען זעהט ער די גרויסע שאַפונג ארום אים; און זיין אויג קען זיך ניט אָנזעטיגען. ער קוקט, און מיט אָפענע אויערען הערט ער די קלאַנגען פון יעדער לעבעדיגער באַשעפעניש, און דעם קלענסטען גערויש פון אַ בוימעלע און פון אַ גרעזעלע. זיין האַרץ ווערט

אַנגעפילט מיט די העכסטע הייליגסטע געפילען. ער פילט, אַז ער איז אַ מיטהעלפער צו דעם גרויסען באַשעפער, אַז אָט דאָ, צווישען די געאַקערטע און פאַרפלאַנצטע פעלדער פילט ער מער איידער אַנדערשוואו די נאָענטקייט פון דער אַלמעכטיגער קראַפט, וואָס מיר רופען „גאָט". גאַנץ אָפט, אין אַ שיינעם פרימאָרגען, ווען די זון פאַנגט אָן צו שיינען מיט איר גאַנצער פראַכט, און די בלומעלאַך ,באַדעקט מיט טוי צועפענען זייערע מיילעכלאַך, גלייך ווי זיי וואָלטען לויבען דעם באַשעפער פון דער שיינער וועלט, און די פויגעלאַך צווישען די בוימער זינגען זייער לויב־געזאַנג, דאַן ווערט יוספ'ס האַרץ אָנגעפילט מיט אַ הייליגער פרייד און מיט אַן אומבאַגרעניצטער ליבע צו אַלעמען און צו אַלעם. ער קוקט אויף דעם בלויען, לויטערען הימעל און פילט זיך ווי אַ חתן, אַ פאַרליבטער, אַ גליקליכער, אונטער דער חופּה; און פון זיין טיפען האַרצען גיסען זיך די ווערטער פון תהלים: „ברכי נפשי את ד'" — אָ, מיין זעלע, לויב גאָט! און נאָך אַזאַ האַרציגער תפלה פאַנגט ער ערשט אָן צו אַרבייטען מיט באַגייסטערונג, און ער אַרבייט אומערמידלאַך.

נאָך די אַלע שווערע אַרבייט האָט ער זיך גענומען צייט צו לייענען די אַגריקולטור צייטונגען, און שרייבען בריף צו די עקספּערימענט סטיישאָנס מיט פאַרשיידענע פראַגען. דערצו נאָך פירט ער אַ רעכענונג פון יעדער זאַך, ער זאָל וויסען וויפיל עס קאָסט זיך צו פּראָדוצירען יעדער פּראָדוקט. ער רעכענט דעם קאָסט פון זריעה, פּווירטילייזער, קאַלך און יעדער שטונדע אַרבייט, סיי פאַר די פערד און סיי פאַר די מענטשען. אויך פירט ער רעקאָרדס וויפיל מילך יעדע קוה גיט, און וויפיל אייער די הינער לייגען. מיט איין וואָרט: ער איז אימער באַשעפטיגט.

דינה אַרבייט אויך אונערמידליך. מיט אַ זעלטענער איבער־געבענהייט און פּינקטליכקייט פירט זי די ווירטשאַפט. איר קעז און פּוטער האָבען שוין אַ גוטען נאָמען באַקומען; און זי האָט שוין געזעצט הינער צום אויסבריען הינדעלאַך, און דערלעבט אַ נייעם דור, צו וועלכען זי באַציט זיך גאָר מיט אַ באַזונדער ליבע.

און, ווען זי באַפרייט זיך פון אַט די אַלע ארבייט, גייט זי ארוים העלפען יוספ'ן אין זיין אַרבייט.

יוספ'ן איז דאָס הארץ טוט וויי, וואָס זיין דינה ארבייט אזוי שווער; און דינה לעבט איבער שרעקליכע ליידען, זעהענדיג ווי איר יוסף ארבייט אריבער זיינע קרעפטען. זי זעהט ווי פאַרנאַכט פאַלט ער אריין אין הויז א צובראָכענער, און האָט קיין כח ניט צו עסען, און די נעכט זיינען שלאָפלאָזע, אומרואיגע. זי פארשטייט, אז יעדער גליד טוט אים וועה. אויף איר פראַגע, וואָס פעלט אים, ענטפערט ער: „צו פיזישע ארבייט דארף מען זיך צוגעוואוינען. עס נעמט צייט". דינה בלייבט שווייגען און באַגיסט זיך מיט טרערען.

אין א פאָר מאָנאַטען האָט די פארלאָזענע פארם באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. ארום הויז פארזעעט גראָז און פארפלאַנצט בלומען, דער הויף ארום איז אימער ריין, אַלע צאַמען זיינען גאַנץ, און די פעלדער ריין באַארבייט, און אַלעס האָט אָנגעפאַנגען צו וואַקסען זעהר גוט. די אַלטע אַמעריקאַנער פארמער לויבען יוספ'ן, און באוואונדערען, וואָס א גרינער איד זאָל קענען אַזוי מאַכען פון א פארלאָזענער פארם. אין אַן ענגלישער אַגריקולטור צייטונג האָט מען געשריבען, אז ווען עס וועלען זיך באַזעצען אויף לאַנד מער פארמער אַזעלכע ווי סיגעל, וועט די געגענט אויפלעבען.

יוסף האָט פאָרגעלעזען פאַר דינה'ן וואָס די צייטונג שרייבט.

— איך האָב געוואוסט — זאָגט דינה — אַז דו וועסט אַלץ דורכפירען פאַלקאָם ווי געהעריג. אין אַלעס, וואָס דו האָסט געטאָן אין לעבען, האָסטו זיך אימער אויסגעצייכענט מיט דיין ארבייט. איך בין זיכער, אַז דו וואָלסט געווען אַן ערפאָלגרייכער פארמער, ווען דו האָסט די מאַטעריעלע מיטלען דערצו, אַזוי ווי דו האָסט געהאַט אין די רודניקעס (אייזען־מינען), אז דו זאָלסט זיין דער פארוואַלטער, און ניט ארבייטען אַזוי שווער.

ביסלאַכווייז איז דינה אויך צוגעבונדען געוואָרען צו דער פארם. שבת ביי־טאָג, ווען זי גייט ארום מיט יוספ'ן שפּאַצירען צווישען די פארזעעטע פעלדער, פילט זי אויך א צופרידענהייט פון זייער

אײגענטום. גײען זײ אַרום אין צװײען אונטער די בלױע הימלען, צװישען די גרינע פֿעלדער, און פֿילען זיך גליקלאַך, װאָס זײ זײנען געקומען אין דעם פֿרײען לאַנד, װאו דער איד קען געניסען אויך פֿון דער נאַטור גלײך מיט אַלע מענטשען; ניט װי אין רוסלאַנד, װאו אַ איד האָט ניט געטאָרט קױפֿען און ניט אַרענדירען לאַנד. גײען זײ און רײדען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט, פֿון דער געגענװאַרט און פֿון דער צוקונפֿט.

— מײן קינדהײט האָב איך פֿאַרבראַכט בײ דער נאַטור — זאָגט יוסף — צװישען פֿרעמדע פֿעלדעראון װעלדער, און אונזער עלטער װעלען מיר פֿאַרברײנגען צװישען אײגענע פֿעלדער און װעלדער. אַלע מײנע יאָרען האָב איך געבײנקט נאָך אַזאַ לעבען.

— יאַ — זאָגט דינה — פֿאַר דיר מיט דײן װעלט־אַנשױאונג, מיט דײנע באַגריפֿען װעגען לעבען, איז דאָס דער פּאַסענדסטער אַרט לעבען, נאָר דו זאָלסט ניט דאַרפֿען אַזױ שװער אַרבײטען.

אַלעס אַרום בליט און װאַקסט; און יוסף האָט שױן אַ גרױסען נחת דערלעבט: מען עסט פֿון דעם אײגענעם גאָרטען רעטעכלאַך, גרינע ציבעלעס, לעטוס. ליב האָט ער זײן גאָרטען. ער קוקט זיך צו צו יעדער פֿלאַנץ, באַמערקט ער אַ קראַנקליכע — פֿאַרניכטעט ער עס, צו פֿאַרהיטען, אַז אַנדערע זאָלען זיך ניט אָנשטעקען, און די געזונטע פֿלאַנצען שפּריצט ער מיט די ריכטיגע מאַטעריאַלען, צו פֿאַרהיטען פֿון קראַנקהײטען און צו פֿאַרניכטען די אינזעקטען. װען די פֿרוכטען זײנען נאָך געװען קלײנינקע, קלעטערט ער אויף די בױמער, און װאו עס איז צו געדיכט, רײסט ער אױס די ערגערע, אום עס זאָל בלײבען מער פּלאַץ פֿאַר די גוטע, אַז זײ זאָלען קענען װאַקסען אומגעשטערט.

אַלעס איז געגאַנגען זעהר גוט; נאָר אין מיטען זומער, װען מען נױטיגט זיך אין רעגענס, איז געװאָרען אַ טריקעניש מיט ברענענדיגע װינטען. יוסף זעהט, װי אַלעס װערט צודאַרט, געל, פֿאַרװעלקט און שטאַרבט אָפּ. ער לײדט אַ צװײענדיגען װײטאָג. עס טוט אים װעה דער מאַטעריעלער פֿאַרלוסט, װאָס אַלעס גײט פֿאַרלאָרען; און זײן האַרץ װײטאָגט אים, זעהענדיג װי אָט די שײנע, יונגע, לעבעדיגע פֿלאַנצען פֿאַלען טױט. פֿאַר אים זײנען דאָס

געוועז לעבעדיגע וועזענס — געאָטעמט, געלעבט, געוואַקסען, געזונט און שיין געווען, און מיט אַמאָל אָפּגעשוואַכט, עס גוסס'ט און שטאַרבט. ער וועגדעט אָן אַלע מיטלען צו רעטען, צו העלפען מיט אַלעס וואָס נאָר מעגליך. ער ווייס, אַז אין דער ערד איז פאַראַן אַ רעזעדוואואַר מיט וואַסער פון די פיל רעגענס, וואָס זיינען געווען אין פרילינג, און ער האָט געלעזען, אַז אום צו פאַר־היטען די פייכטקייט אין דער ערד, דאַרף די ערד אויבען זיין צוריבען. גייען אַרום ביידע זיהן מיט די פערד און מען קולטיווירט די פעלדער, וועלכע מען קען קולטיווירען אין דער צייט פון וואַקסען, ווי פּאָטייטאָס, קאָרן און דאָס גלייכען. דערצו נאָך מוז מען פאַרניכטען אַלע ווילדע גראָזען, וועלכע פאַרברויכען פיל וואַסער פון דער ערד. אין די רייהען וועלען זיי פאַרניכטעט פון קולטור־ווייטאָר, און וואו מען קען ניט צוקומען מיט די פערד, טוט מען עס מיט די הענט.

אַזוי אַרבייט יוסף מיט די זיהן אין די שרעקליכע היצען גאַנ־צענע טעג אויף די פעלדער, און דינה מיט די טעכטער אַרבייטען אין גאָרטען. מען לאָזט ניט קיין ווילדע גרעזעלע צווישען די גאָר־טענוואַרג, מען שלעפּט אויף זיך וואַסער, און מען באַוואַסערט דעם גאַנצען גאָרטען, און מען זעהט דייטליך, ווי די פלאַנצען זיינען זיך מחיה, ווערען דערפרישט און לעבען אָפּ.

טאָמער איז ווייניג געווען די טריקעניש, האָט מען דעם יאָר געהאַט אַן אָנשיקעניש פון פּאָטייטאָ־באָגס. דאָס איז אַ וואָרים, וואָס באַפאַלט די פּאָטייטאָס און פאַרניכטעט די פלאַנצען. די אַלטע פאַרמער זאָגען, אַז אַזאַ אָנשיקעניש פון באָגס קומט זעהר זעלטען. פאַנגט זיך אָן פאַר יוסף'ן אַ מלחמה מיט די באָגס. קיין מאַשין צו שפּריצען די פּאָטייטאָס האָט ער ניט, דאַרף מען שפּריצען מיט די הענט מיט אַזאַ שפּריצער. אָט די אַרבייט טוט יוסף אַליין, ערשטענס ווייל דאָס פאָדערט פאָרזיכטיגקייט, אַז מען זאָל ניט צוברענען די פלאַנצען מיט די שטאַרקע מאַטעריאַלען, מיט וועלכע מען שפּריצט; און צווייטענס, ווייל מען דאַרף דאָס טאָן גאַנץ פרי, ווען די טוי ליגט נאָך אויף די פעלדער, האָט ער רחמנות אויף די זיהן צו וועקען זיי. דאָס שפּריצען אָבער

העלפט נאָר אַביסעל. גייט אַרויס די גאַנצע געזינט און מען קלייבט מיט די הענט אָט די קורצע, גראָבע, עקעלהאַפטע ווערים. מען קלייבט זיי און מען פאַרברענט.

דער רעזולטאַט פון דעם ערשטען זומער איז געווען, אַז ביי יוסף׳ן איז אַלץ געווען בעסער געראָטען איידער ביי די אַלטע פאַר־מער. די מערסטע פאַרמער האָבען געהאַט פאַרלוסטען פון די פּאָטייטאָס, און יוסף האָט אַרויסגענומען וואָס אים האָט געקאָסט. קיין גאָרטענוואַרג האָט קיינער ניט געהאַט אַזעלכע ווי יוסף האָט געהאַט, און זיינע פרוכטען האָבען אַלע דורכפאָרער באַוואונ־דערט. און נאָך די אַלע גערעטענישען האָט ער אויך צוגעלעגט געלט, נאָר ווייניגער פון אַנדערע. ווען ער האָט אין הערבסט אַלץ פאַרקויפט פון זיין האַרוועסט, האָט ער קוים געהאַט גענוג אָפּצוצאָלען פאַר די זריעה מיט די פּוירטילייזער. האָט ער אָפּ־געצאָלט דעם חוב. ער האָט פיינט צו זיין שולדיג. זיין געלט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען, איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. ניטאָ קיין סענט ביי דער נשמה. נאָר אייגענע גאָרטענוואַרג, פּאָטייטאָס און פרוכטען אָנגעגרייט אויף אַ גאַנץ ווינטער. מען מוז דאָך אָבער דערצו נאָך עפּעס האָבען, און די איינקינפטע זייגען נאָר פון צוויי קיה מיט די ביסעל הינער. מוזען די קינדער גיין אַר־בייטען. זאָגט די עלטערע טאָכטער און דער קלענסטער זוהן, אַז אויב אַרבייטען — וועלען זיי בעסער אַרבייטען אין ניו יאָרק, און זיי זיינען טאַקע אַוועק קיין ניו יאָרק. דער מיטעלער זוהן מיט דער מיטעלער טאָכטער האָבען געפונען אַרבייט ניט ווייט פון פאַרם. אַרבייטען זיי שווער פאַר אַ קלעגליכען געצאָלט. דינה וויינט, צוריסען די געזינט אויף צווייען: דריי קינדער וואַלגערען זיך אין דער פרעמד אָהן אַ היים. קיינמאָל האָט זי יוסף ניט געזען אַזוי נידערגעשלאָגען. ער שטעלט זיך פאַר וויפיל פאָרווירפע ער וואָלט געהערט פון אַן אַנדער פרוי. דינה אָבער שווייגט, און ער געפינט ניט קיין טרייסט. ער האָט ניט קיין זיכערען וואָרט צו זאָגען איר. דעם ערשטען מאָל אין לעבען געפינען זיי ניט קיין רייד צווישען זיך.

אַ גאַנצען טאָג אַרבייט יוסף. ער באַרשט און קעמט די פערד און די קיה. ער פירט אַרויס די מיסט פון שטאַל יעדען טאָג. די פערד, די קיה און די הינער באַקומען זייער עסען אין צייט. ווען עס איז גליטשיג, האָט ער מורא צו טרייבען די קעלביגע קיה צום וואַסער באַרג־אַראָפּ, שלעפּט ער אויף זיך די וואַסער און ברייננט זיי אין שטאַל; און ווען דאָס וואַסער איז צו־קאַלט, ברייננט ער פון הויז וואַרימע וואַסער, און מישט מיט די קאַלטע. דערצו נאָך איז ער געוואָרען אַ האָלץ־העקער. קיין געלט צו קויפען קוילען איז ניטאָ, און באָרגען וויל ער ניט. שטייט ער און זעגט, האַקט און שפּאַלט די האָלץ. אַרבייט אַ האַלבען טאָג, און דינה פאַר־ברענט עס אין אַ פּאָר שטונדען, און אין שטוב איז ווייטער קאַלט. אין אָוועגט, ווען אַלע וויקלען זיך איין און דעקען זיך צו מיט די דוסישע אויבערבעטען, און שלאָפען, זיצט יוסף וואַרים אָנגעטאָן, און לערענט ביז האַלבע נאַכט. ער שרייבט אויס ליטעראַטור פון די אַגריקולטור קאַלעדזשעס און פון די עקספּערימענט סטיישאָנס. ער וויל אויסגעפינען פון וואָס און ווי אַזוי קען ער מאַכען אַ לעבען פון זיין פאַרם; און ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז אום צו זיין ערפאָלגרייך, דאַרף מען האָבען געלט, געזונט און שכל. קיין צווייג פון פאַרמעריי וועט ניט באַצאָלען, אויב מען לעגט ניט אַריין אַ באַדייטענדע סומע געלט. געזונט און שטאַרק דאַרף מען זיין, אַז מען זאָל ניט זיין אינגאַנצען אָפּהענגיג פון פרעמדע הענט. מען מוז אַליין קענען אַרבייטען, און שכל האָבען צו לערנען און פּראַקטיצירען ווי אַזוי צו באַאַרבייטען אַ פאַרם, און וויסען פון יעדער זאַך אַ פּינקטליכען רעכענונג.

און ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז פון זיין פאַרם, ווי זי איז איצטער, קען מען ניט מאַכען קיין לעבען. לייהען געלט און אַריינ־קריכען אין חובות, ווי אַנדערע טוען, וויל ער ניט. ער וויל ניט ריזיקירען מיט פרעמדע געלט, און ערגער פון אַלץ איז, וואָס די קינדער ווילען ניט בלייבען אויפ'ן פאַרם. ער אַליין איז שוואַך, און קען ניט אַרבייטען, און דינגען אַרבייטער צוליב אַלעם, וועט זיך ניט באַצאָלען פון אַזאַ קליינער ווירטשאַפט.

אַזוי איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער מוז פאַרקויפען די פאַרם. ער האָט זי פאַרקויפט פאַר מער, איידער ער האָט באַצאָלט,

ווייל ער האָט זי פיל אויסגעבעסערט, און דאָך האָט ער צוגעלעגט געלט, ווייל מען האָט דאָך געמוזט האָבען צום לעבען מער פון א יאָר צייט.

און אַזוי האָט ער באַגראָבען איינעם פון זיינע אידעאַלען, און איז אַוועק צוריק קיין ניו יאָרק מיט א דערשלאָגענעם געמיט. דינה אָבער איז זעהר צופרידען. די געזינט וועט זיין צוזאַמען, און יוסף וועט געפינען וואָס צו טאָן, ווען ער וועט שוין מער ניט דענקען וועגען פאַרמעריי.

קאַפּיטעל 32.

פון אַ פאַרמער אַ לערער און אַ שרייבער.

פּופּצען מאַנאַטען האָט יוסף געלעבט אויפ׳ן פאַרם אין פאַל־קאָמער שטילקייט. לאַנגע, ברייטע, שיינע, פרייע פעלדער האָט ער פאַר זיך געזען; און היינט איז ער צוריק אין ניו יאָרק. ער גייט אַרום זוכען אַ וואוינונג. עס איז אַ שיינער זומערדיגער פריי־מאָרגען. אַ מענטשען־ים שטראָמט פון אַלע זייטען. אַ טייל ווערט פאַרשלונגען אין דער ערד, מען לויפט צו די אונטערערדישע שנעל־צוגען, אַ טייל שפּרינגען אויף די הויכע טרעפּ צו די צוגען, וועלכע טראָגען זיך אין דער לופטען. אין גאַס לויפען טראַמווייען און אויטאָמאָבילען, איבער׳ן קאָפּ פליען לאַנגע צוגען, די זייטען פון די גאַסען זיינען געפּאַקט מיט מענטשען. אַ טומעל, אַ געפּילדער, אַ קלאַפּעריי. מענטשען לויפען, יאָגען און שטופּען איינע די אַנ־דערע, און יוסף איז אין מיטען. ער באַוועגט זיך ווי אַ פאַר־חלומ׳טער. דער קאָפּ שווינדעלט, אין די אויערען רוישט, די אויגען ווי פאַרנעבעלט, און די האַרץ נאָגט. ווי אין חלום זעהט ער פאַר זיך זיינע ברייטע פעלדער, דער גרינעם וואַלד און דאָס שיין טייר־כעלע. די האַרץ ווערט צונויפגעקוועטשט מיט אַ שניידענדען וויי־טאָג, און די אויגען אָנגעפילט מיט טרערען.

זיין וואונש איז איצטער, אויף וויפיל עס איז נאָר מעגליך, אויסצומיידען ניו יאָרקער טומעל. איז ער אַוועק אין איינעם פון די שטילערע געגענטען, און האָט דאָרט אַ דירה געדונגען. די דירה איז אפילו אַביסעל צו הויך, עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם, קרי־כענדיג אויף די טרעפּ ביז צום פערטען שטאָק, אָבער דערפאַר, ווען ער קריכט שוין אַרויף, האָט ער גענוג ליכטיגקייט און לופט אין יעדען צימער. ניטאָ דאָ קיין פינסטערע צימערען, ווי אין די מער־סטע ניו יאָרקער אָרימע וואוינונגען, און אָבוואָל ער זעהט דאָ ניט פאַר זיך קיין גרעזעלע און קיין בוימעלע, נאָך וועלכע ער בייגקט אזוי שטאַרק, דאָך איז ער צופרידען, וואָס ער קען דורכ׳ן פענסטער

אַמוויינינגסטען זעהן דעם הימעל אויף אַ גאַנץ לאַנגער און ברייטער שטרעקע. עס זיינען דאָך פאַראַן אין ניו יאָרק טויזענטער הייזער אין די געדיכט־באַפעלקערטע גאַסען מיט די אומגעהויער הויכע מויערען, וואו מען דאַרף אַרויסשטעקען דעם קאָפּ דורכ'ן פענסטער, פאַררייסען די אויגען אין דער הויך, ביז מען דערזעהט נאָר אַ לאַנגען, שמאָלען שטרייף פון הימעל.

דינה האָט באַלד אַלץ געבראַכט אין גוטער אָרדענונג. געמאַכט אַ גאַנץ שיינע באַקוועמליכע היים, און גליקליך איז זי, וואָס מען איז צוריק אַלע צוזאַמען. די קינדער זיינען אויך שטאַרק צופרידען, וואָס זיי האָבען וויטער זייער זיסע היים מיט זייערע ליבע עלטערען. אַלע קינדער האָבען באַשעפטיגונג, און יעדערער גיט דער מוטער אַ טייל פון זיינע פאַרדינסטען. זיי ווילען ניט, אַז די עלטערען זאָלען פאַרלעבען אינגאַנצען זייער ביסעל געלט וואָס איז איבערגעבליבען; און אַלעמענס וואונש איז נאָר איינער, אַז יוסף זאָל זיך בארואיגען און ווערען געזינטער. פיל געזונט האָט ער פאַר דער לעצטער צייט פאַרלאָרען.

יוסף האָט זיך בארואיגט. ער האָט שוין פאַר זיך אַ ציל, אַ נייער אידייע.

— דינה, זעץ זיך — האָט ער געזאָגט צו איר, ווען זיי זיינען געבליבען נאָר אין צווייען אין הויז — איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען.

— אָט אַזוי האָב איך ליב — זאָגט דינה שמייכלענדיג — ווען דו ווערסט אָנפאַנגען צו ריידען, און ניט אַרומגיין אַ פאַרטראַכטער און אַ פאַרזאָרגטער.

— איך וויל — האָט יוסף געזאָגט גאַנץ געלאַסען, אַז מיין ארבייט פון דער לעצטער צייט זאָל ניט גיין פאַרלאָרען. איך האָב פיל געלערענט וועגען אַגריקולטור טעאָרעטיש, און טיילווייז אויך פּראַקטיש, און איך וויל דאָס אויסנוצען. אויב מיר איז ניט באַשערט געווען צו פאַרווירקליכען מיין אידעאַל צו בלייבען אַ פאַרמער, וויל איך ברייגגען נוצען די טויזענדער אידישע פאַרמער,

וועלכע זיינען אומבאַקאַנט מיט די טעאָריעס און מעטאָדען פון מאָדערנער פאַרמעריי, און זיי קענען ניט די ענגלישע שפּראַך, דעריבער וויל איך אַרויסנעמען פון דער רייכער ענגלישער ליטע־ראַטור, און צוזאַמענשטעלען אין דער ענגלישער שפּראַך אין איין בוך דאָס אינטערעסאַנטסטע און נויטיגסטע, וואָס יעדער פאַרמער מוז וויסען, אום צו קענען מאַכען אַן ערפאָלג. דעם מאַנוסקריפּט וועל איך ווייזען אייניגע אויטאָריטעטען, און ווען זיי וועלען אָנ־ערקענען, אַז דער בוך איז גוט, וועל איך אים איבערזעצען אין אידיש.

— איך גלויב — זאָגט דינה — אַז ביי דיר וועט אַרויסקומען אַ גוטער בוך. דו ביזט דאָך אימער אַ גוטער לערער. איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, אויב דו רעכענסט דערפון האָבען טאַקע עפּעס מאַטריעלע נוצען. אונזער געלט וועט דאָך גיך אויסגיין, און פאַר־לאָזען זיך איינגאַנצען אויף די קינדערשע פאַרדינסטען וועסטו דאָך געוויס ניט וועלען.

— געוויס וויל איך דאָס ניט — ענטפערט יוסף — מען בעט מיך אין אייניגע הייזער, אַז איך זאָל געבען זייערע קינדער לעסאָנס אין אידישע למודים, וועל איך אָננעמען עטליכע לעסאָנס, און אין דערזעלבער צייט וועל איך לערנען און שרייבען דעם בוך. און אויף דיין פראַגע, אויב דאָס קען מיר ברייננען נוצען, דענק איך, אַז דער בוך אַליין קען מיר אַביסעל באַצאָלען, אָבער מיין הויפּט־צוועק איז, אַז איך זאָל דורכדעם קענען באַקומען אַ שטענדיגע שטע־לע. דו ווייסט דאָך, אַז די דזשואיש אַגריקולטשורעל סאָסייעטי (די אידישע אַגריקולטור געזעלשאַפט) האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצו־געבען דעם זשורנאַל „דער אידישער פאַרמער“. דאָס איז זעהר אַ נויטיגער זשורנאַל. דער פעלער איז נאָר, וואָס דער רעדאַקטאָר פון אָט דעם זשורנאַל קען ניט שרייבען קיין וואָרט אידיש, און דער מאַן, וואָס זעצט איבער פון ענגליש אין אידיש, איז אַבסאָלוט אומבאַקאַנט מיט אַגריקולטור, דעריבער קומען אַרויס פיל אַרטיקלען ניט דייטליך און אייניגע אומפאַרשטענדליך. די רעדאַקציע האָט שוין געביטען אייניגע מאָל די איבערזעצער, און זיי קענען ניט געפינען דעם מאַן, וואָס זאָל קענען אידיש, און זאָל זיין באַקאַנט מיט אַגריקולטור. צו זיין אַ גוטער איבערזעצער איז ניט גענוג

צו קענען ביידע שפּראַכען, נאָר מען מוז גוט באַקאַנט זיין מיט דעם געגענשטאַנד, וואָס מען זעצט איבער. מיין ענגלישער בוך, וואָס איך וועל אָנשרייבען, וועט זיין מיין עקזאַמען. אויב מען וועט זאָגען, אַז דער בוך איז גוט, וועל איך מיט אַ ריינעם געוויסען קענען נעמען אויף זיך אָט די פּאַראַנטוואָרטליכע אַרבייט; און איך גלויב, אַז זיי וועלען געדען זיין צו געבען מיר די שטעלע.

— יאָ — זאָגט דינה — דאָס וואָלט געווען פאַר דיר אַ פּאַ־סענדע אַרבייט, וועלכע זאָל דיך צופרידען שטעלען.

יוסף האָט באַלד אָנגענומען פיר העברייאישע לעסאָנס. מער וויל ער ניט נעמען. ער דאַרף די צייט פאַר זיך, און ער ווייס, אַז די פיר לעסאָנס וועלען ביי אים אויך צונעמען גענוג צייט. ער וועט ניט קענען, ווי די אַנדערע לערער, אָפּ'פּטר'ן אַ לעסאָן אין צוואַנציג מינוט.

אין איין רייכער הויז, האָט דער פאָטער פונ'ם קינד, אַ מאַן וואָס קען גוט לערנען, געזאָגט צו יוסף'ן, אַז זיין זוהן דאַרף נאָר דריי לעסאָנס אַ וואָך צו האַלבע שטונדען.

— אַזאַ לעסאָן גיב איך ניט — זאָגט יוסף. — דאָס וואָלט הייסען נאָר נאַריש מאַכען זיך. מען קען גאָר ניט אויסלערנען. איך וויל נאָר אַ גאַנצע שטונדע און זעקס מאָל אין וואָך.

— איך וואָלט אַ בעלן זיין זעהן — זאָגט דער פאָטער לאַכענ־דיג — ווי אַזוי איר וועט מאַכען, אַז מיין אַרטור זאָל זיצען אַ גאַנצע שטונדע און לערנען אידישע למודים.

— איך וועל פּרובען — זאָגט יוסף.

יוסף האָט זיך איבערצייגט, אַז דער צוועלף יעריגער אַרטור איז אַ פעאיגער און אַנטוויקעלטער אינגעל, האָט ער גענומען אויס־קלייבען און לערנען מיט אים די שענסטע צוציענדע פּלעצער פון דער ביבעל, און געגעבען דערצו ערקלערונגען. אינגיכען האָט יוסף דערוויזען, אַז אַרטור איז געזעסען מיט פאַרגעניגען און געלערענט אַ שטונדע, און אפילו מער. אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען נאָכ'ן לעסאָן איינגעלאַדען יוסף'ן אין עס־צימער. די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסען אַרום טיש, און אויפ'ן טיש איז געווען צוגעגרייט קאָניאַק און פאַרבייסען.

— מיסטער סיגעל — זאָגט דער פאָטער צו יוסף'ן — מיר ווי־לען אייך אויסדריקען אונזער דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אינטערעס, וואָס איר נעמט אין אונזער קינד, און וואָס איר האָט דערוועקט אין ארטור'ן אַן אינטערעס צו די אידישע למודים.

אין אַ געוויסער שיינער אידישער הויז האָט יוסף געהאַט אַן אַמעריקאַנער שטיקעל אַרבייט. נעמליך, צוגרייטען אַ אינגעל צו בר־מצוה.

— מיסטער סיגעל — זאָגט דער פאָטער צו יוסף'ן — מיין מעקסעלע ווערט אָינגיכען בר־מצוה. געלערענט האָט ער די גאַנצע צייט, און ווייס גאָר ניט. איצטער וויל איך נאָר, אַז איר זאָלט אים צוגרייטען צו בר־מצוה, דאָס הייסט, ער זאָל קענען לייענען די הפטרה, און האַלטען אַ ספּיטש (רעדע).

— איך בין דאָ שוין געווען אויף איינינע בר־מצוות — זאָגט יוסף — דער אינגעל זינגט די הפטרה און ווייס ניט איין וואָרט וואָס ער זאָגט. ער האַלט אַ ספּיטש, ניט האָבענדיג קיין באַגריף פון דאָס וואָס ער זאָגט. אין אזא קאָמעדיע וויל איך ניט נעמען קיין אנטייל. אָבער איך וועל פּרובען. אויב מעקסעלע וועט זיך לאָזען, אַז איך זאָל קענען איינפלאַנצען אין אים אַביסעל אידיש־קייט, וועל איך דאָס טאָן מיט פאַרגעניגען; אָבער אויב עס וועט ניט גיין, וועט איר דאַרפען זוכען פאַר אים אַן אַנדער לערער.

— איך האָף — זאָגט דער פאָטער — אַז איר וועט דורכפירען אייער שיינעם וואונש, און מיר וועלען אייך געוויס דאַנקבאַר זיין.

יוסף האָט אָנגעפאַנגען לערנען מיט מעקסעלען, פילענדיג, אַז ער האָט פאַר זיך אַ היילינע אויפגאַבע אריינצודרינגען אין דער יונגער נשמה, און געבען אים עטוואָס גייסטיגע שפּייז, אַז אַט דער קליינער אידעלע זאָל כאָטש אַביסעל האָבען אַ באַגריף וועגען אידענטום, ווען ער פאַרפליכטעט זיך צו זיין אַ געטרייער איד. לערענט מיט אים יוסף די פלעצער פון תורה און פון די נביאים, וואו עס ווערט געלערענט, ווי אַזוי דער איד דאַרף זיך אויפפירען אַלס מענטש און אַלס איד. אויך דערציילט ער אים אין קורצען די אידישע געשיכטע; און מעקסעלע הערט און שלינגט יעדען וואָרט. איידער מען האָט גענומען לערנען זינגען די הפטרה, האָט יוסף

ערקלערט ווער עס זיינען געווען די נביאים, און ווער איז געווען דער נביא, וועמעס ווערטער מעקסעלע דאַרף זאָגן אין דער הפטרה.

— דו ביזט ניט נאָר אַ גוטער לערער, נאָר דו ביזט אַ פּאָעט — האָט מעקסעלע אויסגעשריען מיט טרערען אין זיינע קינדערשע אויגען.

און ווירקלאַך האָט יוסף גערעדט זעהר שיין, מיט אַן ערנסטער באַגייסטערונג און מיט אַ טיפען גלויבען אין דאָס וואָס ער זאָגט. אַ קינד פילט און פאַרשטייט עס. אַזוי פלעגט זיך יוסף זיצען מיט מעקסעלען אין דעם פאָטער'ס שיינער ביבליאָטעק, און יוסף האָט ניט געוואוסט, אַז אין אַ זייטיגען צימער קומען צו יעדען מאָל אריין מעקסעלע'ס מוטער מיט זיין שוועסטער און מיט זיין ברודער'ס פרוי צו הערען יוסף'ס רייד.

יוסף איז באַפריינדעט געוואָרען מיט דער גאַנצער פאַמיליע. צו דעם בר־מצוה האָט מען איינגעלאַדען דינה'ן אויך. מעקסעלע'ס פאָטער האָט דערציילט פאַר די געסט, ווי אַזוי יוסף האָט געגרייט זיין זוהן צו דער בר־מצוה; און ווען די געסט האָבען געהערט דעם אינגעל'ס הארציגע רעדע, און זיי האָבען געזעהן טרערען אין זיינע אויגען, האָבען זיי זיך איבערצייגט, אַז דער אינגעל פאַר־שטייט און פילט וואָס ער זאָגט. ווען מען האָט געבעטען יוסף'ן, אַז ער זאָל עפּעס זאָגען, האָט ער גערעדט וועגען אידישער ערצי־אונג. אַלע זיינען געווען באַגייסטערט פון זיין רעדע, און איינער, אַ שיינער עלטערער איד, האָט געזאָגט:

— איך בין שוין מער פון צוואַנציג יאָר דאָ אין לאַנד, און האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזעלכע אמת'ע, ערנסטע, לאָגישע ווערטער.

אייניגע פון די געסט האָבען געבעטען יוסף'ן, אַז ער זאָל געבען לעסאָנס זייערע קינדער, און יוסף האָט געענטפערט, אַז ער האָט ניט קיין צייט.

— דו ביזט שטאַרק געפעלען אָט די רייכע אידען — זאָגט דינה צו יוסף'ן גייענדיג אַהיים — דו וואָלסט ביי זיי פון לערעריי קענען פיין פאַרדינען, אָבער איך וויל דאָס ניט, ווייל דאָס איז שווער פאַר דיין געזונט.

— איך דענק ניט צו ווערען אַ לערער — זאָגט יוסף — איך האָב איין ציעל צו פאַרפאָלקאָמען זיך אין אַגריקולטור, און זיין ניצליך מיינע ברידער די פאַרמער.

אַ גאַנצען יאָר האָט יוסף געלערענט און געשריבען דעם בוך אין ענגליש וועגען אַלע צווייגען אין פאַרמעריי. געמאַכט צוויי קאָפּיעס פון דעם מאַנוסקריפּט. איינע געשיקט צום דעפּאַרטמענט פון אַגריקולטור פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און איינע צו קאָר־נעלער אַגריקולטור קאָלעדזש, און געבעטען, אַז זיי זאָלען זאָגען זייער מיינונג וועגען זיין ווערק. פון ביידע פּלעצער האָט ער ער־האַלטען ענטפערס מיט זעהר גוטע מיינונגען. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו דער דזשואיש אַגריקולטשורעל סאָסיעטי, געוויזען זיי די בריף וועגען דעם בוך, און געפרעגט, אויב זיי וועלען אַרויס־געבען דעם בוך, ווען ער וועט אים איבערזעצען אין אידיש. ענט־פערען זיי, אַז זיי האָבען קיין פאָנד ניט צו דרוקען ביכער, אָבער זיי לעגען אים פאָר, אַז ער זאָל אָנשרייבען אין אידיש אַן אַרטיקעל „ווי אַזוי פלאַנצען וואַקסען“, און אויב דער אַרטיקעל וועט גוט זיין, ווילען זיי, אַז ער זאָל פאַרנעמען די שטעלע אַלס דער אי־בערזעצער פון ענגליש אין אידיש פאַר דעם אידישען פאַרמער. האָט יוסף אָנגעשריבען דעם אַרטיקעל, און האָט טאַקע באַלד פאַרנומען די שטעלע.

מיט לייב און לעבען האָט ער זיך אָפּגעגעבען צו דער אַרבייט. ניט נאָר זעצט ער איבער פון ענגליש, נאָר ער שרייבט אַליין־אַר־טיקלען, און אַלעס וואָס ער שרייבט, איז דייטליך, קורץ און פאַר־שטענדליך פאַר יעדען איינעם. מיט זעקס מאָנאַטען שפּעטער האָט מען אים געמאַכט פאַר מיט־רעדאַקטאָר, און מען האָט געהעכערט זיין געהאַלט. און דער רעדאַקטאָר, זייענדיג זיכער, אַז ער האָט אויף וועמען צו פאַרלאָזען זיך, האָט די גאַנצע אַרבייט אַרויפגע־וואָרפען אויף יוסף'ן. אַרבייט יוסף אַ גאַנצען טאָג אין דער רע־דאַקציע און קומענדיג אַהיים זיצט ער ווייטער און אַרבייט. ער אַרבייט שווער, אָבער די אַרבייט פאַרשאַפט אים פאַרגעניגען. ער שטעלט זיך פאָר די גוטע רעזולטאַטען פון זיין שרייבען, ווי זיינע ברידער די פאַרמער וועלען איצטער וויסען ווי אַזוי צו באַאַרביי־

טען זייערע פעלדער, ווי אַזוי אָפּצוהיטען זייערע קיה און זייערע עופות, און דאָס גלייכען, און דורכדעם וועט זייער צושטאַנד אויס־בעסערען זיך. און ניט נאָר פון אַגריקולטור שרייבט ער, נאָר ער לערענט זיי אויך ווי אַזוי צו פירען אַ רעכענונג פון יעדער זאַך, און פאַר יעדען יום־טוב שרייבט ער וועגען דער באַדייטונג פון יום־טוב, און פאַר די פאַרמערשע קינדער שרייבט ער קורצע אַר־טיקלען פון דער אידישער געשיכטע.

ער אַרבייט און פילט זיך גליקלאַך, און דינה פילט זיך נאָך גליקלאַכער, וואָס איר יוסף האָט אַ באַשעפטיגונג, וואָס האָט אים באַרואיגט גייסטיג, און וועט זיי פאַרזאָרגען מאַטעריעל, אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען, חלילה, אָנקומען צו דער הילף פון די קינדער.

קאַפּיטעל 33.

באַציאונגען צווישען די עלטערען מיט די קינדער.

אין אַלע צייטען איז אַ זעלטענהייט געווען, אַז צווישען די על־טערען און קינדער זאָלען עקזיסטירען פאָלקאָמע פריינטליכע באַ־ציאונגען. דער יונגער דור האָט אימער אַריינגעטראָגען עפּעס נייעס אין לעבען, און דער אַלטער דור האָט שטאַרק געקעמפט געגען דעם. און היינטיגע צייטען, ווען עס קומען פאָר גרויסע ענדע־רונגען אין לעבען, איז דער קאַמף צווישען עלטערען און קינדער נאָך שטאַרקער געוואָרען. ניט נאָר אַ פריינטליכע אַטמאָספערע פעלט אין די מערסטע הייזער, נאָר עס קומען פאָר צאַנקערייען צווי־שען עלטערען און קינדער: איבערהויפּט דאָ אין אַמעריקע צווי־שען אַ טייל אידישע אימיגראַנטען. די עלטערען בלייבען ביי זייע־רע אַלטע באַגריפען און געוואוינהייטען. זיי רעכענען זיך ניט מיט דער נייער אומגעבונג, מיט דער נייער וועלט און מיט דער נייער צייט. און די קינדער גייען מיט דעם שטראָם פון דעם אַמע־ריקאַנער לעבען. די מערסטע פון זיי זאַפּען אין זיך אַריין נאָר די אַמעריקאַנער גאַסען־קולטור, רעכענען זיך פאַר אַמעריקאַניזירטע, קוקען פון אויבען אַראָפּ אויף זייערע „גרינע" עלטערען, און אַנ־ערקענען ניט אין קיין הינזיכט דעם אויטאָריטעט פון די עלטערען. קעמפען די עלטערען מיט די אַלטע וואַפען, און בלייבען די באַ־זיגטע. די קינדער ווערען פרעמד פון די עלטערען. ניטאָ קיין צוזאַמענבונד. מען קען ניט איינהאַלטען די קינדער אין הויז. אפילו שבת און יום־טוב ביי פרומע עלטערען צולויפען זיך די קינדער, און די עלטערען בלייבען אַליין אין צווייען, ביידע עלענדע, טרויעריגע, אינגאַנצען אַנטוישט, פאַרביטערט, מיט אַ טיפען וויטאָג אין הארצען.

די סיגעלס זיינען געווען גליקליכע עלטערען, צווישען זיי און זייערע קינדער זיינען געווען פאָלקאָמע פריינדליכע באַציאונ־

גען. זעקס קינדער האָבען די סיגעלס: דריי זיהן און דריי טעכטער.

דאָס עלטסטע קינד איז אַ טאָכטער, אַ לערערין ביי פּראָפעסיע; אַ מענטש איז זי מיט אַ געזונטען פארשטאַנד און מיט אַ גלייכען קאָפּ. זי האָט פיל געלערענט און געלעזען, און פון אַלעם האָט זי אין זיך אריינגעזאַפּט דאָס בעסטע. זי איז שטאַרק אידעאַליסטיש, ניט צוגעפּאַסט צו דער מאַטעריאַליסטישער וועלט. און דערצו נאָך איז זי פון דער נאַטור געניייגט צו פעסימיזם. אין איר נשמה געפינט אַן אָפּקלאַנג יעדער זיפץ, יעדער קרעכץ.

דאָס צווייטע קינד איז אַ זוהן, ביי פּראָפעסיע אַן אינזשעניר. ער איז דער קאָנטראַסט פון זיין עלטערער שוועסטער. ער איז פון דער נאַטור אַן אָפּטימיסט אין דעם פולען זינען פון דעם וואָרט. דערצו האָט ער נאָך פון זיין פאָטער איבערגענומען זיין אָרענט־ליכקייט און זיין ערנסטקייט. מיט אַ זעלטענער ערנסטקייט באַציט ער זיך צו אַלע זיינע פליכטען אין לעבען. און פון זיין מוטער האָט ער באַקומען ניט נאָר אירע שוואַרצע מילדע אויגען, וועלכע דרינגען אריין אין דעם צווייטענס נשמה און ברייגגען אַ קוויקענדע וואַרימקייט, נאָר אויך איר ליבען זיסען שמייכעל, וועלכער קען ווי אַ זונען־שטראַל צוטרייבען די געדיכטע וואָלקענס פון דעם אַלטעגליכען לעבען.

דאָס דריטע קינד איז אַ זוהן, אַ געשעפטסמאַן. אַ שטילער, געלאַסענער מענטש, מיט אַן איידעלען פּנים, וואָס האָט מער גע־פּאַסט פאַר אַן אינטעליגענטער פּראָפעסיע. ער זעט אויס צו זיין קאַלטבלוטיג צו אַלעם, אָבער טיף אין הארצען איז ער אַ שטאַרקער פילענדער. אין דער ביזנעס־וועלט איז ער געאַכטעט פאַר זיין אָרענטליכקייט און פּינקטליכקייט, ,און אין געזעלשאַפט האָט מען אים ליב פאַר זיינע פריינדליכע באַציאונגען.

דאָס פערטע קינד איז אַ טאָכטער. אַ גוטהאַרציגע, שטילע און באַשיידענע. זי האָט ניט קיין גרויסע פאָדערונגען פון לעבען. זי זוכט ניט קיין איבעריגע פאַרגעניגענס. זי פאַרלאַנגט נאָר אַ שטילען אָרענטליכען לעבען, צו זיין אַ גוטע, געטרייע פרוי און מוטער, צו ליבען און זיין געליבט.

דאָס פינפטע קינד איז אַ זוהן, אַ יונגערמאַן פול מיט לעבען, מיט מוט, מיט ענערגיע און מיט אויסערליכער פרייד. אָבער זיין נשמה איז אַ צעוויטאַגטע, זיין גייסט איז אימער אומרואיג. ער איז ניט אויף זיין געהעריגען פלאַץ. ער אַרבייט אין דער געשעפטס־וועלט, קערפערליך פארהאַוועט אין דער מאַטעריאַליסטישער וועלט, אָבער אין דערזעלבער צייט שוועבט זיין נשמה אין אַנדערע וועל־טען. ער בענקט אימער נאָך גייסטיגעס אין לעבען.

דאָס זעקסטע קינד איז די מיזינקע. אַ בליענדע ראָזע, שיין, הויך, שטאַרק געוואַקסען, מיט אַ טרוימערישען בליק אין אירע אויגען, מיט אַ גוטמוטיגקייט אויף איר פּנים, און מיט אַ זעלטע־נער באַשיידענהייט אין אַלע אירע אויפפירונגען און פאָדערונגען פון לעבען.

אָט די זיינען סיגעל'ס זעקס קינדער. פאַרשיידען זיינען זיי אין פיל הינזיכטען, אָבער אין יעדערען פון זיי געפינען זיך איינע און דיזעלבע שטריכען, סיי אין כאַראַקטער און סיי אין זייער וועלט־אַנשויאונג. דאָס זיינען די פיינע מענטשליכע שטריכען, וואָס זיי האָבען איבערגענומען פון זייערע עלטערען. מען קען דערקענען, אַז דאָס זיינען די קינדער פון יוסף און פון דינה.

די עלטערען און די קינדער לעבען צווישען זיך ווי גוטע גע־טרייע ברידער און שוועסטער. געווים טרעפען זיך פאַרשיידענהיי־טען אין מיינונגען. די יונגע ווערען דאָך שנעלער אַמעריקאַניזירט, און פּאַסען זיך גיכער צו צום נייעם לעבען. קומען אַמאָל פאָר געשפּרעכען. מען אַרגומענטירט, אָבער אַלעס אָנשטענדיג, מיט ליבע און אַכטונג; און די אַכטונג איז ניט נאָר פון די קינדער צו די עלטערען, נאָר אויך פון די עלטערען צו די קינדער. ניט נאָר די קינדער מאַכען קאָמפּראָמיסען צוליב די עלטערען, נאָר די עלטערען מאַכען אויך קאָמפּראָמיסען צוליב די קינדער; און דעריבער זיינען זיי אַזוי שטאַרק צוגעבונדען איינע צו די אַנדערע. אַלע האָבען פאַרגעניגען, ווען מען האָט אַ געלעגענהייט צו זיין צוזאַמען די גאַנצע געזינט. פרייטאָג צו נאַכט, אָדער יום־טוב, וועט קיין קינד ניט פאַרפעלען צו זיין אין דער היים. זיי האָבען

ליב די שיינע שבת'דיגע און יום־טוב'דיגע שטימונג, וועלכע זיי זעהען ביי זייערע עלטערען אין הויז.

אין אלגעמיין פילט זיך יעדעס קינד, אז דאָס איז זיין היים. יעדערער פון זיי האָט זיינע פריינט. ברייגנט מען אָפט די פריינט צו זיך אהיים; און די יוגענט פילט זיך היימיש ביי די סיגעלס אין הויז אין דער אַנוועזענהייט פון יוספ'ן מיט דינה'ן, וועלכע זיינען אליין נאָך יונגע אין זייערע נשמות.

קאפיטעל 34.

די פרוי, ליבע, הייראט און גט ביי אידען.

שוין צען יאר זיינען די סיגעלס אין אמעריקע. צוויי זיהן און צוויי טעכטער האבען שוין געהייראט. דער אינגסטער זוהן איז א חתן, און די קלענסטע טאכטער איז א כלה. יעדערער האט א באַשעפטיגונג, און אלע זיינען צופרידען, איבערהויפט יוסף איז שטארק צופרידען פון זיין ארבייט.

היינט איז א קאלטער הערבסט אָוענט. נאך א טאג שווערע ארבייט, לויפט יוסף אהיים א מידער. ער קומט אריין אין הויז פארגעסט ער באלד זיין מידקייט. אין אלע צימערען איז ליכטיג און ווארים. אין עסצימער איז דער טיש געגרייט שענער איידער געוועהנליך. דינה באגעגענט אים מיט א שיינענדיגען פנים, צו־קושט זיך מיט אים און זאגט:

— מזל־טוב אונז! היינט איז זעקס און דרייסיג יאר נאך אונ־זער חתונה, און די קינדער האבען פארלאנגט, אז מיר זאלען דעם אָווענד פארברייגגען צוזאמען.

— גאַנץ פיין. מזל־טוב אונז — זאגט יוסף, און צוקושט זיך נאכאמאל מיט דינה'ן.

באלד זיינען אריינגעקומען אלע קינדער צוזאמען. די זיהן מיט זייערע פרויען, די טעכטער מיט זייערע מענער, דער אינגסטער זוהן מיט זיין כלה, און די מיזינקע מיט איר חתן. מען קושט זיך, און די קינדער ווינשען די עלטערען גליק און לאנגע יאר, אז מען זאל דערגרייכען די גילדערנע חתונה און נאכהער די דימענטענע. דער עלטערער זוהן, וועלכער איז גרינג אויף טרערען, ווינשט און באַגיסט זיך מיט טרערען. אלעמענס אויגען ווערען אנגעפילט מיט

טרערן. מען בלייבט שטיין שטיל, אַנקוקענדיג איינע די אַנדערע מיט טיפער ליבע.

באַלד האָט מען זיך צוזעצט ארום טיש פאַרלעכווייז. אין די עלטערענס אויגען זעהען די קינדער אוים ווי איין שיינער בוקעט פון פאַרשיידענע פרישע שיינע בלומען. מען עסט דינה'ס געשמאַקע שפּייזען. די שניר לויבען דער שוויגער'ס באַקען און קאָכען. די זיהן וויצלען זיך; אַלע לאַכען, און די עלטערען ווערען איבערפילט מיט נחת און פרייד.

באַלד נאָכ'ן עסען האָבען גענומען אריינקומען געסט. יונגע מענטשען, גוטע פריינט פון די קינדער, וועלכע זיינען אויך באַ־פריינדעט מיט די עלטערען.

די יונגע חברה איז אין אַ גוטער שטימונג. מען שטייט צו צוויי, צו דריי צוזאַמען. מען רעדט, מען לאַכט, און עס ווערט אביסעל טומלדיג.

— לאָמיר טאָן עפּעס אַלע צוזאַמען — זאָגט סיגעל'ס עלטערע טאָכטער.

— לאָמיר שפּילען אין פאַנדען — האָט אויסגעשריען די יונגע, קליין־געוויקסיגע, עקסצענטרישע בעסיע — און איר, מיסטער סי־געל, וועט דאָך אויך שפּילען מיט אונז — האָט בעסיע געזאָגט, און געכאַפּט יוסף'ן אונטער'ן אָרים, צוגעפירט און אריינגעזעצט אין אָרם־שטול.

— געוויס וועלען מיר אויך שפּילען — האָט יוסף געזאָגט, און אוועקגעזעצט דינה'ן נעבען זיך.

די שפּיל איז באַשטאַנען דערינען, וואָס איינער גייט אוועק אין אַן אַנדער צימער. די פאַרזאַמעלטע קלייבען אוים אַ נאָמען פון אַ באַוואוסטער פּערזאָן. דער אָפּוועזענדער קומט אריין צוריק, און פרעגט יעדען איינעם אַ פראַגע וועגען דער פּערזאָן, וואָס זיי האָבען אין זינען. מען ענטפער אים אויף די פראַגען איין וואָרט: „יא“, אָדער „ניין“, ביז ער טרעפט. דער וואָס טרעפט נ י ט, דאַרף געבען אַ פאַנד. יוסף'ן האָט מען אויך מכבד געווען, אַז ער זאָל ארויסגיין, און איין מאָל האָט ער פאַרשפּילט און געגעבען אַ פאַנד. ווען עס האָבען זיך שוין אָנגעקליבען פיל פאַנדען, האָבען

די ריכטער גענומען אַרויסגעבען יעדען זיין שטראַף. איינער האָט געדאַרפט עפּעס זינגען, אַ צווייטער האָט געדאַקלאַמירט, דער דריטער האָט געדאַרפט דערציילען עפּעס אַ גוטען וויץ, און דאָס גלייכען.

דינה האָט געבעטען די ריכטער, אַז זיי זאָלען אָפּלעגען אויף שפּעטער זייערע אורטיילען. מען זאָל בעסער גיין צום טיש נעמען עפּעס אין מויל. יוסף'ן מיט דינה'ן האָט מען אָוועקגעזעצט אויבען־אָן, און די טעכטער האָבען דערלאַנגט אַ היימישע גוטע ביסעל וויין מיט סענדוויטשעס פון צונג, וואָס דינה האָט געבראַטען. איינער פון די יונגעלייט האָט גענומען אַ גלעזעל וויין און געזאָגט:

— איך טרינק פאַר דעם געזונט פון די אימער יונגע חתן־כלה, מיסטער און מיסעס סיגעל.

אַלע האָבען גענומען די גלעזלאך וויין און הארציג געוואונשען די סיגעלס גליק און לאַנגע יאָר.

ווען די חברה האָט שוין מיט אַפּעטיט פאַרביסען, האָט סיגעל'ס עלטערע טאָכטער געזאָגט:

— אַזוי ווי דער פּאַפּאַ האָט נאָך ניט באַקומען זיין שטראָף פאַר זיין פאַנד, וויל איך פאָרשלאָגען, אַז מען זאָל אים פאַראורטיילען, אַז ער זאָל אונז געבען אַ לעקציע ווי אַזוי צו שאַפען אַ שיינעם פאַמיליען־לעבען.

— זעהר גוט! — האָבען אַלע גענומען שרייען — מיסטער סיגעל, גיט אונז אַ לעקציע!

— אַ שווערע שטראָף האָט איר מיר געגעבען — זאָגט יוסף שמייכלענדיג. — היינטיגע צייטען איז שווער צו געבען אַ לעקציע וועגען פאַמיליען־לעבען. די פרוי האָט רעוואָלטירט געגען איר לאַגע אין געזעלשאַפט. זי פאָדערט גלייכע רעכט מיט די מענער. עמאַנסיפּאַציע אין דעם פולען זינען פון דעם וואָרט. און אַזוי ווי אין יעדער רעוואָלוציע, טרעפט, אַז די רעוואָלוציאָנערען גהען צו עקסטרעמען, אַזוי קומט אויך פאָר אין דער פרויען רעוואָלוציע. פיל פון זיי באַנוגענען זיך ניט מיט די רעכט, וואָס זיי באַקומען, נאָר זיי ווילען אויך באַפרייען זיך פון די פליכטען, וועלכע ליגען אויף דער פרוי. מיר הערען אָפט, ווי אַ גאַנץ געוויינליכע פרוי זאָגט, אַז אָפּגעבען זיך מיט הויז־ווירטשאַפט איז אַן ערנידעריגונג

פאַר איר ווירדע; און איניגע רעכענען, אַז אפילו די ערציאונג פון די אייגענע קינדער איז ניט צופרידענשטעלענד פאַר זייער אַמ־ביציע. זיי ווילען בעסער אָפּגעבען זייער צייט אויף אַנדערע גע־ביטען, צוליב פאַרדינען געלט, אָדער צוליב אַביסעל כבוד. און אַזוי ווי אַלע באַפרייטע שקלאַפען, ווען זיי באַקומען די מאַכט, ווערען זיי אַליין דעספּאָטיש צו זייערע פריהערדיגע הערשער, אַזוי טרעפט אָפט, אַז די באַפרייטע פרוי וויל דעספּאָטיש באַהערשען איר מאַן. און אַזוי איז אין דעם פאַמיליען־לעבען געוואָרען אַ כאַאָס. די אַלטע פאָרמע ווערט פאַרניכטעט, און קיין נייע איז נאָך ניט געשאַפען געוואָרען.

— און וואָס איז אייער מיינונג וועגען אָט דער וויכטיגער פראַגע — האָט געפרעגט איינע פון די געסט, אַ לערערין אין אַן אַמעריקאַנער שולע.

— מיין מיינונג איז — האָט יוסף געזאָגט — אַז די פרוי דאַרף געוויס האָבען פאָלקאָמע גלייכע רעכט מיט די מענער. זי דאַרף האָבען אַ קאַריערע צו האָבען די מעגליכקייט צו לעבען זעלבסט־שטענדיג, און ניט אימער זיין אָפּהענגיג פון דעם פאָטער אָדער פון דעם מאַן. זי דאַרף זיין צוגעגרייט גלייך מיט די מענער צו קענען באַטייליגען זיך אין אַלע צווייגען פון געזעלשאַפטליכע לעבען. אָבער די הויפּט־אויפגאַבע אין דער דערציאונג פון אונזערע טעכ־טער דאַרף זיין צוגרייטען זיי אַלס גוטע, באַוואוסטזיניגע, מאָדערנע ערציהערינס פון זייערע קינדער. ווען יעדע מוטער וועט זיין אַ גוטע לערערין פון אירע קינדער, וועט זי פאַר דער מענשהייט ברענ־גען גרעסערע נוצען איידער מיט אירע אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע ארבייט. געוויס דאַרפען זיין אויסנאַמען. ווען אַ יונגע פרוי באַ־זיצט גרויסע פייאיגקייטען צו אַ געוויסער צווייג אין אונזער גע־זעלשאַפטליכען לעבען, דאַרף זי דאָס קענען דורכפירען אומגע־שטערט; אָבער אין אַלגעמיין דאַרף זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון דער פרוי אויפצוברייגגען אַ יונגען דור, וועלכער זאָל זיין גוט אַנטוויקעלט קערפּערליך און גייסטיג; און ווען די קינדער וועלען שוין זיין פאָלקאָם זעלבסטשטענדיג, דאַן קען די מוטער פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט אַ שטעלע אָדער אַן אַמט, צו וועלכען זי איז

צוגעפּאַסט; און איך בין זיכער, אַז צווישען די פרויען געפינען זיך גענוג פּייאַיגע, וועלכע קענען מיט ערפאָלג פאַרבייטען די מענער אויף אַלע געביטען.

— איך וויל אייך עפּעס פרעגען — האָט די לערערין געזאָגט צו יוספ'ן: — וועלען די רעליגיעזע אידען זיין צופרידען מיט דער גלייכבארעכטיגונג פון די פרויען? אין דער ביבעל ווערט דאָך געזאָגט, אַז דער מאַן וועט זיין דער הערשער איבער דער פרוי.

— מיר דאַרפען ניט פאַרגעסען — זאָגט יוסף — אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרען מער פון דריי טויזענט יאָר צוריק. אין דער צייט, ווען ביי אַלע פעלקער האָט זיך די פרוי גערעכענט אַלס אייגענטום פון מאַן, אַזוי ווי אַלע אַנדערע זיינע קנעכט; און מיט פופצען הונדערט יאָר נאָך דער צייט, ווען אונזער תורה איז געגעבען געוואָרען, איז געקומען דער קריסטענטום און האָט אין נייעם טעסטאַמענט אָנגעזאָגט, אַז די פרוי זאָל זיין אונטערטעניג און געהאָרכזאַם צו איר מאַן. און אפילו היינט, אין דער ציוויליזירטער קריסטליכער וועלט, אין פיל לענדער, איז דער מאַן געזעצליך דער אויבערהאַר אין פאַמיליען-לעבען. היינט וואָס איז דער וואונדער, וואָס די תורה האָט מיט מער פון דריי טויזענט יאָר צוריק געזאָגט צו דער פרוי, אַז דער מאַן וועט הערשען איבער דיר. און מיר דאַרפען באַמערקען, אַז דאָס איז ניט אַ געבאָט ווי אין דעם נייעם טעסטאַמענט, נאָר דאָס איז געווען אַ שטראָף, מיט וועלכער גאָט האָט באַשטראָפט די פרוי, פאַרוואָס זי האָט צוגערעדט איר מאַן, אַז ער זאָל עסען פון עץ הדעת.

אין אַלגעמיין זיינען אין דער תורה ניטאָ קיינע געזעצען וועגען די באַציאונגען פון דעם מאַן צו זיין פרוי אין זייער אַלטעגליכען לעבען. דערפאַר אָבער האָבען מיר אין דער תורה די שיינע דערציילונג, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפען די פרוי. אונזער געזעצגעבער האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב איינפלאַנצען אין דעם מענטשען שיינע זיטען און זיין אויפפירונג, זיינען ניט גענוג געזעצען, וועלכע קענען אַפּעלירען נאָר צום מענטשען'ס פאַרשטאַנד, נאָר פיל גרעסערע נוצען קען ברענגען אַ שיינע פּאָעטישע דערציילונג, וועלכע אַפּעלירט מער צו אונזער הארץ, צו אונזערע געפילען, דרינגט אַריין טיף אין

אונזער נשמה, און דינט אַלס אַ ביישפּיל ווי אַזוי צו אויפפירען זיך אין לעבען. איינע פון די פילע דערציילונגען אין אונזער תורה, איז די דערציילונג, ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפען די פרוי. עס ווערט דערציילט, ווען גאָט האָט באַשאַפען דעם מענטשען, האָט גאָט פאַרפלאַנצט אַ גאָרטען מיט אַלערליי בוימער, שיינע פאַר׳ן אויג און מיט גוטע פרוכט צום עסען. ארום דעם גאָרטען האָבען טייכען געפליסט, און פיל גאָלד און טייערע שטיינער זיינען אין יענער געגענט געווען; און אין אָט דעם פראַכטפולען גאָרטען האָט גאָט אַריינגעזעצט דעם מענטשען. דאַכט זיך אַלעס אַזוי שיין און גוט, און דאָך האָט אים גאָט געזאָגט: „עס איז ניט גוט פאַר דעם מאַן צו זיין אַליין. איך וועל אים אַ געהילפע באַשאַפען“. און גאָט האָט איינגעשלעפערט דעם מאַן, ארויסגענומען איינע פון זיינע ריפען, און באַשאַפען דערפון די פרוי. דערפון זעהען מיר, ערשטענס, אַז די תורה אָנערקענט די וויכטיגע ראָליע, וואָס די פרוי שפּילט אין לעבען, אַז אָהן איר קען ניט זיין קיין גליק און צופרידענהייט אין לעבען; צווייטענס, אַז די פרוי איז באַשאַפען נאָר צו העלפען דעם מאַן צו מאַכען דעם לעבען שענער און זיסער, אָבער ניט צו רעכענען זי אַלס שקלאַפין; דריטענס, גאָט האָט באַשאַפען די פרוי פון דעם מאַנ׳ס ריפּ, אום ער זאָל געדענקען, אַז זי איז אַ טייל פון אים און זי דאַרף זיין גלייך צו אים אין אַלע הינזיכטען. און די תורה פאַרענדיגט מיט די ווערטער: „און דער מאַן זאָל זיך באַהעפטען צו זיין פרוי, און זיי זאָלען זיין ווי איין וועזען“.

אָט די ערציילונג האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער באַציאונג פון די אידען צו דער פרוי. די אידישע פרוי האָט אין די אַלטע צייטען געשפּילט אַ וויכטיגע ראָליע אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. אין דער ביבעל ווערט דערצעהלט וועגען דבורה׳ן, די פּראָפעטין, אַז זי איז געווען די גרויסע פירערין פון דעם אידישען פאָלק, וועלכע האָט באַפרייט איר פאָלק פון די אַרומיגע פיינט. און שפּעטער איז געווען חולדה, די פּראָפעטין, וועלכע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אַלס לערערין פון דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם.

ווי שיין עס איז אַנטוויקעלט געוואָרען ביי אידען דעם באַגריף וועגען די באַציאונגען צווישען מאַן און ווייב, קען מען זעהן דער־

פון, וואָס די אידישע פּראָפּעטען, ווען זיי ריידען וועגען דער ליבע פון גאָט צו זיין פאָלק ישראל, פאַרגלייכען זיי גאָט צו אַ מאַן און דאָס פאָלק ישראל אַלס זיין פרוי.

און אין דעם קאָדעקס פון אידענטום, „אין תלמוד, ווערט געזאָגט: „דער מענטש זאָל אימער אָפּהיטען דעם כבוד פון זיין פרוי, ווייל די ברכה פון גאָט קומט אין דעם מענטשענ'ס הויז, נאָר דורך דער פרוי". און אין נאָך אַ פּלאַץ אין תלמוד ווערט געזאָגט: „דער וואָס האָט ליב זיין פרוי ווי זיך אַליין, און רעספּעקטירט זי מער איידער זיך אַליין, וועט אימער געפינען זיין גליק און פרידען אין זיין הויז".

אָט דאָס איז די אידישע לערע וועגען דער פרוי: פאָלקאָמע רעכט, גלייך מיט דעם מאַן, און ליבע מיט אכטונג פון דעם מאַן צו איר.

איינער פון די יונגעלייט, וועמעס פרוי איז אַ שטאַרקע געגענערין פון הויז־אַרבייט, האָט זיך געווענדעט צו יוסף'ן מיט אַ שמייכעל און געפרעגט:

— איצטער ווייסען מיר, וואָס די אידישע תורה פאָדערט פון דעם מאַן אין זיינע באַציאונגען צו זיין פרוי. וואָס זאָגט עפּעס די תורה וועגען דער פרוי'ס פליכטען?

— אין דער ביבעל — זאָגט יוסף — ווערט די פיינע פרוי אָנגערופען „אשת חיל". דאָס וואָרט „חיל" האָט דאָ פיל באַדייטונגען. דאָס מיינט: ערליכקייט, וואַרהאַפטיגקייט און גערעכטיגקייט. פרייטאָג־צו־נאַכט זינגט דער איד מיט זיינע זיהן אַ געוויסען קאַפּיטעל פון דער ביבעל, אין וועלכען עס ווערט באַזונגען די „אשת חיל", וואו זי ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַ גוטע, גאָטספאָרכטיגע, וואוילטעטיגע פרוי, וועלכע באַזיצט די פייאיגקייט און דעם ווילען צו פאַרזאָרגען איר הויז־געזינט מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, צו זיין שפּאָרזאַם, האָבענדיג אין זינען דעם מאָרגען, און דאָך איז איר האַנט אָפען צו העלפען דעם נויטבאַדערפטיגען. אָט דאָס איז אין דער אידישער לערע דער באַגריף וועגען דער פיינער פרוי. געוויס איז דאָס אַ שווערע אויפגאַבע, אָבער אומשאַצבאַר איז איר באַלוינונג, איר גייסטיגע צופרידענהייט, פילענדיג, אַז זי טוט

איינע פון די שענסטע און ניצליכסטע ארבייט, וואָס א מענטש קען טאָן. די פרוי מיט פארשטאַנד און מיט זעלבסט־ווירדע, רעבענט דאָס ניט פאר שקלאַפעריי. זי איז ניט א שקלאַפין, נאָר די הער־שערין אין הויז. זי קען מאכען איר הויז פאר וואָס זי וויל. זי קען פארוואנדלען איר הויז אין א פלאַץ פון רואיגקייט, פון פריינטשאַפט, פון קערפערליכען און גייסטיגען פארגעניגען. זי קען מאכען איר הויז פאר א טעמפעל, און זי ווערט דער גרענד פריסט.

בעסיע האָט געכאַפט א גלעזעל וויין און אויסגעשריען:

— טהרי טשירס פאָר מיסעס סיגעל! זי איז דער גרענד פריסט אין איר שיינעם טעמפעל, זי איז די אמת׳ע אשת חיל!

— הורעי פאָר מיסעס סיגעל! — האָבען אַלע אויסגעשריען.

דינה, אביסעל פארשעמט, האָט הארצליך געדאַנקט.

— איצטער לאָמיר טרינקען טיי — האָט דינה געזאָגט.

די טעכטער און די שניר זיינען אוועק אין קיך און באַלד איז געוואָרען א פולער טיש מיט געשמאַקע געבעק, וואָס דינה האָט געבאַקט, אויך פארשיידענע פרוכטען, קענדים און טיי. מען עסט און מען טרינקט און מען פירט גאַנץ ערנסטע געשפרעכען.

בעסיע האָט אָפגעזופט א האַלבע גלאָז טיי, א כאַפּ געטאָן א יונגעמאַן און אוועק טאַנצען, זינגענדיג. סיגעל׳ס אינגסטער זוהן מיט זיין כלה, און די מיזשינקע מיט איר חתן זיינען אויך אוועק טאַנצען, און דער געלאַסענער מיטעלער זוהן האָט גאַנץ רואיג גענומען זיין ווייבעל און טאַנצט אויך. מען טאַנצט, מען לאַכט, עס איז פריילאַך.

אָפגעטאַנצט, צוריק צוזעצט זיך ארום טיש, און די לערערין האָט זיך געווענדעט צו יוספ׳ן:

— איך וויל אייך פרעגען, פארוואָס זאָגט די ביבעל, ווען די פרוי געפעלט ניט דעם מאַן, זאָל ער איר געבען א גט. דאָס הייסט, אז דער מאַן האָט די פריווילעגיע צו באַפרייען זיך פון דער פרוי, אָבער די פרוי קען ניט באַפרייען זיך.

— די תורה מיט טויזענטער יאָרען צוריק — זאָגט יוסף — האָט טאַקע געגעבען די פריווילעגיע דעם מאַן צו קענען גט׳ן זיין

פרוי, אָבער שפּעטער האָבען אונזערע געזעצגעבער געגעבען דער פרוי דאָסזעלבע רעכט צו פאָדערן פון איר מאַן א גט, אויב זי האָט געוויסע אורזאַכען. אונזער גרויסער רעליגיאָנס לערער, דער רמב"ם, זאָגט: אויב די פרוי זאָגט „מיין מאַן איז מיר פארהאסט, איך קען ניט לעבען מיט אים", דארף דאָס געריכט נויטען דעם מאַן צו געבען איר א גט. אָט דאָס איז די אידישע לערע, אז אויב דער מאַן אָדער די פרוי ווילען זיך שיידען, מוז מען שיידען, ווייל א צוזאַמענלעבען פון א מאַן און פרוי אָהן ליבע איז אוממאָראַליש. דאָס מוז פירען צו אומטרייהייט, דאָס רואינירט די עלטערען, און דאָס האָט א שלעכטע ווירקונג אויף זייערע קינדער. אָבער אין דער לערע פון קריסטענטום, אין דעם נייעם טעסטאַמענט„ ווערט פאַר־באָטען צו גט'ן זיך, און דעריבער איז אין אייניגע לענדער כמעט אוממעגליך צו גט'ן זיך. און וויסען זאָלט איר, אז אָבוואָל ביי אידען האָט מען געקענט גרינג גט'ן זיך, דאָך זיינען ביי אונז זעהר זעלטען פאָרגעקומען גט'ן, ווייל דער איד האָט געקענט אויפהאַלטען אין זיין הויז דעם פרידען.

איינע פון די געסט, אַן עלטערע מיידעל, וועלכע האָט א צו־בראָכענע הארץ פון א ניט־געלונגענער ליבע, האָט געפרעגט יוסף'ן:

— פאַרוואָס זיינען די עלטערע אידען געגען ליבע? דאָס וואָרט „ליבע" זאָגען זיי איראָניש מיט שפּאָס. איז די אידישע לערע געגען הייראַט דורך ליבע?

— מיר וויסען — זאָגט יוסף — אז אין דער ביבעל ווערט דערציילט, ווי יעקב אָבינו, דער פאָטער פון דעם אידישען פאָלק, האָט זיך פארליבט אין אונזער מוטער רחל; און ביי אים איז דערכט געוועזען צו דינען פאַר איר פערצען יאָר. הא, יונגע לייט, וואָס דענקט איר וועגען אַזא ליבע? ווער פון אייך וואָלט א בעלן געוועזען אָפּצודינען פערצען יאָר ביז מען וועט אייך געבען אייער געליבטע? אויך ווערט דערציילט אין דער ביבעל, ווי מיכל, די טאָכטער פון דעם ערשטען אידישען קעניג, האָט זיך פארליבט אין דעם אָרימען דוד'ן, און זיי האָבען געהייראַט, און אין תלמוד ווערט דערציילט, ווי אַזוי רחל, די טאָכטער פון רייכע עלטערען אין ירושלים, האָט זיך פארליבט אין איר פאָטער'ס פאַסטוך עקיבא, ווייל

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אָרימער יונגער מענטש באַזיצט אַ רייכטום פון גייסטיגע אוצרות. זיי האָבען געהייראַט, און זי האָט געלעבט אין נויט, ביז איר מאַן איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע פּערזענליכקייטען אין דער אידישער געשיכטע.

אזא באַגריף איז געווען ביי דעם אידען, אַזוי לאַנג ווי ער איז געזעסען אין זיין אייגענעם לאַנד. אָבער שפּעטער, אין גלות, לע־בענדיג צווישען די פעלקער, ביי וועלכע ליבע איז געווען אַן אומ־באַגרעניצטע ליידענשאַפט, וואָס האָט אָפט געפירט צו די גרעסטע אומגליקען, האָט דער איד גענומען שרעקען זיך פאַר דאָס וואָרט „ליבע". די עלטערען האָבען געזעהן צו געפינען פאַר זייער קינד אַ פּאַסענדע פּערזאָן, און נאָכ'ן הייראַטען האָט זיך אַנטוויקעלט די ליבע צווישען די פאַרהייראַטע; און ,אויב עס האָט אַמאָל געטראָפען אַן אומצופרידענע הייראַט, האָט עס אַלענפאַלס גע־טראָפען ניט מער, איידער עס טרעפט היינט ביי די, וואָס הייראַטען דורך גאָר אַ הייסער ליבע.

— מיסטער סיגעל — זאָגט די לערערין — איך וואָלט וועלען הערען אייער מיינונג וועגען ליבע.

— ביי מיר — זאָגט יוסף — איז ליבע אַ היילינגטום, איינע פון די שענסטע מתנות, מיט וועלכער די נאַטור האָט אונז באַשאָנקען. ניט גוט איז נאָר, וואָס אַממייסטען איז די אורזאַך פון פאַרליבען זיך, נאָר קערפּערליכע צוציאונגס־קראַפט, די געגענזייטיגע גע־שלעכטליכע פּיזישע נייגונגען. זעהר זעלטען טרעפט, אַז מען זאָל זיך פאַרליבען אין אַ פּערזאָן פאַר זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען און אייגענשאַפטען. מיר דאַרפען אָבער וויסען און געדענקען, אַז אמת'ע דויערהאַפטע ליבע קען זיין נאָר דאָרט, וואו אויסער דער פּיזישער צוציאונגס־קראַפט, איז אויך פאַראַן אַ גייסטיגער צוזאַ־מענבונד, אַ פאַראייניגונג פון אידעען און פון אַ וועלט־אַנשויאונג; וואו ביידע קענען און ווילען העלפען איינער דעם צווייטען צו דערהויבען זיך צו אַ העכערער שטופע אין גייסטיגען און אינטע־לעקטועלען זינען, אום צו מאַכען דעם לעבען שענער, אינטערעסאַנ־טער און מענטשליכער.

— מיסטער סיגעל — האָט בעסיע געווענדעט זיך צו יוסף'ן — זאָגט מיר אייער מיינונג, אויב די עלטערען האָבען אַ רעכט צו מישען זיך אין די ליבעס פון זייערע קינדער.

— ניט נאָר רעכט — זאָגט יוסף, נאָר דאָס איז זייער פליכט. זיי דאַרפען נאָר זיין טאַקטפול, און לאָגיש ערקלערען, אויב דער אויסוואַל איז ניט גלייך; און, אויב די ערקלערונג העלפט ניט, דאַרף מען אָנווענדען אַלע מעגליכקייטען צו שטערען. ווייל עס טרעפט אָפט, אַז יונגע, אומערפאַרענע קינדער פאַרלירען זיך. זיי זעהען ניט די ווירקליכקייט, באַמערקען ניט די גרעסטע פעלערען, און מען בויט לופט־שלעסער.

הייראַטען דורך ליבע קען מען נאָר דאַן, ווען מען איז שוין גענוג רייף, גענוג אַנטוויקעלט, כדי צו קענען אויסקלייבען זיך דעם פּאַסענדען מענטשען; און דאַן איז מען נאָך אויך ניט זיכער, אַז מען וועט האָבען אַ גליקליכען פאַמיליען־לעבען. יונגע מענטשען האָבען זיך געדאַרפט ארייננעמען אין זינען די ווערטער פון דעם ענגלישען פּאָעט און דראַמאַטורג וויליאַם קאופער, וועלכער זאָגט:

What is there in the vale of life
Half so delightful as a wife,
When friendship, love and peace combine
To stamp the marriage bond divine.

דאָס מיינט:

וואָס קען זיין אין דעם קוואַל פון לעבען
האַלב אַזוי דערפרייענד ווי אַ פרוי,
ווען פריינטשאַפט, ליבע און פרידען פאַראייניגן זיך
צו פאַרזיגלען דעם היילינגען הייראַטס־צוזאַמענבונד.

פון דעם פּאָעט'ס ווערטער זעהען מיר, אַז אַ גליקליכע הייראַט קען זיין נאָר דאַן, ווען צווישען די פאַרהייראַטע עקזיסטירען די פאָלגענדע דריי זאַכען: פריינטשאַפט, ליבע און פרידען; און מיר מוזען באַמערקען, אַז ביי דעם פּאָעט איז די ערשטע וויכטיגסטע זאַך ניט ליבע, נאָר פריינטשאַפט; און וואָס הייסט פריינטשאַפט האָט גוט ערקלערט דער גריכישער דענקער פלוטאַרך. ער זאָגט, ערשטענס, דאַרפען גוטע פריינט זיין געטריי, און גערעכטיגט איינער

צום צווייטען; צווייטענס, דאַרף יעדערער פון זיי פילען גייסטיגען פאַרגעניגען אין דער געזעלשאַפט פון דעם צווייטען, און דריטענס, ביידע דאַרפען זיין גרייט צו ברענגען נוצען איינער דעם צווייטען אין יעדער הינזיכט. ווען אַט אַזאַ פריינטשאַפט עקזיסטירט צווי־שען די צוויי מענטשען, דאַן קומט ערשט די צווייטע זאַך, די ליבע; און מיט אַט די צוויי זאַכען, ווי פריינטשאַפט און ליבע, איז דער פּאַעט נאָך אַלץ ניט זיכער, אַז דער פאַרהייראַטער לעבען וועט זיין אַ גליקליכער. אום צו מאַכען דעם לעבען גליקלאַך, מוזען די באַפריינדעטע און פאַרליבטע קענען אויפהאַלטען דעם פרידען. מיר מוזען אימער האָבען אין זינען, אַז ווי שטאַרק באַפריינדעט און פאַרליבט מיר זאָלען ניט זיין, דאַכט זיך גאָר איין גוף און איין נשמה, דאָך זיינען דאָס באַזונדערע מענטשען מיט פאַרשיי־דענע כאַראַקטערע, מיט פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטען, און איי־גענשאַפטען און נייגונגען. דעריבער מוז מען מאַכען קאָמפּראָמיסען, מען דאַרף באַזיצען פיל טאַקט, עס דאַרפען זיין גרעניצען אין וואָרט און אין טהאַט. מיט איין וואָרט קענען מיר אַמאָל יענעמ'ס נשמה צעוועהטאָגען. מיר מוזען צו יעדער צייט רעכענען זיך מיט דעם צווייטענס קערפּערליכען און גייסטיגען צושטאַנד. מיט אָפענע אויגען און מיט אַ פילענדען האַרץ באַמערקען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דער צווייטער געפינט זיך. דערנענטערען זיך, ווען עס פאָדערט זיך, און צוריקהאַלטען זיך, ווען נויטיג. ביי יעדען מענטשען זיינען פאַראַן מאָמענטען, ווען ער בענקט נאָך איינ־זאַמקייט.

איבערהויפּט מיר מענער מוזען געדענקען, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי איז אַנדערש פון אונזערער. די שווערסטע לאַסטען אין לעבען קען זי טראָגען מיט מער מוט און העלדישקייט איידער מיר מענער; און דאָך, פון דער קלענסטער אומהעפליכקייט, פון איין גראָבען אויסדרוק, קען איר נשמה אויפגעציטערט ווערען. מיר דאַרפען געדענקען, אַז די פרוי קען גיין צו די שטאַרקסטע עקסטרע־מען. איר ליבע קען זיין שטאַרק ווי אַ פעלזען־באַרג; און דאַן איז איר שמייכעל אַ מילדער זונען־שטראַל, און איר וואָרט איז אַ געט־ליכער קלאַנג; אָבער, ווען זי האָט פיינט, איז איר האַס ווי אַ טיפער, פינסטערער אָפּגרונט. יעדער בליק איז אַ שפּיז, און יעדעס

וואָרט איז אַ בים פון אַ גיפטיגער שלאַנג. איך האָב אַמאָל געלעזען אַן עפּיגראַם, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט:

א בוך איז יעדעס פרויען הארץ,
באשאפען צו פארגעטערען;
פיל מענער אָבער קענען עס ניט לעזען,
און האלטען נאָר אין בלעטערען.

— זעהר ריכטיג — האָט אַ זאָג געטאָן די לערערין — זיי האַל־טען נאָך אין בלעטערען און לעזען קענען זיי ניט.

— און נאָך ווי אַזוי בלעטערען — האָט יוסף צוגעגעבען — גאַנץ אָפט בלעטערען זיי מיט שמוציגע הענט.

— טהרי טשירס פאר מיסטער סיגעל! — האָט בעסיע אויס־געשריען, און אַלע האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט.

קאַפּיטעל 35.

יוסף מיט דינה׳ן אין פּאַרק (שפּאַציר־גאָרטען).

ווען יוסף האָט נאָר אַ מעגליכקייט, לויפט ער אַוועק אין איינעם פון די ניו־יאָרקער שיינע גרויסע פּארקען. דאָרט פאַרקלייבט ער זיך אין אַ שטילען ווינקעל, און רוט זיך אָפּ קערפּערליך און גייסטיג.

איצטער האָט ער זיין וואַקאַציע, איז ער געקומען מיט זיין דינה׳ן אין פּראָספּעקט פּאַרק, און זיי שפּאַצירען אין איינער פון די שיינע אַלעיען. זיי זיינען ביידע געקליידעט ניט רייך, אָבער שיין און נעט. ער איז שוין אַ מאַן פון עטליכע און פופציג יאָר. זיין קאָפּ איז באַזילעברט מיט גרויע האָר, אָבער ער גייט נאָך אויסגעגלייכט, מונטער, מיט פעסטע טריט; און דינה, וועלכע איז שוין אויך אַריבער פופציג, זעהט אויס פיל אינגער. ניטאָ קיין קנייטשען אויף איר פּנים, אירע שוואַרצע אויגען האָבען נאָך זייער גלאַנץ און פּראַכט, און אויף איר גוטמוטיגען פּנים צוגיסט זיך אַ זיסער שמייכעל.

גייען זיי זיך ביידע צופרידענע און געניסען פון דעם שיינעם פרימאָרגען. די פאַרשיידענע קאָלירען פון בלומען, גראָזען און ביימער גלעטען דאָס אויג, די ריינע שמעקענדיגע לופט קוויקט דאָס האַרץ, און די זונענשטראַלען וואַרימען און באַלייכטען ניט נאָר דעם קערפּער, נאָר אויך די נשמה.

— טרעף, וואָס איך וואָלט איצטער וועלען — זאָגט דינה צו יוספ׳ן.

— איך וויים — ענטפערט יוסף מיט אַ שמייכעל קוקענדיג אין אירע אויגען — דו ווילסט כאַפּען אַ דרעמעל.

— געטראָפען — זאָגט דינה.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום לעיק (אָזערע), וועלכע איז צושפּרייט אין מיטען פּאַרק, געזעצט זיך אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים מיט צושפּרייטע צווייגען. דינה האָט אויסגעטאָן און אַוועקגעלעגט איר הוט; און יוסף האָט זי געבעטען אָנשפּאַרען איר קאָפּ אויף זיין קני.

— וועט מיין קאָפּ ניט זיין צו שווער פאַר דיר? — האָט דינה געפרעגט שטיפעריש, און אַוועקגעלעגט איר קאָפּ אויף זיין קני. ער האָט זי צערטליך אַ גלעט געטאָן, און זי האָט באַלד צוגעמאַכט די אויגען און גענומען דרעמלען.

דינה שלאָפט, און יוסף קוקט אויף דעם לעיק, וועלכער זעהט אויס ווי אַ גרויסער ליגענדיגער שפּיגעל. די זון שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם וואַסער. די פיש באַגעגענען די זון מיט פרייד, שפּרינגען אַרויס פון וואַסער, באַגריסען זי, און טונקען זיך צוריק אונטער. אין דעם וואַסער אַרום די ברעגען פון לעיק שפּיגלען זיך אָפּ די בוימער, קומען זיי אויס מיט די צווייגען אַראָפּ און מיט די וואָרצלען אַרויף. אין מיטען לייק שווימט אַן ענטעל (דאַק) מיט אירע ענטעלאַך. די מאַמע לערענט די קינדער ווי אַזוי צו שווימען. מיט אַמאָל טונקט זי אונטער דעם קאָפּ אין וואַסער, כאַפּט עפּעס אַ גוטען ביסען, און די קליינוואַרג טוען איר נאָך. אַ מוטער לערענט אירע קינדער ווי אַזוי צו לעבען אויף דער וועלט.

יוסף טוט זיך אַ קער לינקס, און דערזעט אין מיטען לעיק דעם קליינעם אינזעל, וועלכער איז פאַרפלאַנצט מיט בלומען פון פאַרשיידענע קאָלירען; און אין מיטען פון אָט די אַלע בלומען האָט מען פון די קליינע רויטע בלומעלאַך אויסגעלעגט אַ „האַרץ". פליען צוויי טויבען, לאָזען זיך אַראָפּ אויפ'ן אינזעל, און בלייבען שטיין נעבען דעם האַרץ. קענטיג, אַז דאָס איז אַן „ער" און אַ „זי". ער דרייט זיך אַרום איר און לאַשטשעט זיך, און זי פּוצט אירע ווייסע פעדערען, און וואַרפט אויף אים אַ בליק צניעות'דיג.

— ווי שיין איז די ליבע ביי די טויבען — טראַכט יוסף — און קוקט אויף דינה'ן. מיט זיין טאַשען־טיכעל טרייבט ער אָפּ פון איר די מאָסקיטאָס (קאָמאַרען) און ער זעהט ווי זי שלאָפט אַ זיסען

שלאָף. זי אָטעמט טיף, מיט יעדן אָטעם באַוועגט זיך שטאַרק איר ברוסט; און אויף איר פּנים איז צוגאָסן אַ צופרידענהייט מיט אַ שמייכעל ווי ביי אַ קינד, וואָס ווערט איינגעשלאָפן נאָכ'ן זויגען.

אַ מילדער ווינטעל האָט אַ בלאָז געטאָן. די צווייגן האָבן גענומען באַוועגן זיך, און די בלעטער האָבן זיך געלאָזט הערן ווי זיי סוד'ען זיך. דאָס ווינטעלע האָט זיך אויך אַריינגע'גנב'עט צווישן דינה'ס שוואַרצע זיידענע האָר, און האָט זיי אַביסעל צו־שפּרייט אויף איר ווייסן שיינעם שטערן. יוסף קען ניט אָפּרייסן פון איר זיינע אויגן, זיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט יוגענטליכער פרייד און לוסט.

אַ סטאַדע גענז איז צוגעקומען צום טייך. קלאַפּענדיק מיט די פליגלען זיינען זיי אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, און געלאָזן זיך שווימען מיט אַ גענזענעם געזאַנג. די ענטלאַך האָבן אויך גענומען קוואַקען; און פון צווייטן זייט טייך האָט זיך דערהערט דאָס מעקען פון שאָף. דער אַלטער פּאַסטוך מיט זיין סטאַדע שאָף איז אָנגעקומען. די מאַמעס, באַוואַקסענע מיט געדיכטע לאַנגע וואָל, גייען אַרום געלאַסען און עסן די גרינע זאַפטיגע גראָז, און די יונגע שעפּעלאַך מיט די געגרייזעלטע האָר שפּרינגען און טומלען. און אָט לויפט צו אַ שעפּעלע, כאַפּט אַריין אין איר קליין מיילעכעל דער מאַמע'ס גרויסע פולע ברוסט. די מאַמע טוט אַ קער דעם קאָפּ, דערקענט, אַז דאָס איז איר קינד — דריקט זי אויס איר ליבע מיט אַ מוטערליכען „מע", און די קליינוואַרג צושרייען זיך: „מע, מע".

די גענז, ענטלאַך און שאָף האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצען כאָר. פון ווייטען קלינגט אָפּ אַן עכאָ פון אָט די אַלע קולות און קלאַנגען. יוסף הערט און פילט, אַז די גאַנצע נאַטור זינגט, און זיין נשמה פאַנגט אָן צו אַקאָמפּאַנירען מיט אַ זיסען בענקענדען געזאַנג.

דער טומעל האָט אויפגעוועקט דינה'ן. מונטער, פֿריש האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט, אויסגעגלייכט און אַ קוק געטאָן אין אַלע זייטען.

— אַ שיינע בילד — זאָגט דינה צו יוסף'ן — דאָ קענסטו ווירקליך אָנזעטיגען דיין בענקענדע נשמה.

דינה האָט גענומען יוסף'ן אונטער'ן אָרעם, און זיי זיינען אַוועק שפּאַצירען אַרום לעיק אין איינער פֿון די שאָטענדיגע אַלייען.

— ווי פֿאַרשיידען מענטשען זיינען — האָט דינה געזאָגט — איינע און דיזעלבע זאַך קען דערוועקען אין צוויי מענטשען גאַנץ פֿאַרשיידענע נייגונגען און פֿאַרלאַנגען. אָט, צום ביישפּיל, די שיינע נאַטור מיט דער פֿרישער לופֿט פֿאַרשלעפֿערען מיך, און שלאָפֿענדיג גענים איך פֿון דער שיינער נאַטור; און מיט דיר איז פּונקט פֿאַרקערט, דיך וועקט די נאַטור. ווען דו זאָלסט האָבען טויזענט אויגען, וואָלסטו וועלען האָלטען זיי אַלע אָפֿען צו קענען וואָס מער זעהן. דו ווילסט געניסען פֿון דער נאַטור מיט אָפֿענע אויגען.

יוסף האָט אַ שמייכעל געטאָן, אַריינגעקוקט מיט ליבע אין דינה'ס אויגען, און געזאָגט:

— פֿאַר אייניגע מענטשען איז די שיינקייט פֿון דער נאַטור ווי אַ גוטע מוטער, וועלכע זויגט אָן איר קינד, גיט אים אַ שפּילעכעל, פֿאַרוויגט און שלעפֿערט איין; און פֿאַר אייניגע מענטשען איז די נאַטור אַ לערער, וועלכער פֿאָדערט צוהערען זיך צו יעדען קלאַנג, און צוקוקען זיך צו יעדער ערשיינונג, צו יעדען געגענשטאַנד באַזונדער, און צו אַלע צוזאַמענגענומען, ווי אַזוי זיי ווערען צונויפֿגעגאָסען אין איין פּראַכטפֿולער שאַפֿונג. אָט קוק זיך צו און באַטראַכט אָט דעם קליינעם פּראַכטפֿולען אינזעל מיט די פֿאַרשיידענע בלומען. יעדעס איינצעלנע בלומעלע באַשטייט פֿון פֿיל פֿאַרשיידענע קלייניגקע טיילעכלאַך, וועלכע זיינען צוזאַמענגעבונדען, און מיט פֿאַראייניגטע קרעפֿטען אַרבייטען זיי ביז עס ווערט געשאַפֿען דער שיינער קאָליר פֿון יעדען בלומעלע באַזונדער; און ווען אָט די אַלע פֿאַרשיידענע בלומען ווערען צוזאַמענגעפּלאַנצט מיט פֿאַרשטאַנד און געשמאַק, דאַן באַקומען מיר אַזאַ פּראַכטפֿולען בילד,

ווי מיר זעהען דאָ אויף'ן אינזעל. אין פאראייניגונג ליגט די קראפט און די שיינקייט פון אלעס אין דער וועלט. די מענטשהייט דארף אויך זיין אזוי. די בעסערע מענטשען שטרעבען טאקע דערצו, און האָפען, אז אזא צייט וועט קומען, ווען יעדער מענטש וועט האָבען די מעגליכקייט אומגעשטערט צו אנטוויקלען זיינע פייאיגקייטען און אייגענשאפטען; און צווישען אלע מענטשען וועט זיין א פאראייניגונג געבויט אויף גלייכהייט און גערעכטיגקייט, אז יעדער מענטש זאָל געדענקען און פילען, אז ער איז א טייל פון דער וועלט, צוזאמענגעבונדען מיט אלעמען און מיט אלעס, ניט נאָר צו נעמען און געניסען, נאָר אויך צו שאפען און געבען. דאן, ווען אלע גלייך וועלען קענען געניסען פון דער נאטור און פון דעם מענטשענ'ס געניאלע שאפונגען, דאן וועט אונזער וועלט זיין אזוי שיין ווי אָט דער בלומען-אינזעל.

די גאנצע צייט, וואָס יוסף האָט גערעדט, האָט דינה געשלונגען זיין יעדען וואָרט. אירע אויגען האָבען געשטראלט, און אויסגעדריקט הייסע ליבע און טיפע אכטונג צו איר יוסף'ן. שוין באלד זיבען-און-דרייסיג יאָר הערט זי זיינע רייד, וועלכע זיינען פאר איר א הייליגקייט, ווייל זי ווייס, אז זיינע רייד שטימען מיט זיינע טהאטען, זיינע טעאָריעס און זיין וועלט-אנשויאונג פירט ער דורך אין זיין אלטעגליכען לעבען.

— לאָמיר זיך צוזעצען — האָט דינה געזאָגט.

זיי האָבען זיך צוגעזעצט אין דעם שאָטען פון א בוים. יוסף האָט זיך פארטראכט; און דינה האָט מיט ליבשאפט אריינגעקוקט אין זיינע טרוימערישע אויגען. זי האָט אריינגענומען זיין האנט אין איר האנט און צוגעדריקט צו איר הארץ. יוסף האָט א קוק געטאָן אויף איר. אירע אויגען האָבען געשיינט ווי צוויי זונען, און ארום אירע ליפען האָט געשוועבט א זאפטיגער, זיסער, צניעות'דיגער שמייכעל.

— ווייסטו, דינה — זאָגט יוסף — דריקענדיג איר האנט — דו ביזט נאָך גאָר יונג. ווען איך שעם זיך ניט פאר מיין האלבגרויען קאָפ, וואָלט איך דיך א קוש געטאָן.

— אויב איך בין נאָך קערפּערליך יונג, איז אַ פראַגע — זאָגט דינה. — אָבער אַז דו ביזט נאָך גייסטיג יונג, איז קיין פראַגע ניט. דו ווערסט נאָך שטאַרק באַגייסטערט, ווי אין דיינע יונגע יאָרען. קוקענדיג אויף דיר, און הערענדיג דיינע רייד, דערמאָן איך זיך יענעם שבת, דעם הייליגסטען שבת פון אַלע שבתים אין מיין לעבען. דאָס איז געווען מיט זיבען־און־דרייסיג יאָר צוריק, דאָרט אין דער אַלטער היים, אין אוקראַינע, ווען דו, נאָך אַלס בחור, האָסטו מיך מיט מיינע פריינט געפירט אין וואַלד, און דאָרט אין וואַלד האָסטו פאַר אונז דעקלאַמירט אַט יענעם קאַפּיטעל אין תהלים, וואו עס ווערט באַזונגען גאָט מיט אַלע זיינע שאַפונגען. דאַן האָב איך דעם ערשטען מאָל אין לעבען דערזעהן און דערפילט אַן ערנסטע פּאָעטיש־רעליגיעזע באַגייסטערונג; און דאַן, יענעם שבת, האָסטו מיך צוגעבונדען צו זיך ניט נאָר ווי צו אַ גוטען חבר אין לעבען, נאָר אויך ווי צו אַ גוטען לערער. איך בין געוואָרען דיין שילערין, אימער געלערענט פון דיר און געשעפּט פון דיר באַגייסטערונג; און די אַלע שוועריגקייטען, וואָס מיר האָבען געהאַט אין לעבען, האָבען ניט אויסגעלאָשען יענעם געטליכען פייער אין דיר. דיין האַרץ און דיין נשמה זיינען געבליבען יונג.

— אַ דאַנק דיר וועגען דיין גוטער מיינונג וועגען מיר — האָט יוסף געזאָגט שמייכלענדיג — איך מוז דיר אָבער זאָגען, אַז, אויב איך האָב נאָך עטוואָס יוגענט, קומט דיר אַ דאַנק דערפאַר. דו האָסט אימער מיר געהאָלפען צו בלייבען דאָס וואָס איך בין; און דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז איך בין אַ גוטער לערער; מעגליך, אַז איך בין, אָבער דו ביזט געווים אַ זעלטענע שילערין. זעען מיט ערפאָלג קען מען נאָר אויף אַ גוטען פרוכטבאַרען באָדען. און וויסען זאָלסטו, אַז ניט אַלע מאָל בין איך געווען דער לערער און דו די שילערין. טיילמאָל ביזטו געווען מיין בעסטער לערער און איך דיין שילער. ניט מיט ווערטער האָסטו מיך געלערענט, נאָר מיט דיינע טהאַטען, מיט דיין שיינער אויפפירונג, מיט דיין גוטמוטיגקייט און געדולד אין אַלע צייטען און אין אַלע אומשטענדען.

אַ סקוואַירל (וועווערקע) האָט איבערגעריסען דעם געשפּרעך. זי איז צוגעלאָפען, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיסלאך, און געקוקט אויף יוסף׳ן און אויף דינה׳ן. יוסף וויים, אַז די סקוואַירלס האָבען ליב פּינאטס (פיסטאשקעס), האָט ער דאָס געבראכט פאַר זיי. ער נעמט אַרוים פון זיין פּאַקעט (קעשענע) עטליכע פינאָטס, טוט ער אַ וואָרף צו דער סקוואַירל, און זי כאַפּט אַ פינאט צווישען אירע פאָדערשטע פיסלאך, שיילט עס זעהר שנעל און פאַנגט אָן צו עסען מיט גרוים אַפּעטיט. אַנדערע סקוואַירלס האָבען דערשמעקט דעם ריח פון געבראָטענע פינאטס, זיינען זיי אויך געקומען צולויפען. יוסף גיט זיי אַלעמען פינאטס; און איינע פון זיי, אַ דרייסטערע, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף יוסף׳ס קני. גיט ער איר געשיילטע פינאטס, און גלעט זי מיט ליבשאַפט פונקט ווי אין זיינע קינדערשע יאָרען, ווען ער האָט זיך געשפּילט ביי זיינע עלטערען מיט די קליינע ציגלעאך און מיט די הינדעלאך.

דינה האָט עטליכע מינוט געלאָזען יוסף׳ן אָנשפּילען זיך מיט דער סקוואַירל. זי וויל ניט שטערען זיין פאַרגעניגען. נאָכהער האָט זי געווענדעט זיך צו אים און געזאָגט:

— איך וויל פאָרזעצען אונזער געשפּרעך. דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט געלערענט פון מיין אויפפירונג, פון מיין גוטמוטיגקייט און געדולד. איך בין ניט איינשטימיג מיט דיר. מילא, גוטמוטיגקייט, אויב איך באזיץ אַזעלכעס, קען זיין, אַז דאָס איז אין מיר אַ געבאָרענע נאַטירליכע זאַך; אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט מיין אויפפירונג אין אַלגעמיין, דאַרף איך דיר פאַרדאַנקען, דאָס האָב איך פון דיר געלערענט; און וואָס עס אָנבאַלאַנגט מיין געדולד, האָב איך געוויס געלערענט פון דיר. וועניג מענטשען באַזיצען אַזוי פיל געדולד צו אַרבייטען און צו לערנען אַזוי ווי דו, ביז דו דערגרייכסט וואָס דו ווילסט. ניט נאָר אין די יונגע יאָרען, נאָר אפילו איצטער, אין די מיטעלע יאָרען, האָסטו געהאַט געדולד צו זיצען און לערנען אַ נייע זאַך אין אַ נייער שפּראַך, ביז דו האָסט דערגרייכט וואָס דיר האָט זיך געוואָלט, צו טאָן אַ אַרבייט, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דיינע באַגריפען, צו זיין ניצליך אַנדערע מענטשען, און צו פאַרדינען זיך אַן אָרענטליכען שטיקעל ברויט, וועלכער וועט זיין גענוג פאַר אונז ביידען. אָט וועלען איניגיכען,

אם ירצה השם, חתונה האָבען אונזערע אינגסטע צוויי קינדער, וועלען מיר בלייבען אין צווייען — א זיידע מיט א באָבען. מיר וועלען ארומגיין צו געסט צו אונזערע קינדער, און די קינדער מיט די אייניקלאך וועלען קומען צו אונז; און ווען מיר וועלען בלייבען אין הויז אין צווייען, וועלען מיר זיך לעבען שטיל און רואיג. דו וועסט לעזען פאַר מיר און לערנען מיט מיר אזוי ווי אין די גאָר יונגע יאָרען.

— איך האָף — זאָגט יוסף שמייכלענדיג — אז דער זיידע מיט דער באָבען וועלען מיט גאָט'ס הילף דורכלעבען א צווייטע יוגענט. מיר וועלען זיך לעבען אין צווייען ווי צוויי טייבעלאך. גאָט זאָל נאָר דערלענגערען אונזערע יאָרען.

— הלואי! — האָט דינה א זאָג געטאָן, און טרערען האָבען זיך געשטעלט אין אירע אויגען.

קאפיטעל 36.

דינה׳ס טויט.

מיט פינף מאנאטען צוריק האבען מיר געזעהן אין פראספעקט פארק דאס גליקליכע פארל, יוספ׳ן מיט דינה׳ן; און מיר האבען געהערט זייער הארציגען געשפרעך, אין וועלכען עס האבען זיך צוזאמענגעפלאכטען ערינערונגען פון זייער שיינער פארגאנגענהייט, און זיסע האפנונגען אויף זייער צוקונפט.

איצטער, מיט פינף מאנאטען שפעטער, איז ביי די סיגעל׳ס אין הויז א פאמיליען־שמחה׳לע. דעם אינגסטען זוהנ׳ס כלה מיט איהרע עלטערען זיינען איינגעלאדען צו געסט. דינה האט צו־געגרייט איהרע שעהנע געשמאקע שפייזען. מען האט הארציג שעהן פארבראכט אן אוועגט פול מיט פרייד. די עלטערען פון חתן־כלה קלייבען נחת פון זייערע קינדער, און מעהר פון אלעמען שיינט דינה פון איהר מוטערליכער גליקזעליגקייט, וואס זי מיט איהר יוספ׳ן וועלען אינגיכען פיהרען זייער אינגסטען זוהן צו דער חופה.

די נעקסטע נאכט אין מיטען שלאף האט דינה אויפגעוועקט יוספ׳ן, און, קלאפענדיג א צאהן אן א צאהן, קוים אויסגערעדט, אז זי פיהלט זיך זעהר שלעכט. יוסף שפרינגט אראפ פון בעט, מאכט ליכטיג, און ער זעהט, אז דינה׳ס גאנצער קערפער ציטערט, עס ווארפט זי פון בעט, און איר פנים איז שרעקליך געענדערט געווארען. ער האט ארויסגערופען א דאקטאר, איינעם פון זיינע גוטע פריינט. דער דאקטאר איז געקומען, אונטערזוכט, געמאכט דער קראנקער אן איינשפריצונג און צוגעשריבען א רעצעפט. יוסף פרעגט אים, וואס איז דאס פאר א קראנקהייט. ענטפערט דער דאקטאר, אז דאס איז א שטארקער אנפאל פון גאל־שטיינער.

— איך װאָלט אייך בעטען — זאָגט יוסף — אַז איר זאָלט איינלאַדען נאָך אַ דאָקטאָר.

— איך דענק אויך אזוי — זאָגט דער דאָקטאָר. — אין דער פריה װעל איך קומען מיט אַ ספּעציאַליסט. נאָר דערװייל לאָזט זי צורוה. איך האָף, אַז זי װעט איינשלאָפען.

דער דאָקטאָר איז אװעקגעגאַנגען, און דינה האָט גענומען דרעמלען. אָבער איר קערפּער װערט יעדע מינוט אויפגעציטערט. יוסף װייס, אַז דאָס איז גאַל־פיװער, װעלכער קומט פון גאַל־שטיינער און פאַראורזאַכט שרעקליכע װעהטאָגען. ער װייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז אַ געפערליכע קראַנקהייט. שטייט ער נעבען בעט, קוקט אויף דינה'ן, און אַ שוידערליכער געדאַנק פליהט דורך אין זיין קאָפּ. ער בלייבט שטעהן װי פאַרגליװערט; און נעבען איהם שטעהען זייערע צװיי אונפאַרהייראַטע קינדער — דער איינגסטער זוהן און די טאָכטער, די מוזשינקע. די קינדער קוקען אויף דער קראַנקער מוטער און אויף דעם דערשראָקענעם פאָטער, און זיי פאַרגיסען טייכען טרערען. יוסף איז אַרויסגעגאַנגען אין צװייטען צימער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום װאַנט, און ער האָט זיך ביטער צעװיינט.

אין דער פריה איז דער דאָקטאָר געקומען מיט אַ פּראָפעסאָר. גוט אונטערזוכט, אַרוים אין צװייטען צימער און גערעדט אין צװייען. נאָכהער האָט דער דאָקטאָר אַריינגערופען יוספ'ן, און דער פּראָפעסאָר האָט צו איהם געזאָגט זעהר פריינדליך:

— דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט װער דו ביזט, װעל איך מיט דיר ריידען אָפענהאַרציג. העלפען װאָלטען מיר קענען נאָר מיט אַן אָפּעראַציע, צום באַדויערען אָבער איז זי אין אַזאַ צו־שטאַנד, װאָס עס איז אונמעגליך צו אָפּערירען זי. מיר װעלען אָנװענדען אַלע מעגליכקייטען צו פאַרלייכטערען די שמערצען און צו היילען, אָבער דערהויבט מוזען מיר פאַרלאָזען זיך אויף דער נאַטור; און מיר גלויבען, אַז זי האָט גענוג רעזיסטענס — װידער־

שטאנדס־קראפט — צו איבערקומען די קראנקהייט. לאָמיר האָפען.

שוין אכצעהן טעג איז דינה קראנק. דער דאָקטאָר קומט צוויי און דריי מאָל אין טאָג. א צווייטער דאָקטאָר, אן אלטער גוטער פריינט, קומט אויך אָפט. נוירסעס — באַריהמהאַרציגע שוועס־טער — זיינען נעבען דער קראנקער ביי־טאָג און ביי־נאכט. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט ווערט די קראנקע פון אלעמען באהאנדעלט. מען זעהט, אז זי ליידעט אָפט שרעקליכע שמערצען, אָבער זי איז שטיל. נאָר א מאָל רייסט זיך ביי איר ארויס א שטילער קרעכץ, אָדער א טיפער זיפץ. די דאָקטוירים זאָגען, אז זי איז ביי איהר פולען באוואוסטזיין, און דאָך קען מען פון איהר ניט ארויסבאקומען קיין וואָרט. ווען יוסף, אָדער א קינד, רעדען צו איהר און גיבען איהר גוטע האָפענונגען, עפענט זי ברייט די אויגען, קוקט מיט א בליק, וואָס דריקט אויס א ים פון צער, פון טיפע אנגסטען און פון רחמנות. זי איז נידערגעשלאָגען, פארלאָרען אינגאנצען איהר מוט. פון דעם ערשטען מאָמענט, וואָס זי איז קראנק געוואָרען, האָט זי גענומען טראכטען וועגען טויט. זי ווערט מיט יעדען טאָג אלץ שוואכער, און צום ענדע האָט זיך נאָך אריינ־געכאַפּט א לונגען־ענטצינדונג.

שוין אכטצעהן טעג לעבט יוסף צווישען פארצווייפלונג און האָפנונג. שוואך איז די האָפנונג, דאָך מיט אלע קרעפטען טרייבט ער פון זיך דעם שרעקליכען געדאנק. ער צווינגט זיך צו האָפען.

שוואך, באוואוסטלאָז ליגט דינה. שפּעט אין אָוונט איז דער דאָקטאָר געקומען, לאנג געזעסען נעבען דער קראנקער, און ארויס־געהענדיג האָט ער א זאָג געטאָן צו יוסף׳ן:

— היינט איז דער קריזיס. גאָט זאָל רחמנות האָבען!

איינס אזייגער נאָך האלבער נאכט. אין דרויסען איז א שרעק־ליכער שניי־שטורם. אין א פינסטערען צימער זיצט יוסף, די הענט אנגעשפּארט אויף די קני, דער קאָפּ צווישען די הענט, די אויגען

פאַרמאַכט, און די אויערען אָנגעשטרענגט, געווענדעט צום שלאָף־צימער. ער פאַרהאַלט דעם אָטעם און הערט זיך צו. ענדליך אויפ־געכאַפּט זיך, צוגעגאַנגען צום שלאָף־צימער, שטיל אַן עפען געטאָן אַביסעל די טיר. די נוירם איז איינגעבויגען איבער דער קראַנקער און מאַכט אַן איינשפּריצונג. דינה ליגט באַוועגלאָז. יוסף קערט זיך אָפּ, גייט אַרום איבערן צימער אַהין און צוריק, קוועטשט דעם קאָפּ מיטביידע הענט; און אַ געדאַנק פליהט דורך: פיליכט וועלען די איינשפּריצונגען העלפען אויפהאַלטען איהר לעבען ביז דער קריזיס וועט אַריבער. „דער קריזיס, דער קריזיס! דער קאַמף צווישען לעבען און טויט! ווער וועט באַזיגען? גאָט, האָב רחמנות!“ — האָבען יוסף'ס ליפּען שטיל געשעפּטשעט, און ער איז געפאַלען אויפ'ן בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דעם פינסטע־רען צימער. ער האָט איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין קישען, אַ קוואַל ברענענדיגע טרערען גיסען זיך פון זיינע אויגען, און די ליפּען באַוועגען זיך: „גאָט, האָב רחמנות!“

אויסגעשלאָגען פון די קרעפטען האָט ער גענומען דרעמלען, און באַלד איז איהם באַפאַלען אַ שרעקליכער קאָשמאַר. אָט שוועבט ער אין דער לופטען ווי א פויגעל, און פליהט אַלץ העכער און העכער; און אָט איז ער אויף אַ שפּיץ באַרג, און מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען קייקלען פון דעם הויכען באַרג אין אַ טיפען אָפּגרונט. פאַנגט ער אָן צו שרייען מיט אַ שרעקליכען געשריי. די נוירם לויפט אַריין און וועקט איהם. ער עפענט די אויגען, קוקט מיט ווילדע בליקען אַרום זיך, אין דער דונקעלהייט זעהט ער נאָר די ווייסע קליידער פון דער נוירס, וועלכע האָט זיך שנעל אומ־געקערט צו דער קראַנקער. יוסף קוקט איר נאָך, און אים שטעלט זיך פאָר אַ טויטער אין די תכריכים. ער לויפט צו צום שלאָף־צימער. זיין געשריי האָט געעפענט דינה'ס אויגען. זי קוקט מיט שרעק אין אַלע זייטען, און איהר בליק פאַלט אויף יוסף'ן. איהרע ליפּען באַוועגען זיך, זי זאָגט עפּעס, נאָר מען הערט ניט. יוסף רוקט זיך צו ,נעמט איר האַנט אין זיינער, בייגט צו נאָהענט דעם אויער, ער וויל הערען וואָס זי זאָגט, אָבער זי רעדט ניט מער. אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו אים, אַ נעם

געטאָן זיין האַנט, און אַריינגעקוקט אין זיינע אויגען. די נוירס האָט אים צוגענומען און אַריינגעפירט אין פינסטערן צימער.

יוסף האָט זיך גענוצט לעבען פענסטער. אין זיין האַרצען ברענען גיהנום־פלאַמען, אין די שלייפען קלאַפּט ווי מיט האַמערען און דער קאָפּ ברענט. שפּאַרט ער צו דעם שטערען צום קאַלטען גלאָז פון פענסטער, קוקט און הערט ווי אַזוי עס שטורעמט אין דרויסען; און ער דערמאָנט זיך, ווי ערשט מיט פינף מאָנאַטען צוריק, אין אַ שיינעם לויטערען טאָג, איז ער מיט זיין ליבער טייערער דינה'ן געזעסען אין פּראָספּעקט פּאַרק, און גערעדט וועגען אַ גליקלליכען עלטער, וואָס ערוואַרטעט זיי, וועלכע שיינע, זיסע האָפענונגען האָבען זיי ביידע געהאַט. און היינט? ! ער טוט אַ ציטער מיט זיין גאַנצען קערפּער, שטעלט זיך אַוועק און טראַכט: „פיל מאָל טרעפט דאָך אַ גליק, אַז קראַנקע קומען איבער דעם קריזיס און מען פאַנגט אָן שנעל צו בעסערען זיך. גאָט וועט העלפען און מיר וועלען זיין די גליקליכע“.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט, צוגעלעגט זיך אין די קליידער און איינגעשלאָפען; און אין שלאָף זעט ער פאַר זיך דעם פּראָספּעקט פּאַרק. אָט זיצט ער מיט דינה'ן נעבען לעיק; ער פילט איר נאָענטקייט, ער האָט אין זיין האַנט איר האַנט, ער קוקט אין אירע שיינע אויגען, און הערט זיך צו צו אירע זיסע רייד. אַ שטונדע האָט ער געשלאָפען, און זיין שוואַכע האַרץ האָט זיך געקוויקט מיט זיסע חלומות.

יוסף האָט זיך אויפגעכאַפּט. עס איז שוין טאָג. ער לויפט צום שלאָף־צימער. מיט אַ וואונק רופט ער אַרויס די נוירס און פרעגט:

— זעהט מען עפּעס אַן ענדערונג צו בעסער?

— איך האָב געטעלעפאָנירט, אַז דער דאָקטאָר, אייער אַלטער גוטער פריינט, זאָל גלייך קומען.

— ניטאָ קיין בעסערונג? — פרעגט יוסף פאַרצווייפעלט.

— לאָמיר האָפען! — זאָגט די נוירס.

באַלד איז געקומען דער דאָקטאָר. די נוירס האָט איהם אָפּ־געגעבען אַ רעפּאָרט פון דער נאַכט. דער דאָקטאָר האָט אויסגע־

הערט די קראַנקע, אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, אָפּגעקעהרט זיך, און געבליבען שטעהן מיט אַ טיפען אויסדרוק פון צער אויף זיין פּנים. אין אַלגעמיין פיהלט זיך אַ דאָקטאָר שלעכט אין אַזעלכע מאָמענטען. ערשטענס, רירט אים דער צער פון דאָס געזינט. און צווייטענס, קריינקט אים די הילפלאָזיגקייט פון דער מעדיצין; און דאָ איז געווען פיעל מעהר ווי געוועהנליכער פאַל פון אַ דאָקטאָר מיט אַ פּאַציענט. דער דאָקטאָר איז דאָך אַ נאָהענטער פריינט פון די סיגעלס, אַ פריינט פון די יונגע יאָהרען, אַ פריינטשאַפט, וואָס בלייבט אויפ׳ן גאַנצען לעבען. דינה׳ן האָט ער געקענט אַלס אַ יונגע מיידעל, און מיט יוסף׳ן איז ער באַפריינדעט געוואָרען באַלד נאָך יוסף׳ס חתונה, און צווישען זיי האָט זיך פאַרבונדען א גייסטיגער צוזאַמענבונד; און איצטער דאַרף ער צוקוקען דעם גרויסען אומגליק. שטעהט ער שטיל און טרערען גיסען זיך. די נוירס האָט זיך אָפּגעקעהרט און ווישט די אויגען. יוסף שטעהט מיט ברייט־צעעפענטע אויגען, די פיס ברעכען זיך אונטער אים, אין די אויגען ווערט פינסטער, ער זעט פאַר זיך גאָרניט. ער קוועצט צונויף די פויסטען, ער דריקט צונויף די צייהן. ער האַלט איין דעם שטורם אין זיין האַרצען, ער באַקעמפּט זיינע געפיהלען, ער רופט צו הילף זיין גלויבען און זיין דענקען. ער וויל מיט ווירדע אויפנעהמען דעם גרויזאַמען קלאַפּ פון דעם שיקזאַל. ער געהט צו נאָהענט צו דער קראַנקער, ער וויל באַאָבאַכטען די שרעקליכע טראַגעדיע אין דעם מענשען׳ס לעבען, צו זעהן דעם טויט פון דעם מענטשען, מיט וועלכען מען איז צונויפגעוואַקסען מיט ליב און זעלע; ער וויל פיהלען דעם גאַנצען וועהטאָג, צוזעהענדיג, ווי עס ווערט אויסגעלאָשען א לעבען, וועלכעס האָט אַזוי געלויכטען פאַר אים און פאַר זיינע קינדער.

ער שטעהט צוקאָפּענס נעבען בעט. דינה ליגט מיט׳ן פּנים אַרויף. די אויגען פאַרמאַכט, דער אויסגעדאַרטער פּנים דריקט ניט אוים קיינע ליידען. רואיג איז זי. קיין זיפץ, קיין קרעכץ. יוסף נעמט איר קאַלטע האַנט, בייגט זיך איין צו איר, און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, זאָגט ער צו איר: „דינה טייערע, זאָג מיר עפּעס, איך וויל הערען פון דיר כאָטש איין וואָרט“. דינה

האָט געעפּענט די אויגען. איר אומבאַוועגליכער בליק איז געפאַלען אויף יוסף׳ן. זי קוקט אויף אים. און יוסף שטעלט זיך פאָר, אַז זי איז נאָך באַוואוסטזיניג, און זי ווייסט, אַז זי שטאַרבט. דינה האָט פאַרמאַכט די אויגען און גענומען שנעל אָטעמען. דער דאָקטאָר האַלט איר פּולס. יוסף נעמט ניט אַראָפּ זיינע אויגען פון דינה׳ס פּנים. אַלע קינדער שטעהען פון דער זייט און קלאָגען. אין צימער איז אַ טויטע שטילקייט. מען הערט נאָר דינה׳ס שנעלען אָטעמען. נאָך אַ ווייל, און דאָס אָטעמען ווערט שטילער, שטילער, און פּלוצלונג האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען אַ זיפץ, און איז שטיל געוואָרען.

— שוין! — האָט דער דאָקטאָר אַרויסגערעדט, און באַגאָסען זיך מיט טרערען.

ווי אַ שטורם האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער יאָמער פון אַלע קינדער, און יוסף איז געבליבען ווי פאַרשטיינערט. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דוד המלך האָט געפאַסט און געוויינט, ווען זיין קינד איז קראַנק געווען; און ווען דאָס קינד איז געשטאָרבען, האָט ער זיך באַלד באַרואיגט, און האָט געזאָגט: „קען איך דען אומקערען אים? איך וועל גיין צו אים, און ער וועט זיך ניט אומקערען צו מיר".

— ברוך דין אמת! — האָט יוסף געזאָגט הויך אויפ׳ן קול איינצעלנע ווערטער; און די קינדער האָבען שטיל נאָכגעזאָגט.

— ליבע, טייערע קינדער — האָט זיך יוסף געווענדעט צו די קינדער — איך בעט אייך, לאָמיר אונזער גרויסען אומגליק איי־בערטראָגען אָהן געשריי.

יוסף׳ס ווערטער האָבען געווירקט. שטיל האָבען געפלאָסען טייכען טרערען, אָהן דעם געוויינליכען יאָמער־געשריי. מען וויינט, און אַלעמענס אויגען זיינען געווענדעט צו דער טויטער. איר פּנים האָט זיך פיל געענדערט, אָבער אַרום איר מויל איז געבליבען אַן אויסדרוק, וואָס עראינערט איר גוטמוטיגען שמייכעל.

די נעקסטע נאַכט איז יוסף מיט דעם עלטערען איידעם געזעסען נעבען טויטען קערפּער. ער האָט ניט געוואָלט, אַז באַצאָהלטע

שמשים זאָלען זיצען די נאַכט נעבען זיין דינה'ן. אַזוי לאַנג ווי זי איז דאָ צווישען די לעבעדיגע וויל ער זיך ניט שיידען פון איר. זיצט ער מיט דעם איידים, מען רעדט ניט קיין וואָרט. דער איידים קוקט אריין אין אַ בוך, און יוסף זאָגט תהלים, די קאַפּיטלאך, וואו עס רעדט זיך וועגען לעבען און טויט. עס ווערט שווער זיין קאָפּ, נעהט ער צו צום פענסטער. ער קוקט אויפ'ן קלאָרען אויסגע־שטערענטען הימעל, און די פארגאנגענהייט שווימט אַרויף אין זיינע געדאנקען. אים שטעלט זיך פאָר זיין חתונה, פאר זיינע אויגען שטעהט די יונגע שעהנע, בליהענדע דינה... און זיין בליק פאלט אויף דעם שווארצען געוואנט מיט די ברענענדע ליכט צו־קאָפּענס. זעצט ער זיך נעהענטער צו דער טויטער, און זאָגט ווײ־טער תהלים. זאָגט און וויינט.

אין דער פריה, ווען די שטוב איז פול געוואָרען מיט מענשען, און ווייבער האָבען אָנגעפאנגען צו געוואלדעווען, יאָמערען און טענה'ן, איז יוסף איינגאנצען ווי צומישט געוואָרען. ער איז אַנט־לאָפען אין אַ ווייטען צימער. די געשרייען גרייכען אויך אַהער, און לעכערען זיין מוח, און רייסען זיינע נערוועז. מען רופט אים צום טויטען צימער. ער גייט און וואקעלט זיך. צוגעגאנגען צום טיר. דינה ליגט שוין אין ארון, און אַן אַלטע אידענע דערלאַנגט יוסף'ן אַ רינג און זאָגט: „אַט האָט איר דעם פינגערל, וואָס מיר האָבען אַראָפּגענומען פון אייער פרוי'ס פינגער".

— דער טבעת קדושין! — האָט יוסף אַ ווילדען געשריי גע־טאָן און גענומען פאַלען. מען האָט אים אונטערגעכאַפּט, אריינגע־פירט אין צווייטען צימער, עפּעס טראָפּענס איינגעגעבען. ער האָט געעפענט די אויגען, פארקוועטשט אין האנט האַלט ער דעם רינג, און מורמעלט: „אָפּגעגעבען צוריק דעם פינגערל, וואָס איך האָב זי מקדש געווען. אויס שידוך, צושיידט זיך... ניין! איך וועל זיך ניט שיידען!" האָט ער אויסגעשריען, און גענומען ווייטער חלש'ן. די קינדער האָבען די גאַנצע סצענע ניט געזעהן. פריינט האָבען אים אָפּגעמינטערט. ער האָט אָנגעהויבען קומען צו זיך, און האָט זיך ביסלאכווייז בארואיגט, גענומען שטאַרקען זיך מיט איבער־

מענטשליכע קרעפטען, אָנגעשטריינגט זיך, געגאַנגען צום אָרון, אַ קוק געטאָן אויף דינה׳ס פּנים, און גענומען ריידען שטיל, אָהן געוויין:

— ליבע, טייערע קינדער מיינע! דאָ ליגט אַ קערפּער, וואָס האָט אין זיך געטראָגען אַ לויטערע נשמה, אַן אומבאַגרעניצטע גוטע האַרץ, אַ פאָלקאָם אָרענטליכע פּרינציפּיעלע פרוי, אַ גוטמוטיגע, פריינטליכע, ליבליכע און ברייטהאַרציגע צו יעדען מענטשען. אייער מוטער איז געווען איינע פון די גאָט־געבענטשטע פרויען, וועלכע קענען פאַרוואַנדלען זייער הויז אין אַ גן־עדן. איר, קינדערלאַך, האָט פאַרלאָרען ניט נאָר אַ גוטע צערטליכע מוטער, נאָר אויך אַ קלוגע וועג־ווייזערין אין אייער לעבען. דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרלאָרען אַ געטרייע, באַוואוסטזיניגע טאָכטער. די מענטשהייט האָט פאַרלאָרען אַ מענטשען, וואָס איז ווערט געווען דעם נאָמען מענטש אין דעם פולען זינען פון וואָרט; און איך, איך האָב פאַרלאָרען ניט נאָר אַ ליבע, אַ געטרייע פרוי, ניט נאָר דעם בעסטען יוגענט־פריינט, נאָר איך האָב פאַרלאָרען דעם גרעסטען טייל פון מיין אייגענעם וועזען. ווען מען פאַרלירט אַזאַ פרוי, איז מען אַליין האַלב אָפּגעשטאָרבען. גרויס איז אַלעמענס פאַרלוסט, אָבער דער גרעסטער איז מיינער. קערפּערליך איז מיין לעבען געוויס צובראָכען. איך בעט נאָר גאָט, אַז איך זאָל גייסטיג ניט צובראָכען ווערען, און דערצו קענט איר מיר העלפען. אייער אויפפיהרונג זאָל זיין אַ טרייסט אין מיין טרויעריגען לעבען. לאָמיר זעהן, אַז אין אייך לעבט דאָס שעהנסטע פון אייער מוטער׳ס נשמה. זאָל בלויז איר קערפּער זיין געשטאָרבען, אָבער איר גייסט זאָל בלייבען מיט אונז.

אָהן געשרייען האָט מען דינה׳ן אַרויסגעטראָגען פון איר היים. נאָר טייכען טרערען האָבען געפליסט הינטער דעם אָרון. שטיל איז מען צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו די ערד האָט אויפגעעפענט איר גרויזאַמען מויל איינצושלינגען די פיל געליבטע און געאכטע פרוי און מוטער. ווען מען האָט גענומען דעם אָרון אַראָפּלאָזען אין קבר, האָט יוסף דערפילט ווי ער זינקט צוזאַמען מיט דעם אָרון אין דער טיפענגיש פונ׳ם אָפּגרונט. און יעדער לאָפּעטע ערד, וואָס

איז געפאלען אויפ׳ן קבר, האָט צוגעדריקט יוסף׳ן ווי א שווערער שטיין. ער פילט, אז דאָ ווערט באַגראָבען אַ טייל פון זיין „איך“, און ער בלייבט ניט טויט, ניט לעבעדיג, אינ׳ם עולם התוהו. די זיהן, קלאָגענדיג, זאָגען קדיש, און יוסף ווייסט ניט נאָך וועמען איז דער קדיש: נאָך זייער טויטער מוטער, אָדער נאָך זייער האלב-לעבעדיגען פאָטער. שטיל פארלאָזט מען דעם בית־עלמין. יוסף וואַרפט אַ בליק צוריק. ער זעהט דעם בערגעל נאַסע, קאַלטע ערד, אונטער וועלכען פרעמדע הענט האָבען פון אים באהאַלטען זיין דינה׳ן. די פרעמדע הענט האָבען אָבער געקענט נאָר איר קאַלטען קערפער אריינלעגען אין דער ערד, אָבער איר וואַרימע הארץ איז פארבליבען אין די טיפעניש פון יוסף׳ס הארץ, און פאר איר נאָבעלער זעלע האָט ער צוגעקליבען דעם ריינסטען ווינקעלע אין זיין נשמה, און דינה איז געבליבען מיט איר יוסף׳ן אזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען.

שבעה זיינען אלע קינדער געזעסען אין יוסף׳ס הויז. זיבען טעג האָבען אלע צונויפגעגאָסען זיך אין איין טיפען טרויער. מען האָט ווייניג גערעדט, ניט דערמאָנט די פארגאַנגענהייט און ניט גערעדט וועגען דער צוקונפט, נאָר די שרעקליכע געגענוואַרט האָט אַלעמענס הערצער מיט פיינליכע שמערצען אָנגעפילט. יוסף האָט פאר די קינדער פאָרגעלעזען דעם ספר איוב, וואו עס ווערט וואונדערבאַר שעהן דערצעהלט וועגען דעם מענטשענ׳ס פארצווייפלונג אין זיין גרויסען אומגליק; און ווי אזוי די טרייסט-ווערטער פון די פריינט העלפען ניט, נאָר גאָט׳ס וואָרט האָט אים בארואיגט. און ווי שעהן זיינען געוועזען די תפלות אין יוסף׳ס הויז. ניט די געוויינליכע מנינים מיט פרעמדע מענטשען. ער האָט געוואָלט האָבען נאָר איי־גענע, וועלכע פיהלען דעם גאַנצען ווייטאָג, און וועמענס נשמות זיינען פארבונדען מיט דער פארשטאָרבענער׳ס נשמה. ער האָט געוואָלט זיין אומגעשטערט, כדי ער מיט זיינע קינדער זאָלען קענען פריי אויסגיסען זייערע פארביטערטע הערצער; און ער האָט דאָס אויסגעפירט. נאָר די אייגענע. די טעכטער מיט די שניר האָבען אויך אָנטייל גענומען. שטיל און לאַנג האָט מען תפלה געטאָן,

טייכען טרערען זיינען פארגאָסען געוואָרען, און די שטימונג איז געווען א הייליגע. אזוי האָט יוסף אָפּגעלעבט די ערשטע וואָך אין אן אטמאָספערע פון אן עסטעטיש־פילאָזאָפיש־רעליגיעזער דערהויבונג; און ער האָט נאָך ניט דערפילט די גאנצע ווירקליכקייט פון זיין אומגליקליכען צושטאנד.

נאָך שבעה, ווען יוסף האָט זיך אומקעגערט צו זיין אלטעגליכען לעבען, האָט ער ערשט גענומען פילען דעם ברענענדיגען וועהטאָג שטארקער און שארפער. ער קומט אין אָווענט אהיים פריהער פון די קינדער. עפענט ער די טיר מיט א ציטער אין אלע גלידער. די טונקעלקייט און שטילקייט ווארפען אויף אים א שרעק. ער טוט האסטיג א דריק דאָס עלעקטרישע קנעפעל. עס ווערט ליכטיג, אָבער אין זיינע אויגען איז פינסטער. ער זעהט ניט קיין זאך, נאָר דינה'ס געזיכט שוועבט פאר זיינע אויגען. אומבאוואוסטזיניג לויפט ער פון איין צימער אין צווייטען. אָט דאָ איז דינה געשטאנען, אָט דאָ איז זי געזעסען, אָט דאָ איז זי געלעגען; און היינט! אומעטום פוסט און וויסט. זעצט ער זיך אין א פינסטערען ווינקעל, דעם קאָפּ אָנגעשפארט אויף בײדע הענט, און קלאָגט. און ווי שרעקליך פיינליך זיינען די לאנגע שלאָפלאָזע ווינטערנעכט. נאָר וואָס צוגעמאכט די אויגען, און דינה קומט אריין: א מונטערע, א פרייליכע, מיט איר זיסען שמייכעל. אין אלע ווינקעלאך צושפרייט זיך די ליכטיגקייט און פרייד. ער כאפּט זיך אויף, האלט איין דעם אָטעם, צעעפענט ברייט די אויגען, און ער זעהט דינה'ן נאָהענט לעבען זיך. אראָפּגעהאנגען די פיס פון בעט בלייבט ער זיצען לאנג, און וויינט; און דאָס זיינען ניט די טרערען, וועלכע פארגרינגערען די שמערצען, וועלכע שווינקען אראָפּ די שווערע שטיינער פון הארצען; נאָר דאָס זיינען טרערען, וועלכע פאלען ווי פעך און שוועבעל אויף א פלאם פייער, און מען פילט, ווי דער מוח ווערט פארברענט און דאָס הארץ ווערט צושמאָלצען.

מיט יעדען טאָג ווערט יוסף אלץ מעהר צובראָכען. זיינע נערווען זיינען ערשיטערט, זיין הארץ אָפּגעשוואכט, אינגאנצען אויס־

גנדארט, פאר'חושכ'ט, פאראומערט. נאָר אַ שאָטען פון דעם גע־
ווזענעם יוסף וואנדערט דאָ ארום.

דער פרילינג איז געקומען. די שיינע, זונענדיגע טעג ברייננען
אים נאָר אויפרעגונג. די אויסערליכע ליכטיגקייט רייצט זיך מיט
זיין אינערליכער פינסטערניש. „אָט האָסטו אַ שעהנע ליכטיגע
וועלט, און קיין איין שטראל וועט ניט באַלייכטען דיין זעלע און
ניט דערוואַרימען דיין הארץ". באַשליסט יוסף צו באַזוכען איצטער
דינה'ס קבר. ער האָט ליב געהאַט צו באַגעגנען דעם פרילינג צו־
זאַמען מיט דינה'ן. קיינער זאָל ניט וויסען איז ער אַוועקגעפאָהרען
צום בית־עלמין. געוועזען אין דאָס אין מיטען וואָך. ניטאָ קיין
באַזוכער. אַ טויטע שטילקייט ארום. אָפּגעזוכט דעם קבר. קיין
מצבה איז נאָך ניטאָ. דאָס בערגעל ערד איז אַביסעל נידעריגער
געוואָרען, און עטליכע גרעזעלאך האָבען אויפ'ן קבר ארויסגע־
שפּראָצט. ער איז געבליבען שטיין צופוסענס פון קבר. די אויגען
ברייט צועפענט. ער וויל אריינדרינגען אין די טיפעניש און זעהן
זיין דינה'ס פנים; און ער דערזעהט. ער זעהט זי. זי שטעהט
פאַר זיינע אויגען מיט איר ליבען שמייכעל; און זיינע ליפּען האָ־
בען אָנגעפאַנגען צו פליסטערען: „דינה, דינה! דיין פאַר'יתומ'־
טער יוסף איז געקומען צו דיר. וואָס איז מיין לעבען אָהן דיר?
דו, דו ביזט געוועזען מיין לעבענס־קוואל. ווען די ביטערניש פון
דעם אַלטעגליכען לעבען האָבען מיין לעבענס־בעכער אָנגעפילט,
דאָן ביזטו געקומען מיט דיינע צערטליכע, ערנסטע גוטע רייד,
וועלכע זיינען פאַר מיר געווען אַ זיסער, דערפרישענדער באַלזאַם.
ווען אויף מיין לעבענס־וועג האָב איך פאַר זיך נאָר דערנער גע־
זעהן; דערנער, וועלכע האָבען געשטאָכען און געפּייניגט מיין
קערפּער און מיין נשמה, האָט דיין אָנוועזענהייט די דערנער־וועלט
פאַרוואַנדעלט אין אַ בלומען־גאָרטען. ווען אַנטוישונגען אין וועלט
און מענטשען פלעגען נעמען פאַרגיפטען מיין נשמה, אריינ־
גיסענדיג עקעל און האַס צו אַלעם, פלעגט דיין ברייטהאַרציגע, אומ־
באַגרענצטע ליבע צו אַלעמען און צו אַלעם אריינטריפען אין מיין
הארצען און צוריק אויפוועקען אין מיר ליבע צו אַלעמען און צו

אלעס. ווען גערדיכטע וואָלקענס פלעגען זיך אָנרוקען און נעהמען פאַרדונקעלען מיין אינערליכע וועלט, האָט דיין שטראַלענדער גוּ־טער בליק אריינגעשיינט טיף אין מיין נשמה, און האָט אלע וואָל־קענס צוטריבען".

א געזאַנג פון א פויגעלע האָט איבערגעריסען יוסף'ס רייד. נעבען קבר שטעהט א בוים. אויף איינער פון די יונגע גרינע צווייגעלאך זיצט א פּראַכטפולע שייגינקע פויגעלע און זינגט; און איר געזאַנג קלינגט אין יוסף'ס אויערען זעהר טרויעריג. א קוואַל טרערען האָט זיך א גאָס געטאָן פון זיינע אויגען. ער קוקט ארויף און בעט: „זינג, פויגעלע, זינג. זינג דיין זיסען „אל מלא רחמים" נאָך מיין דינה'ן. העלף מיר קלאָגען אויף מיין גרויסען פאַרלוסט".

דער באזוך אויפ'ן בית־עלמין האָט אויף יוסף'ן געהאט א גוטע ווירקונג. אין די טרערען, וואָס ער האָט פאַרגאָסען אויף דינה'ס קבר, האָט זיך אביסעל אויסגעגאָסען די גאַליגע ביטערניש, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אויף זיין נשמה. מיט זיינע רייד, וואָס ער האָט גערעדט צו דינה'ן, האָט ער אויסגעגאָסען זיין צעוועהה־טאָגט הארץ, און עטוואָס פאַרגרינגערט זיין פיינליכען, נשמה'דיגען וועהטאָג. ביסלאַכווייז האָט ער אָנגעפאַנגען צו בארואיגען זיך. ער האָט גענומען צונויפקלייבען אינגאַנצען זיינע גייסטיגע וואפען, מיט וועלכע ער זאָל קענען באַקעמפען פאַרצווייפלונג און ענטוי־שונג אין לעבען. ער האָט גענומען גריבלען זיך אין די טיפעניש פון זיין נשמה, און געפונען דאָרט וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט פון אַלעס וואָס ער האָט ביז איצטער געלערענט און געדענקט אלס מענטש און אלס איד; גענומען א פּאָר ביטערע טראָפּען פון פילאָזאָפיע און א היבשע דאָזע זיסע פילען פון רעליגיאָן, צונויפ־געמישט און צוזאַמענגעשטעלט א הייל־מיטעל פאַר א געפייניגטער נשמה. אויף יוסף'ן האָט דאָס גוט געווירקט. ער האָט אָנגעפאַנגען ביסלאַכווייז קומען צו זיך ניט נאָר גייסטיג, נאָר אויך קערפּערליך איז ער געוואָרען עטוואָס שטאַרקער. די וואונד איז נאָך אָפען גווי געווען, אָבער ער קען באהערשען זיינע געפיהלען, ער קען זיך

צווינגען צו ליידען, ער קען זיך איינהאַלטען ניט צו רייצען די וואונד.

אזוי האָט ער זיך אַביסעל בארואיגט, און האָט באשלאָסען אָנ־צופאַנגען שרייבען אַ לעבענס־באַשרייבונג פון אים מיט זיין דינה'ן. זאָל דאָס בלייבען פאַר די קינדער אַן אָנדענקען פון אַ גליקליכען שיינעם, אידעאַלען פאַמיליען־לעבען.

אין די זומערדיגע אָוונטען, נאָך אַ טאָג ארבייט אין דער רעד־דאַקציע פון זייער צייטונג, האָט יוסף ליב צו בלייבען אַליין אין דער היים, און שרייבען זיינע עראינערונגען. ער בעט זיינע צוויי ניט־פאַרהייראַטע קינדער, אַז זיי זאָלען צוליב אים ניט בלייבען זיצען אין הויז. ער פאַרזיכערט זיי, אַז אים איז ניט אומעטיג, ווען ער בלייבט אַליין אין הויז. און גאַנץ ערנסט האָט ער ניט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלען זיך צוריקהאַלטען פון זייערע פאַרגעניגענס. זאָל דער זוהן געהן מיט זיין כלה און די טאָכטער מיט איהר חתן. זאָלען די קינדער אומגעשטערט געניסען פון דער זיסער געגענוואַרט אַלס חתן און כלה, פאַרשטעלענדיג זיך זייער גליקליכע צוקונפט, און ער אַליין וועט לעבען מיט דער פאַר־גאַנגענהייט. בלייבט ער אַליין נעבען זיין שרייב־טיש. אַנטקעג־גען אים שטעהט דינה'ס בילד מיט איר ערשטען אייניקעל אויף אירע הענט. מיט דורכדרינגענדע בליקען קוקט ער אויף דעם בילד, וואָס איז גענומען געוואָרען איינינע מאָנאַטען פאַר איר טויט. ווי יונג זי זעהט נאָך אויס. קיין איין קנייטש אויפ'ן פנים; אין די גוטע, מילדע, שעהנע אויגען שפּיגעלט זיך אָפּ איר גוט הארץ און איר ריינע זעלע; און ווי איינדרוקספול איז איר שמייכעל, וועלכער דריקט אויס פולקאָמע גוטמוטיגקייט, צופרידענהייט און גליקזעליגקייט. זיצט יוסף אַ לאַנגע צייט, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען פון דעם בילד, פון דער יונגער באָבע מיט איר ערשטען אייניקעל. ער ווערט באַגייסטערט, און שרייבט ווייטער זיין ביאָ־גראַפיע. ער שרייבט, און לעבט איבער יעדער עראינערונג. אָפט פאַלען בלוטיגע טרערען אויף די נאַסע ווערטער. די טרערען מישען

זיך מיט דעם טינט, און די צופליצטע, צעשוואומענע ווערטער שוועבען פאַר זיינע אויגען אין דער לופטען, ווערטער מיט פייער־דיגע בוכשטאַבען, וועלכע צופלאַקערען די נשמה און ברענען דאָס האַרץ. ער שרייבט ווייטער ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַ מידער פאַלט ער אַריין אין בעט און זעט זיסע חלומות פון זיין פאַר־גאַנגענהייט. ער חלומ'ט פון די גליקליכע זיבען־און־דרייסיג יאָר, וועלכע זיינען פאַרשוואונדען געוואָרען ווי אַ חלום.